STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11336

# KROSHNIK-RYO

Rosa Palatnik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזע פּאַלאַטניק

(שאַפּראַן)

# קראָשניק—ריאָ

דערציילונגען

מײַנע ליבע
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] פּאַלאַטניק
דעם 17/5/37

וועגן אַלע ענינים וואָס זײַנען שייך
דעמדאָזיקן בוך — זיך ווענדן צו

***Rosa Palatnik***

**Rua Domingos Fereira, 92—Ap. 901**

*Copacabana—Rio.*

ראָזע פּאַלאַטניק

# קראָשניק ר״א

דערציילונגען

EDITORA "MONTE SCOPUS"
Rio de Janeiro — 1953

ארויסגעגעבן דורך צבי יתום
ריא — בראזיל
התשי"ד — 1954

# אינהאַלט:

## קראָשניק:


רעוואָלוציאָנערן
א חזן מיט משוררים
דער ערשטער לאָמפּ
פּאָליטיקער
צוליב א מיידעלע
סערקע
דער הימל האָט זיך ניט געשפּאָלטן
מאָביליזאַציע
פּאַרטוישט די קאַפּאָטעס
צעבראָכענע לעבנס


## ריאָ:


אויף תנאים
מעכל גולם
אויף דערוויל
וואָס זאָל ער איצטער ווערן
חשבון הנפש


## טראָפּיש בלוט:


שוואַרץ און ווייס
הינט
אָן ווערטער


## פּאַריזער מאָטיוון:


אויסגעלאָשן ס׳יום־כּפּור־ליכט
שטילע נעכט

# ה ק ד מ ה

## וועגן ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען
## און בכלל

כאָטש פּאָעזיע איז די שווערסטע וואָרט־קונסט — איז אָבער פּראָזע נאָך א שווערערע...

עס איז א ביסל פּאַראַדאָקסאַל, דערפאַר אָבער אמת. און דעריבער זיינען טאַקע זעלטענער די פּראָזע־טאַלענטן אין יעדער ליטעראַטור און אויך אין אונדזערער. און מען קוקט זיך אויף זיי מערער אום אין אונדזער גאָרטן — זעלטענערע בלומען. און אַז דעם שרייבער פון די שורות איז עס אויסגעקומען — מיט א רייע יאָרן צוריק — אויף זיין דורכרייזע דורך בראַזיל צו באַקענען זיך מיט ראָזע פּאַלאַטניק און באַקומען פון איר א פּעקל כתבים, אין פּראָזע טאַקע, האָט ער דאָס פּעקל באַהאַלטן אויף צו לייענען עס אויף דער שיף — אי מיט מער יראת הכבוד און אי מיט מער חשד, ווי דער מאמר זאָגט: כבדהו וחשדהו... אָבער ווי גוט איז מיר געווען, ווען עס האָט זיך באַלד ביים לייענען די ערשטע פּאָר בלעטלעך ארויסגעוויזן, אַז דער חשד איז געווען אַן אומזיסטער. און זינט דעמאָלט בין איך אַן אָנהענגער פון דעם פּראָזע־טאַלענט פון ראָזע פּאַלאַטניק.

איך וויים נישט צי פון אירע זיידעס און עלטער־זיידעס איז זי א פּוילישע — ראָזע פּאַלאַטניק; אפשר איז דאָרט ערגעץ פאַראַנען א צומיש פון ליטוואַקישער ראַסע אין אירע געבליטן; לויט דער מענטאַליטעט, וואָס קומט ארויס און קוקט ארויס און רעדט ארויס און ניגונט ארויס פון די בלעטער פון אירע דערציילונגען, איז זי אור־פּויליש־יידיש. וועט איר פרעגן: — פאַרוואָס שטרייכן מיר דאָס אַזוי אונטער? איז דאָ א תירוץ: — דערפאַר ווייל זי — ראָזע — איז טאַקע א פּויליש־יידישע לויט איר שטאַם, אָבער זי איז שוין יאָרן־לאַנג א בראַזיליאַנערין. איר לעבן — הייסט עס — איז האַלב־פּויליש־יידיש און האַלב בראַזיליאַניש־יידיש. און א שרייבערס שרייבן איז א שפּיגל פון זיין לעבן. פרעגט זיך: צי האָט אָט די מישונג פון לעבנס־טעג, און ממילא פון געמיטער, און ממילא פון עלעמענטן אין שרייבן, ניט ארויסגערופן בייזע רעאַקציעס? מיט איין וואָרט — צי האָט די מישונג געווירקט גוט אויף געמיט און טאַלענט? עס ווייזט אויס, אַז יאָ. מיר זעען דאָך די פּירות. עס פאַלט אונדז גראָד איין, אַז מישונג פּויליש־בראַזיליאַניש אין דער ליטעראַטור בכלל איז קיין נייעס נישט — און עס האָט אַלעמאָל גוט געווירקט.

אין דער פּויליש־פּוילישער ליטעראַטור זיינען אויך דאָ אַ סך בראַזיליאַנישע מאָ־טיוון, פאַראַנען אַפילו אַן עפּאָס „פּאַן באַלצער וו'בראַזיליע", און טאָקע פון אַ פרוי געשריבן — דער באַרימטער מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ.

אין היימישע און אין בראַזיליאַנישע זיינען אָט די דערציילונגען — כמעט גלייך אויף גלייך — איינגעטיילט, און צווישן די היימישע גייען שוין אַריין אויך פּאַריזער מאָטיוון. דער אמת אָבער איז, אַז זיי זיינען אַלע היימישע — נאָר אין די פּויליש־יידישע מאָטיוון איז די היים דאָרט און אין די בראַזיליאַניש־יידי־שע איז זי דאָ. נאָר ווער ווייסט וווּ עס איז פאַרן ייד אין דער אמתן דאָרט און וווּ איז דאָ? די אמתע היים איז אין דער נשמה. אָט די היים, וואָס מען טראָגט אַלעמאָל מיט זיך מיט. אויף טעאַטער־לשון וואָלט מען געזאָגט: מען זיך ווי בייטן די דע־קאָראַציעס — די העלדן און זייער דראַמע גייען זיך בלויז זייער איינענעם וועג. און דאָך איז אויך די דעקאָראַציע וויכטיק — דער עיקר ביי אַ וועלט־פּאָלק און זיין וועלט־ליטעראַטור אין יידיש. און דעריבער שטרייכן מיר באַזונדערס אונטער דעם ווערט פון ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען — אי צוליב זייער לירישן חן, זייער זאַפטיקער און איבערשוימענדיקער לשונדיקייט, זייער בילדערישקייט, זייער אומ־מיטלבאַרקייט, זייער נאַראַטאָרישקייט — זיי דערציילן אַלעמאָל עפּעס אויף אַן אמת, זיי זיינען נישט בלויז „דערציילונגען" לויט דער פאָרם, נאָר אויך לויטן אינ־האַלט — און אי צוליב זייער בראַזיליאַנישער לאַנדשאַפט און בראַזיליאַנישן פּערסאָנאַזש.

אָט די דערציילונגען לייענען זיך מיט נחת און נישט נאָר לייענען זיי זיך איבער גרינג, נאָר אַ היפּשער טייל פון זיי בלייבן אין זכרון — יאָרן. און דאָס איז אַ מדרגה. מיר ווילן דאָ נישט אַרויסהייבן באַזונדערע דערציילונגען און זיי דערמאָ־נען מיט זייערע נעמען. אַזוי ווי עס איז פאַראַנען קנאת סופרים איז אפשר אויך פאַראַנען — האָבן מיר מורא — קנאת מעשיות צווישן זיך... זאָלן זיך די דער־ציילונגען אין בוך נישט נעמען קריגן צווישן זיך. און אגב — ביי אַ מאַמען זיינען דאָך אַלע קינדער גלייך ליב און מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פרוי־שרייבערין. דאַרף מען נישט ווי טאָן אירע מאַמע־געפילן בנוגע אירע גייסטיקע קינדער. אַז איר וועט לייענען — וועט איר אַליין אויסגעפינען די טאַלענטפולסטע און בולטסטע זאַכן פון אָט דער ערשטער זאַמלונג פון ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען.

אָט די דערציילונגען זאָלן, און וועלן, געווינען פאַראינטערעסירטע לייענער און אַפּשאַצער שוין היינט, און אומעטום, וווּ יידישע ביכער ווערן געלייענט;

זיי וועלן אָבער האָבן דאַנקבאַרע לייענער אַלעמאָל. די יידישע וועלט־ליטעראַטור איז דער געטרייער שפּיגל פון יידישן וועלט־פאָלק. אין איר, און בעיקר אין איר, און אפשר נאָר אין איר וועט מען אַלעמאָל זוכן די נשמה — די גוטע און שלעכטע זייטן אירע — פון דעם יידישן יחיד איבער גאָר דער וועלט. און אז מען וועט צוקומען צו בראַזיל וועט מען אַלעמאָל מוזן אויפמישן די דערציילונגען פון ראָזע פּאַלאַטניק. די היים האָבן א סך אירע באַשריבן און באַזונגען, אָבער בראַזיליעס דינאַמישן יידישן ישוב — נאָר יחידים, און צווישן זיי, איינע פון די בעסטע, ראָזע פּאַלאַטניק. און זי האָט געשילדערט געטריי — דאָס ליכט און דעם שאָטן, דעם יצר הטוב און דעם יצר הרע אין די אויסגעוואָרצלטע יידישע נשמות, וואָס זוכן זיך איינצוואָרצלען ווידער און מיט אַלע, אַלע כוחות בלייבן יידן. און כאָטש איך האָב פריער געזאָגט, אז איך וויל נישט זיין קיין גזלן לגבי דער דערציילערין און וויל נישט ארויסהויבן קיינע פון די דערציילונגען, וויל איך אָבער נישט זיין קיין גזלן לגבי זיך אַליין אויך און איך מוז ארויסהויבן גאָר באַזונדער די דערציילונג „מעכל גולם“. אין דעם שנירל טאַלענטפולע קרעלן, וואָס ווערט אייך דאָ דערלאַנגט, איז דאָס — לויט דער מיינונג פון אונדזער וויניקייט — די פּערל.

א וואַרעם, הארציק, טאַלענטפול און — אחרון, אחרון חביב — ל ײ ע נ ב א ר בוך מיט דערציילונגען אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור.

מלך ראַוויטש

מאַי, 1953, מאָנטרעאָל.

# קראָשניק

ג ע ה יי ל י ק ט

דעם אָנדענק פון מיין צעשטערטער אַלטער היים

**ק ר אָ ש נ י ק**

מיט אירע קדושים וואָס זיינען דורך די דייטשע תלינים אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן.

# רעוואָלוציאָנערן

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ שיינער, אַ זוניק-וואַרימער מיט גע־שמאַקע ריחות פון בוימל-בולקעס, מערן-צימעס, ציימיק היי און קאָרן-בלימעלעך. אין די ווינקלען פון די הייזער האָט מען געהאַקט קלעצער, געזעצט ברעטער, און געקליבן סכך צו באַדעקן די פריש-אויפגעשטעל־טע סוכות.

יונגוואַרג האָט געסטראַיעט פאַפירענע פייגעלעך, רויטע אייער, טע־פיכער און פּרוכת׳ן אַלץ צו באַצירן די הוילע ווענט פון דער נאַקעטער סוכה... און פּלוצים — אַ טומל אין שטעטל. אויפן ווייסן באַרג וווּ עס שלענגלט זיך דער לובלינער וועג, האָט מען דערזען אַ הויכן וואָגן געהילט אין וואָלקנס-שטויב וואָס האָט זיך טרייסלענדיק געוויגט אויף די קלינגענ־דיקע שטיינדלעך. מען האָט אויך באַמערקט, ווי אַ רויטע פעדער פאַכעט איבער אַ גרינעם הוט, קעמפּט מיטן ווינט און רייסט זיך פאָרויס צום שטעטל צו. וואָס נענטער דער וואָגן איז געקומען, אַלץ בולטער האָבן זיך אויסגעשיילט די פאַרשוינען.

צוויי אָפּגעצערטע מיידלעך מיט רויטע סטענגעלעך אין די קורץ-גע־שוירענע „פּאָלקעס״ זיינען געזעסן פון פאָרנט; זייערע מאָגערע פּנימער, פאַרפלאַמט, רויט; די צעגראַטשעטע הענט, רויט; די אויסגעפּאַסטע בלוז־קעלעך — אויך רויט...

הינטער זיי אַ פּאָר געזונטע יונגאַטשעס, מיט קנאַכיקע באַקן אין קור־צע רעקלעך, שטראַלנדיקע אויגן וואָס האָבן פריידיק געקוקט ווי עס דער־נענטערט זיך זייער היים...

אויפן דריטן געזעס, איז געזעסן, אויף אַ גאַנצן סנאָפּ שטרוי — זלמעלע דער קאָמאַשענמאַכער — מיט אַ מינע, ווי אַ גענעראַל פון דער גאַנצער אַרמיי....

ריווע, די לאָמע וואַסערטרעגערין, האָט זיך מיט אירע פולע קענדלעך האַסטיק געטאָן אַ שטעל אָפּ און אויסגעשריגן אויפן הייזעריקן קול: —

„א בראָך אָט מעך געטראָפן, יידן! — זעיץ נאַר, זיי זיינען דאָך שוין דאָ די „דראנים"... אָט איז, פעסע מאַפּס און טאַטיץ גיטל סטאָלפּ און דאָרטן יזיי־טער, די מיט דער רויטער פּעדער, בנאמנות, ס'איז חנטשע די קראַסאַ־וויצע"...

* *
*

מיט 5 מינוט שפּעטער, האָט מען אויפן שטיינערנעם ברוק ניט גע־קענט מער אדורכגיין... עולם האט געלאָזט אינמיטן דעם יום-טובדיקן טאַראַראַם און געקומען זען דאָס אריינפאָרן פון די „הפקר-יונגען", די „רעוואָלוציאָנערן", די „שטרייקערס" וואָס האָבן געבראַכט אן איבערקע־רעניש אין שטעטל...

אָנגעהויבן האָט זיך די „רעוואָלוציע" מיט 6 חדשים צוריק.

זלמעלע, וואָס האָט געלייענט דעם וואַרשאַווער „קאָבער-לעפּל", שמר'ס ראָמאַנען און — געהיימע בראָשורן, האָט אין א וואָכנדיקן טאָג זיך פלוצים באַוויזן צו מענדל פּאַרטאַטשס שניידערשן וואַרשטאַט, אין זיין שבת'דיקן כאַלאַט, די ברוינע אויגן האָבן זיך געשיבערט אונטער זיי־נע וויעס, אהין און קריק — ווי דער אומרו ביי א זייגער... ער האָט גע־שיקלט צו די געזעלן, וואָס האָבן אריינגעזומט א „דודעלע", סטריגעוועַנדיק א נגידישע „וויפראַווע"... זיי א שושקע געטאָן אין די אויערן:

— „הוילעכץ אוועקיט אינעם קליינעם וועלדל אריין... ס'וואַרטן שוין דאָרטן די גאַנצע כאַליאַסטרע... טאָמער קומטעץ ניט, עטיץ דאָ שוין פאַר־פוילט ווערן אויף אייביק"...

דאָס זעלבע שטיקל אַרבעט, האָט זלמעלע אָפּגעטאָן, ביים בעקער, ביים סטאָליאַר, ביים שוסטער און ביים רימאַזש:

געוועזן איז עס פונקט פאַר פּסח. די שוסטערס, שניידערס און רימאַזשעס האָבן א גאַנצן ווינטער געבענקט נאָך די לעצטע צוויי ערב־פּסח-וואָכן, ווען די אַרבעט ברענט אונטער די הענט, די פאַנטאַזיע מאָלט קומענדיקע, זאַטע יום-טוב-טעג, דאָס גוטע עסן, די נייע מלבושים און דאָ פלוצים — די געזעלן האָבן זיך אויסגעפוצט אין די גלאַנציק-עלעפּאַגענע כאַלאַטלעך, גלאַנציקע קראַוואַטן אין די קעלנער און גענומען רעדן מיט זייערע באַלעבאַטים, אזוי צו זאָגן:

— „מיר לאָזן זיך מער נישט עקספלאָאטירן, געגנוג מיט דעם בלוט-זויגערישן שמאַך און שאַנדע! אינץ סטרייק מע"...!

ר' מענדל פאַרטאַטש מיטן באַרימטן שם פון קענען איבערניצעווען אַלטע בגדים אויף „בגדי מלכות", האָט אויסגעלופּעט זיינע רויטע קאַליע-אויגן אויף דער פּוסטער שטוב, אַרויפגעקוקט פאַרחידושט אויפן צעלע-בערטן סופיט, צוליב וועלכן ס'איז א גאַנץ יאָר געשטאַנען אונטערגע-שטעלט טעפּ, שיסלען, כדי דאָס רעגן-וואַסער זאָל אים ניט פאַלן אין בעט אַריין... ער האָט געקוקט אויף זיין וואַטאַוועד קאַפּאָטע, וואָס איז געלעגן, ווי א באַלעם איינגעקנוילט אין די צעבראָכענע שויבן פענצטער און גע-הויבן מיט זיינע אויסגעדאַרטע פּלייצעס, מורמלענדיק:

— „עקספּלוטאַציעס שמאַך און שאַנדע, א וויסטער חלום צו זייערע קעפּ"...

* *

*

פון ווייבערשן מין זיינען צוגעשטאַנען בלויז דריי. פּעסע מאָפּס, ווייל זי האָט געזוכט נקמה אינעם בראָנעטן סאָלדאַט, וואָס איז נעלם געוואָרן פּונקט פאַר דער חופּה מיט איר... גיטל סטאָלב, ווייל „יאַנטעק" וואָס האָט איר צוגעזאָגט זיך מגייר צו זיין, איז גאָר געגאַנגען צום „אַלטאַר" מיטן הזיר-קיילערס שיקסל... און חנטשע די קראַסאָוויצע, ווייל זי זעט ניט קיין „תכלית" אין אַזאַ „וויסטן העק".... חנטשעס בלויע דורכזיכטיקע אויגן האָבן געקוקט מיט בענקשאַפט צו די געדרייטע וועגן וואָס שלענגלען זיך צו די גרויסע אומבאַקאַנטע וועלטן... און דאָ ביי זיי אין דער ענגער שטוב איז תמיד פול מיט חדר-יינגלעך וואָס שמעקן פון זויערן באָרשטש מיט איבערגעשטאַנענע קאַרטאָפלעס... האָט זי אַזוי לאַנג גע-זופּט מיט איר, תמיד פאַרקאַטערטן אָדלער-נעזל, ביז זי האָט א זאָג גע-טאָן צום טאַטן, דעם דרדקין מלמד: — נאָדיר א שבוש פאַר אַזאַ לעבן... און קאַטעגאָריש דערקלערט:

— יעך שטיי צו צו דער אויפגעוואַכטער פרייהייט... צו דער „רעוואָ-לוציע"....

* *

*

מוצאי פּסח איז דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און

געקוקט, ווי די „בונטאָוומשיקעס" קלעטערן אויף „מאָטל בולאָקס" הויכן וואָגן אַרויף. ווייסע חברה'ניקעס האָבן פאַרשטעקט זייערע פינגער צווישן די ליפּן און אַרויסגעלאָזט הילכיקע סווישטשערייען... פאַר שרעק האָט די האַלב־בלינדע שקאַפּע גענומען בריקערן מיט די פיס און דער הויכער בעל־עגלה־יונג האָט געסטראַשעט מיט דער לאַנגער בייטש: — טאָמער עטיץ ניט אָפּטרעטן על יעך שנאַדן גאַנצע פּאַסן...

* *
*

אין וואַרשע האָט אַ טריבער פאַרטאָג אויפגענומען די „פּראָווינצער עקספּעדיציע" מיט אַ פּראָסטיק שוידערל... מידע, פאַרשלאָפענע האָבן זיי געקוקט, גאַנץ אומעטיק, אויף די שמאָלע פּאַסן הימל וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט קליינע טונקעלע וואָלקנדלעך. אַ קאַלט שוידערל האָט אַדורכ־גענומען זייערע ניט אויסגערוטע גלידער... אַ שטילע בענקשאַפט האָט שוין באַצייטנס גענומען נאָגן אונטערן אָנגעווייטיקטן לעפּעלע... אויפן אַנדערן טאָג זיינען די שוסטער און שניידער־יונגען שוין געזעסן אין קליינע, ענגע חדרימלעך, ווו, פון דער צווייטער זייט, האָט אַריבערגעקוקט אַן אָפּגע־חומרטע בלינדע וואַנט... זייערע אויפגעוואַכטע רעיונות, האָבן באַלד גע־נומען אַדורכלעכערן די דאָזיקע „בלינדע וואַנט" און גענומען לויפן צוריק צו מענדל פאַרטאַטשס ברייטע פענסטער ווו אַ געדיכט צעוואַקסע־נער בוים פלעגט אין די זוניקע פרימאָרגנס אַריינשאָקלען מיט פרישע טראָפּנס טוי... צוריק צו דער ריינערער לופט פון די נאָענטע לאַנקעס וואָס האָבן אַזוי באַנגפול געצויגן ביים האַרץ, און ס'געזאַנג פון אַ „דודעלע" האָט זיך אַ צעגאָס געטאָן איבער דער גאַנצער שטוב, די זיסע מעלאָדיע האָט פאַרהילכט דאָס קלאַפּן פון דער מאַשין: —

— „אַז אומעטום ביסטו דאָ — אין דרום און אין צפון ביסטו אויבעט דאָ"....

דערביי פלעגן זייערע פאַרבענקטע בליקן קוקן אויפן זאַמדיקן שליאַך צו די געשלענגלטע וועגן און טראַכטן אַז אין יענער טיפער ווייטקייט ווו עס ענדיקט זיך דער ראַנד פון הימל, אַז דאָרטן, דאָרטן מוז „ער" זיכער זיין...

נאָר קוקנדיק שפּעטער צו די שטומע וואַרשעווער ווענט, האָבן זיי זיך אַרומגעזען — אַז דערוויל איז „ער" דאָרט אויך ניטאָ...

פּעסע מיט גיטלען האָבן זיך גיך אונטערגעגעבן דעם „ווייסטן גורל", געלאָזט איבער זיך „קאָמאַנדעווען" די שווער־באַלייבטע באַלעבאָסטעס צו וועמען א דיקע מעקלערקע האָט זיי אַנגעדונגען אויף א גאַנצן זומער... בלויז איין חנטשען איז געלונגען — צוליבן ליאַלקעוואַטן פּנימל — צו ווערן א „סקליעפּאָווע" פאַר א גילדן א וואָך מיט א באַזונדערן ווינקל צום שלאָפן...

איז טאַקע דאָרטן, אין יענעם ווינקל, געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון די „רעוואָלוציאָנערן"...

קיין טיש אָדער בענקל, האָט חנטשע ניט פאַרמאָגט, בלויז א שמאָלער טאַפּטשאַן, ווי אין א „קאָזע"... איז, יעדן שבת צו נאַכטס, האָט מען זיך ענג צוזאַמענגעדרוקט אויף חנטשעס בעטל און גענומען באַטראַכטן די — „געמיינע־פּאַלאָזשעניע" צו וועלכער מען האָט געזוכט אַן אויסוועג... פּעסע מיט גיטלען זיינען תמיד געזעסן מיט געזונקענע קעפּ... זלמעלע פּלעגט זיצן שטיל... די שמאָלע פּלייצעס, איינגעהויקערט, זיינע אומרו־אויגן — גלייך א ספּרוזשינקע וואָלט הינטער זיי געפּלאַצט — אומבאַוועגלעך... און גערעדט האָט ער תמיד איינס און דאָס זעלבע:

— „מען דאַרף קעמפן, נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, דער עיקר איז דאָך נאָר דער קאַמף..."

לסוף זיינען אַלע געקומען צו איין גרינטלעכן באַשלוס:

זאַמלען א גראָשן צו א גראָשן, ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן, אבי צו קענען אַהיימפאָרן אויף סוכות מיטן גאַנצן קנאַק... נישט אויסזאָגן דאָרטן, אז א שטיקל טרוקן ברויט מיט א גרינער ציבעלקע איז געווען ס'גרעסטע מלכות...

ביים לעצטן צוזאַמענטרעף זיינען זייערע בלאַסע פּנימער געווען מיד און פאַרמאַטערט. דערפאַר אָבער, זיינען שוין געלעגן גרייט זייערע געפּרעסטע אַנצוגן, לאַקירטע שיך מיט לאַנגע נאָסקעס.... און חנטשע האָט געהאַלטן אין איין אָנמעסטן דעם גרינעם הוט מיט דער רויטער פּעדער און שטיל אין זיך געטראַכט: די מיידן דאָרטן, וועלן פּלאַצן קוקנדיק... איין זלמעלע האָט שטאַרק געזיפצט און גערעדט אַזוי שטיל, ווי דורך א שפּאַרע אין דער טיר:

— „דער שניידער וויל נישט אַרויסגעבן ס'געהאַקטע זשאַקעטל, ווייל — טאַמער רעכנט ער נישט צוריק צו קומען... האָבן זיך אַלע איבערגע־

קוקט און איינגעזען, אז אין אזא „הולך", קען טאַקע דער סאַמעראַדנער אַנפירער נישט דערשיינען אין שטעטל אריין... האט מען באלד געמאכט א חברישן צוזאמענלייג ווייל — „איינער פאַר אלע און אלע פאַר איינעם"...

* *
*

אריינגעפאָרן אין שטעטל זיינען די „יום-טוב-געסט" מונטער און פריי-לעך. דער לויטערער הימל איז געווען אזוי בלוי, ווי די פריש געמאַלעוועטע ווענט. יונגע בחורים'לעך האבן זיך געגרייט דאָס מאָל צו געבן דעם „פאַרצוג" די ווארשעווער „פאַניענקעס"... כלה-מיידלעך האָבן נאָך א שטיק פאַר סוכות שוין געפלאַנעוועט איבערצושטייגן איינע דער אנדערער אינעם יום-טוב'דיקן „סטרוי"...

— א קלייניקייט — ווארשעווער פאַצעטן...

פאַרנאַכט האָבן זיך די חשובע געסט ארויסגעלאָזט אויפן ערשטן שפאַציר. זלמעלע אינעם דרייפערטלדיקן זשאַקעטל מיט ענגע, לאַקירטע שיך, האָט צוליבן שאַרפן ווייטיק פון די הינער-אויגן ניט געקענט גיין גלייך, נאָר האט פאַר יסורים, אונטערגעטענצלט... זיינע פאַרפלאָמטע בעקעלעך האָבן אים ניט פאַר'מסרט, אז א שטיקל טרוקן ברויט מיט הארטן קעז איז געווען א יום-טוב-מאכל... די שניידער-געזעלן, אין הארטע גומענע קעל-נער, מיט שטייף-געפרעסטע פראַנטן, האָבן זיך געבלאָזן אין זייערע, קור-צע רעקלעך, מעשה פראַנטן... צווישן יעדע פאָר ווערטער, דערמאָנט, אָז זיי קומען פון ווארשע... און אז דאָרטן קנעפּלט מען ניט די רעקלעך פון רעכטס אויף לינקס, נאָר פאַרקערט... און אז אָן אַקסל, הענגט דאָרטן ניט אראָפּ, ווי ביי מענדל פאַרטאַטש — געפּייגערט, נאָר ווערט אונטערגע-בעט, מיט קישעלעך, ווי די פיגורן אין די שוי-פענסטער...

ביי פעסען מיט גיטלען זיינען די ברייטע היפטן היפשלעך אראָפּגע-פאַלן, דערפאַר איז אָבער זייער שווער געגגל גריננער געוואָרן... און זייע-רע צעגראַטשעטע הענט — וויים באַהענטשקעט...

חנטשע, די קראַסאַוויצע, האָט זיך אינעם געפּאַסטן קאָסטיומל גע-האַלטן, ווי אויף שטאַלצן. אָנעם הוט מיט דער רויטער פעדער, איז זי ניט ארוים, אפילו פאַר דער טיר...

שטעטלשע באַלעבאַטים, פרומע לייט און אַפילו חסידים, וואָס האָבן פריער געשפּיגן קלעק אויף דער באַנדע „אַפּיקורסים", האָבן איצטער — קוקנדיק אויפן רייפן וווקס פון זייערע דערוואַקסענע טעכטער, געגומען אַנדערש קוקן אויף דער דאָזיקער זאַך... און אין דער שטיל מודה געווען:
— אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי מסוכן זיך א חבר צו טאָן מיט די וואַרשעווער פּאַצעטן. פאַרקערט... און אַפילו אָנגעקוקט זייער אַרומגיין „בגלוי ראש", און אַז נשקשה — אויף אַ קידוש צו זיך אַהיים, מעג מען זיי זיכער פאַרבעטן...

* *
*

מוצאי סוכות האָט שוין מאָטל בולאָק געמוזט צודינגען פרישע וואָגנס, כדי אויפצונעמען די שטאַרק-פאַרגרעסערטע „עקספּעדיציע" קיין וואַרשע...

די נייע „רעוואָלוציאָנערן" זיינען אַרויס פון שטעטל מיט גרויס פרייד און געזאַנג... פאַר דאָס זיינען געזעסן די אַלטע גאַנץ שטיל, כמעט איינגעקורטשעט און האָבן געטראַכט אין זיך:

— זינגט חברים, פרייט אייך גוט אָן מיטן קליינעם טייערן שטעטל... ווייל — נאָכן באַקענען די גרויסשטאָטישע „ציוויליזאַציע", וועט איר אויפהערן צו זינגען...

# א חזן מיט משוררים

ר' פייוול-איסר איז אין קראָשניק געווען דער גרעסטער חזן. זיין פּרעכטיקע שטימע, וואָס האָט קאָלעראַטורמעסיק אויסגעציקלט טרויעריקע ניגונים, פלעגט ביי די וויינענדיקע ווייבער צעברעכן זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער...

ערב די ימים נוראים, פלעגט דעם חזנס שטוב פול ווערן מיט זיסער נגינה. עס פלעגן זיך אָנהייבן די פייערלעכע צוגרייטונגען צו די הייליקע טעג, וואָס האָבן גאַנצע נעכט געשטערט דעם זיסן שלאָף ביי גוטע שכנים...

ווי אין הימל האָט זיך נאָר באַוויזן דער ערשטער שטערן און די גאַזאַמפּן האָבן א שטראַל געטאָן אויף די חושכדיקע געסלעך, פלעגן באַלד זיך צוזאַמענקומען דעם חזנס אונטערהעלפערס מאַכן „רעפּעטיציעס".

פינף סטאַבילע משוררים האָט געהאַט ר' פייוול-איסר. דער אויבנאָן פון זיי האָט פאַרנומען מנשהקעלע קוליאס, וואָס האָט געהינקט אויף איין פוס און געהאַט אַ פּאָר ראָזע מיידלשע בעקעלעך מיט טיפע שוואַרצע אויגן און איז, אין אלגעמיין, געווען א פעסט געבויטער יונג, מיט א גוטן אַפּעטיט און מיט אַ זעלטענעם הומאָר. דעם שענסטן וויץ האָט ער געמאַכט איבער זיך אליין, זאָגנדיק תמיד, אַז:

— „יעך האָב ניט קיין קאָרצערן פוס, אָסור — יעך האָב נאָר איין פוס אַ לענגערן"...

נאָך אַ זאַטן מאָלצייט, פלעגט מנשהקעלע זיך געוועטן, אויפסניי צו פאַרשלינגען א האַלב טוץ האַרטע אייער מיט א פערטל קילאָ וווּרשט, א גענדזן פּופּיקל, א פּאָר שאַרע ראָנעטן מיט א צוויי פלעשער ביר און דערביי זיך באַרימען, אַז ר'האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט דעם-טעם פון ריצנאַייל...

דער צווייטער משורר איז געווען יוסקעלע בענקאַרט (א צונאָמען פאַר זיין קלוגשאַפט), א יונג א גברן, אַן „אָסאָבע", מיט א ליכטיק פּנים, ווי די זון. ער פלעגט זיך ליב האָבן צו חברן מיט פערד און בהמות, און אז א שטעטלשע קאָזע האָט דערפילט יאָסקעלעם בליקן פון דערווייטנס, פלעגט

זי גלייך מאַכן א פלינקן ויברח, טאָמער ניט, איז זי געבליבן מיט אויסגע־קרוממטע הערנער...

דער דריטער איז געווען ישראלקע, א חתן פונעם חזנס טאָכטער, א שמאַל־חסידיש בחורל, מיט ערשטע סימנים אויף א שפּיציק בערדעלע, אין א לאַנגן כאַלאַטל, מיט א קליין יידיש היטעלע פון וועלכן ס׳האָט אפּירגע־קוקט א סאַמעטענער קאַפּל. ישראלקע האָט זיין כלה בלויז געקענט פונ־דערווייטנס... דערפאַר האָט ער געבענקט נאָך די ערב יום־טוב־נעכט, כדי בעתן אונטערהעלפן זיין צוקונפטיקן שווער, קענען בגנבה, כאַפּן א זייטיקן בליק אויף זיין שעמעוודיקער באַשערטער...

דער פערטער געהילף איז געווען דעם חזנס בן־יחיד יענקל, וואָס איז געווען א נידעריקער, ברוינהויטיקער, מיט גוטע לאַכנדיקע אויגן, א שיין שטימעלע צום זינגען, נאָר מיט שוואַכקייטן צו אָפטע פאַרקילונגען.

דער קליינער מאַטעסל איז געווען דער פינפטער משורר. א שמאָל ייִנ־געלע, א פלינקער, א זשוואַווער און א קלוגינקער וואָס האָט בלויז אונטער־געהאָלפן ביי די פּראָבעס, ווייל דאַוונען האָט ער געמוזט גיין מיט זיין חסי־דישן טאַטן אין לובלינער שטיבל אריין, און דער חזן ר׳ פייוול־איסר, איז געווען בעל־תפילה אין נייעם בית המדרש.

* * *

א נאַכט פאַר ראש־השנה, איז פאַרגעקומען די גענעראַל־פּראָבע...

חברה משוררים האָבן זיך צוגעשטעלט נאָך פאַר וועטשערע. שכנישע מיידלעך האָבן זיך באַלד גענומען דרייען הינטער די פענסטער און דעם חזנס כלה־מיידל האָט גלייך פאַרשטאַנען זייער בענקשאַפט און זיי פאַר־בעטן אין שטוב אריין... שטעטלשע בחורימלעך, ליידיקגייערס און בית־המדרשניקעס, אין געהאַקטע קאַפּאָטעס, געקרייזלטע פּאַהלעך, זיינען אין יענער נאַכט געקומען אָנציען זייערע זייגערלעך לויטן חזנס גרויסן וועק־זייגער...

* * *

ס׳אָ נאַכט פאַר ראש־השנה. די שכנישע מיידלעך זיינען געווען אויס־געזעצט אויפן הילצערנעם באַנק־בעטל, שטעטלשע בחורימלעך זיינען גע־

שטאָנען אין די ווינקלען, כלומרשט אָנגעצויגן די זייגערלעך, נאָר פון וויטנס געבליקט מיט בענקשאַפט צו די פרום-געראַטלטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך שטיל געשושקעט, געסודעט און אויך געבענקט... דער האַלבער בליך-לאָמפּ האָט באַלויכטן די שעמעוודיקע פּנימער... דאָס פעסל וואַסער וואָס איז געווען אַ ביסל צעלעכערט האָט שטיל געקאַפּעט. אונטערן גע־הייצטן אויוון האָט געגרילצט מאַנאָטאָן אַן אַלטע גריל און אין שטוב האָט געשמעקט מיט זיסע בשמים-ריחות, צוגעגרייטע פאַר די יום-טובדיקע קוילעטשן...

דער חזן מיט זיין לאַנגער באָרד און תמיד שמייכלענדיקע אויגן האָט זיך אַ באַוויזן געטאָן אויבנאָן ביים טיש און באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן:

„— „חברה, מ'עט אָנהייבן"....

דער בן-יחיד יענקל פון דער רעכטער זייט, מנשהקעלע קוליאַס פון דער לינקער זייט, די רעשט משוררים פון פאָרנט. דער חזן האָט אַ פאַר־קוועטש געטאָן די שוואַרצע אויגן, זיך טיף גענומען איינהערן, ווי צו אַ קאַמער-טאָן און אַליין מיט אַ זום-טרויעריקער שטימע געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל פון כל-נדרי:

— אהאַי-אהאַי-אהאַאַאַאַ...

ביי די מיידלעך זיינען די אויגן באַלד פייכט געוואָרן, די חזנטע האָט געמוזט נעמען אַ טיכל צו די אויגן און די אָנוועזנדיקע שכנטעס האָבן גלייך גענומען שנייצן די נעז אין די פאַרטעכער אריין... און דער חזן דערפילנדיק זיין „אוידיטאָריע" שוין גוט אָנגעסטראַיעט, האָט עלעגיש אַ נעם געטאָן דעם „אַשרי" און אים אַ צעלייג געטאָן ברייט און אויסגעצויגן, ווי אויף סאַמעטענע ים-כוואַליעס:

— אַ-אַשרי!!!

דער בן-יחיד יענקל האָט גלייך אונטערגעכאַפּט:

— יושבי ביתך!

און מנשהקעלע מיט זיין מיידלשן סאָפּראַן האָט גענומען דרייען שלשלתדיק:

— עוד יהללוך סלה...

ישראלקע, וואָס איז געווען אַ גוטער חתן אָבער גאָר נישט פאַרשטאַנען אין נגינה, האָט געפּרווט נאָכוואָרטשען... דער חזן האָט זיך געכאַפּט פאַר די אויערן:

— קינדערלעך! ס'קלאַפּט נישט — ס'אַן „עגלה־ערופה"! ניט קיין געזאַנג...

* *
*

די חזנטע מיט די ווייבער זיינען דערוויל אַוועק מאַכן ראַשטשינע אויף חלות. די מיידלעך האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט די בחורימלעך און מנשהקעלע קוליאַס האָט דערוויל דערפילט, אַז דער מאָגן, איז אים שוין ליידיק... האָט ער זיך שטיל פאַרגנבעט צום זייטיקן שפּייז־שענקל, דערטאַפּט דאָרטן אַ ראָזעווע ברויטל און באַלד געכומען קנייפּן שטיקער... נאָר דערפילנדיק אַז ס'איז אים צו טרוקן, איז ער אַוועק צו אַ צווייטן שענקל, גיך אַרויסגעשלעפּט אַ טעפּל פאַרגליווערט שמאַלץ, גענומען שמירן ברייטע פּעניצן און געריבן אויף ביידע באַקן... ווען דער חזן האָט זיך אַרומגעזען אַז עס פעלט אים דער „סעפּראַן", האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ, גלייך מען קוילעט אים די גאַנצע „קאַפּעליע" און געשריען צום שענקל: — וואָס גענעצסט דו דאָרטן? מנשהקעלע!... יענער האָט פּונקט געהאַט אַ פאַרפּאַקטן פּיסק, האָט ער אויף גיך פאַרקאַלערט דאָס ברויט אונטערן צונג און פאַראָבירט נאָכזינגען:

— באַ, באַם, באַם, באַ... באַם, באַם, באַם, באַ־אַ, באַ־אַ....

ס'איז אַרויסגעקומען, ווי פון אַ פאַרמאַכטן פאַס און דער חזן האָט געביטערט:

— ווייז איז צו מיינע יאָרן, מאָרגן דאַרף מען שוין שטיין פאַרן עמוד און דאָ איז נאָך אַ קאַצן־מוזיק...

דערוויל איז אַריינגעקומען די חזנטע און האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויפן צעהרגעטן ברויטל, איז זי גיך אַוועק צום אַנדערן שענקל און דערזעענדיק וואָס פאַר אַ פּנים דאָס טעפּל שמאַלץ האָט געקראָגן, האָט זי געטאָן אַ בייזלעכן קוק אין חזנס זייט אריין און שטיל אונטערגעברומט:

— מעגסט שוין א היים שיקן דיינע משוררים אויף וועטשערע, זיי האָבן שוין צורעכט געמאכט דיין מאָרגנדיקן אָנבייסן....

* *

*

צום דאַוונען האָט זיך דער חתן־בחור ישראלקע געכאַפּט, אז מיט נגינה, איז ער גאָר אַ קנאַפּער זיווג און דערפאר זיך ניט צוגעשטעלט אין בית מדרש אריין...

יאָסקעלע בענקאָרט האָט פּלוצים, דורכן שמאָלן בית־מדרש־פענסטער באַמערקט אַן איינזאַמע קאָזע וואָס לאַנגווייליקט זיך ביים שכן אין גאָרטן, איז ער, אויף א ווײַלע געלאָפן איר לייסטן געזעלשאַפט... דער בן־יחיד, יענקל, האָט זיך פּונקט צוגעקילט דעם האַלדז און איז געוואָרן הייזעריק ווי די וואַנט...

דער קליינער מאַטעסל איז אוועק דאַוונען מיט זיין חסידישן טאַטן אין לובלינער שטיבל אריין... און מנשהקעלע דערזעענדיק, אז דער גאַנצער עול וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ, האָט ער אין דער לעצטער מינוט גענומען ארוים־הינקען אין פאָליש אריין, מורמלענדיק:

— „יעך וויל נישט זאַן קהלס איינציקע כפּרה"...

אזוי איז נעבעך דער חזן, ר' פייוול־איסר, אין יענעם אָוונט אליין גע־בליבן ביים עמוד...

# דער ערשטער לאַמפּ

אין קראַשניק האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אַ מאָדנע „מגפה" — שריפות און גנבות זיינען געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג.

יידן האָבן מורא געקראָגן צו גיין אין דער פינסטערניש, איינצושלאָפן אין די נעכט, ווייל באַלד ווי די אויגן האָבן זיך געשלאָסן און דאָס נפש איז פאַרזונקען אין חלומות, האָט אַ רויטע לאַנגע אַ לייכט געטאָן אין די אויגן און אַ שרעקלעכער ליאַרעם האָט דערגרייכט צו די אויערן:

— „געוואַלד יידן! עס ברענט!"

אָדער אַ לויפן, סוווישטשען, טומלען, רודערן:

— „געוואַלד יידן! מ'גנבעט!"....

אזוי טאָג אויף טאָג און נאַכט נאָך נאַכט.

די „מגפה" האָט צומיינסטן געטראָפן אין די הינטערגעסלעך, ווו די פינסטערניש איז געוועזן צום אָנטאַפּן...

שניידערס, שוסטערס און סתם בעלי-מלאכות האָבן געקלאָגט, אַז: — „דאָס קראַשניקער השכבות איז נאָך ערגער, ווי אין מצרים... דאָרטן האָבן פון דער פינסטערניש געליטן בלויז די גויים און באַרונג איז עס די מכה פון געמיינעם סגאַל". אַנדערע שטעטלעך — האָבן זיי געטענהט — זיינען פון לאַנג שוין זוכה געוועזן צו „לעקטריטשנע באַלאַכטינק", נאָר אין קראַשניק טאַפּטשעט מען נאָך אַלץ אין דער פינסטער, גנבים שניידן אויס די שויבן, האַקן אָפּ די שלעסער, זעגן די פרענטן און קיין האָן טוט אפילו ניט אַ קריי... אַ האַלבע שטעטל ליגט שוין מיט די בעבעכעס אינדרויסן, די יאַמע-גאַס קוקט שוין אויס ווי אַ בית-עולם, די וואַנים-גאַס, ווי נאָך אַ פּאַ-גראָם, בלויז דער מאַרק-פּלאַץ מיט די פּאָר רייכע שניט-קראָמען רודערט נאָך...

דאָס „מאַגיסטראַט" מיטן בירגער-מייסטער האָבן צוווייסן געטאָן, אַז דאָס פינסטערניש, מיט די שריפות און גנבות איז אינגאַנצן אַ „זשידאָוו-סקע קרענק"; גויים וווינען ניט אין שטאָט, שפּאַצירן ניט אין די נעכט... היילט אייך אליין „ס'חולאת"...

שטאָטישע גבירים האָבן געענטפערט, אַז: — „פּאַרונזערטוועגן קאָן אפילו באַטוג אויכעט זאַן פינסטער... אינזערע "בליצערס„ מיט די גרויסע שטורקאַצן באַלאַכטן נשקשהדיק אַלע „קאַמעניצעס", נאָך אפילו מיט אַ שטיק אין האַלבן מאַרק אַריין. איי די הקדש־גאַס איז פינסטער? זאָלן זיי יעך מאַכן לעכטיק"...

איז אָנגעגאַנגען אַ גאַר לאַנגער וויכוח, ביזוואַנען די שריפות האָבן דערלאַנגט טאַקע אינמיטן מאַרק אריין... אָפּגעשרפעט דער עלעגאַנטער ראַכיווער וועג, אַוועק מיטן רויך, די לובלינער גאַס און אַט סמאַליעט שוין די מאַרק גאַס אויך. ערשט דעמאָלט איז עס דערגאַנגען צו אַ גרויסער אסיפה, ווו די גאַנצע „פּני" איז זיך צוזאַמענגעקומען כדי אויף אַן ערנסט זיך מישב צו זיין.

* *
*

איז געזעסן דער גרעסטער נגיד, ר' דוד קאָן, אויבנאָן, זיך געגלעט זיין ברייטע געלבלעכע באָרד און האָט חשיבותדיק געשוויגן. לעבן אים, דער צווייטער נגיד, ר' זכריה, האָט נאָכגעטאָן דעם ערשטן... די איבעריקע, קלענערע מיוחסים, האָבן געוווסט אַז ווער ס'וועט אָנהויבן פריער, וועט זיין אַ סימן, אַז אים איז גוט פינסטער... וועט ער דאַרפן צאָלן דעם גרעסטן חלק. שוויינגן זיי אויך...

זיצט מען און מ'טרינקט דערווייל די אָנעמישע גלעזער טיי, וואָס דער פּליטעוואַטער משמש האָט אַוועקגעשטעלט, אָן טעצלעך, פאַרגיסנדיק העלפט אויפן נאַקעטן טיש... און, שאַ, שטיל, מ'טרינקט, מ'שוויינגט און מ'וואַרט. זיצט אין אַ זייט אַ חסידישער יונגערמאַן, ערשט אַרויף אויפן שווערס קעסט, קען ער ניט איינרוען, זיין קליינע שרהטשעלע וואַרט דאָרטן אַליין אינעם טונקעלן אַלקער און דאָ איז עס אַ מעשה אָן אַ סוף...

— „רבותי" — האָט ער מיט זיין נידעריקער שטימע אַ וועק געטאָן דעם שוויינגנדיקן עולם: — „ווו האַלטן מיר רבותי? און ווען דענקט איר עווין צו מאַכן לעכטיק באַרינץ?.... האַ?"...

דער פּליטעוואַטער משמש וואָס האָט נאָר געוואַרט אויפן ערשטן סיגנאַל, האָט אויסגעשפרייט זיינע לאַנגע הענט איבערן נאַסן טיש און אַ רוף געטאָן מיט זיין הייזעריקן קול:

—„שוואַגע, יידן, עץ זעיט דאָך, אז ר׳ דוד קאָן וויל עפּעס זאָגן״...
אוועקגעשטעלט יענעם פאַר אַ געשעענעם פאַקט, האָט שוין ר׳ דוד באַין ברירה׳דיק גיך אַ זאָג געטאָן:

— „מהיכא-תיתא, פאַרוואָס זאָל טאַקע באַרינץ ניט לאַכטן? פאַרקערט, אדרבה, זאָל מען טאַקע שטעלן אַ פּאָר גאַזאָווע לאָמפּן״.

דאַרויף האָט דער ערשטער גבאי, אַ ייד אַ כעסן, מיט געדרייטע גרויע פאה׳ס, ווי געקניפּטע פּאַקעלעס, דורכגעדרונגען מיט זיינע טראַכאָמישע אויגן ר׳ דודס טיפן בליק און מיט אַ גראָב קול, ווי פון אַ באַס, אַ דונער געטאָן:

— „וואָס עפּעס גאַזאָווע לאָמפּן, וואָס? און פאַרוואָס טאַקע נישט קיין „לעקטריטשנע״? אויב מ׳שטעלט שוין יאָ עפּעס אריין, זאָל שוין זאַן מיט לאַטן גלאַך״...

דאָ האָט זיך אריינגעמישט ר׳ יאָסעלע דער לערער — ביי אים האָבן אָרעמע כלה-מיידלעך זיך אויסגעלערנט אונטערשרייבן די תנאים — מיט זיינע ווייסע איידעלע הענט, האָט ער אַ וויש געטאָן דעם הויכן שטערן און גערעדט זייער שטיל, מיט אַ לירישן טאָן:

— „רבותי, באַרינץ קאָן נישט געמאָלט זאַן קאַ לעקטריטשנע לאָמפּן, ווייל מען דאַרף צו זיי האָבן אַ צענטראַלע „אַגזשעוואַניע״ און אזעלכעס איז נאָך דערווייל ניט פאַר קראַשניק... גאַזאָווע לאָמפּן אָבער, איז אַ מלוכה-לע פאַר זיך, באַדאַרף ניט ציען „היונה״ פון אַ פרעמדן גוף... בקיצור, יעך לייג פאָר שיקן שליחים קיין יאַנאָוו, אָדער אָסטראָוועצ געוואָר צו ווערן וואָס פאַראַ לאָמפּן יענע מאָבן געשטעלט, עט מען אין קראַשניק נאָכמאָכן״...

ר׳ יעקל דין, מיט זיין ברייטער, רויטלעכער באָרד און מיט אַ טבע תמיד צוגישט מאַכן יענעמס אַ געדאַנק, האָט פאַררוקט זיין סאַמעטן קאַפּעלע אויפן שפּיץ-קאָפּ און מיט ווערטער וואָס זיינען געקומען פון זיין ברייטן מויל, נאַס, מיט אַ שפּריץ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „סטאַטש, וואָס עפּעס שיקן שליחים אין אַנדערע שטעט? מיין השגה איז, אַז מ׳דאַרף אויסשראַבן אַ מעכאַניקער פון וואַרשע און זאָל זעך

יענער ברעכן דעם קאָפּ מיט אַ „צענטראַלע", אָן אַ „צענטראַלע", נישט אונדזער באַבעס דאגה, אַבי אין קראַשניק זאָל זען לאַכטן און מ'זאָל אויפהערן באַרינץ ברענען און גנבענען"...

ר' פייוול איסר דער זייגערמאַכער, דער חכם פון שטעטל, וואָס האָט אין אַ פּשוטער פלאַש אַריינגעזעצט אַ הילצערן טישעלע מיט אַ הענגל-לייכטער, און האָט געהאַלטן „עדיסאָנען" פאַר אַ גרויסן „פּושער", ווייל דער „פאָנאָגראַף" איז פון אים זייער שלעכט פאַרטראַכט געוואָרן... ער, ר' פייוול-איסר איז זיך קליגעטשקע געזעסן אין אַ ווינקל, געדולדיק געוואַרט אויפן פּאַסיקן מאָמענט און פּלוצים אַ פאַרצי געטאָן זיינע שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן אים האַלב פאַרדעקט די טיפע אויגן און מיט זיין הזניש קול אַ זאָג געטאָן:

— „רבותי, צוּוואָס „באַלאַגאַטשען" אַזויפיל דברים בטלים? לאָמער זעך פריער ארומזען פון וואַנעט די „פּיס" וועלן ארויסוואַקסן, עמער זעך שפּעטער נעמען צום קאָפּ"...

עולם האָט אויסגעשריגן:

— „איינאָכאַנאָמע", אַוואַדע איז דער עיקר ממתקים..."

דאָס כיטרע משמשל האָט ווידער געטאָן אַ טראַסק אין טיש און אויסגערופן:

— „דרך ארץ יידן, ר' זכריה וויל עפּעס זאָגן"...

האָט ר' זכריה ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נאָר אַ גלעט געטאָן די גרויע פּאות און געזאָגט:

— „מאָן גילדן עטייץ תמיד קריגן... זאָל זאַן גאַזאָווע, מעג זאַן לעקטריטשנע, ש'מאָן עסק"...

דאָס האָט שוין אַ ברי געטאָן אַ פּאָר בעלי-מלאכות, וואָס זיינען געזעסן אַ ביסל אַראָפּצו... האָבן יענע געגעבן אַזאַ זבענק אין טיש, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט און אַזוי אַרום געלאָזט הערן, אַז זיי האָבן אויך עפּעס צו זאָגן... און אַזוי ווי פריער איז געוועזן זייער שטיל, איז איצטער געוואָרן גאָר לעבעדיק, ס'האָט זיך דערהערט קולות:

— „גזלן! דראַן! פאַדליעץ, שניידערשער-קאָפּ, שוסטערשער-הינטן"...

„און סטאַטש, אַז ר' זכריה גיט אַ גילדן, וויפל-זשע דאַרף געבן אַ „געמיינער מענטש?"...

און אז די געשרייען האָבן זיך שוין געהאַט דערטראָגן צו דער שטיל־קייט פון גאַס, איז די רביצן מיט צוויי גבאיטעס, אויף טויט איבערגעשראָ־קענע אריין מיט א בהלה און דערזעענדיק, אז ס'האַלט שוין טאַקע נאָענט צו פּעטש, האָבן זיי אויפגעריסן די פענסטער מיט א געשריי:

— „געוואַלד יידן ראַטעוועט!"...

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער עולם אויסגעניכטערט און אויף גיך זיך געאייניקט: אַז די קראַשניקער פינסטערניש איז א צרת־רבים... דאַרפן אַלע געבן גלייך אויף גלייך... און אַז מען האָט שוין געטרונקען לחיים און זיך געווונטשן: ס'זאָל „לאַכטן" אין א גוטער שעה, באַוויזט זיך פלוצים זרח דער קלעזמער, א הויכער יונג, א גברן, וואָס האָט א גלאָץ געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אָנגעצונדענע אויגן, גלייך א פייערדיקער בליץ וואָלט אדורכגע־קרייזט די שטוב און באַ'עולה'ט, ווייל מען האָט אים ניט געלאַדן צו דער גרויסער אסיפה, האָט ער א געשריי געטאָן אין די אָפענע פענסטער אריין:

— „אזוי לאַנג קרענקט נאָך קהל, ווי לאַנג אין קראַשניק וועלן קיין לאָמפּן ניט זאַן"... האָבן אַלע א שטילן שמייכל געטאָן און זיך געטראַכט:
— „אייסעך וואָס, — א לאַבוז־יונג"....

* *
*

אויף א דאָנערשטיק אָוונט איז אויסגעפאַלן די ערשטע פּראָבע. אין דרויסן האָט גראַד געבריזגעט א דריבנע רעגנדל; דער הימל, א שטיק צע־גאָסענע סמאָלע, אָן א לבנה, חושך מצרים.

עולם האָט אויף דער גיך אָפּגעכאַפּט דעם וואַכנדיקן מנחה־מעריב, פאַרשלונגען די וועטשערע שטייענדיקערהייט און געאיילט צום מאַרק־פלאַץ, וווּ ס'האָט געדאַרפט מקוים ווערן דער באַקאַנטער פסוק: „יהי אור". פויערים וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן נאָר געזען דאָס ליכט פון א „קאָגאַ־נעק", זיינען זיך צונויפגעפאָרן באַוואונדערן וואָס די היינטיקע וועלט האָט אויסגעטראַכט... אין די שענקען, האָבן שטאָטישע פריצים מיט אויסגע־סטראָיעטע שיקסעס זיך געלאָזט ווילגיין, געהאַלטן זיך ביי די טאַליעס, געקושט אין די פיסקעס און פריילעך געזונגען:

— „זשני וואַלענטי יעשטשע ראַז"...

בית-המדרשניקעס האָבן פריער ווי תמיד פאַרמאַכט די גמראָס, אײן זײערע בעשקענע כאַלאַטלעך, בלאַסע, אויסגעאײדלטע פנימער, צעפּלאָ־שעטע פאות, זיך געשטעלט פון ווייטנס באַוווּנדערן גאָטס נסים...

ביים שטאָט-רב, זיינען די שמאָלע פענסטער געווען פאַרהאָנגען. דורך א קליין שפּאַרונקעלע האָט זיך אַרויסגעזען דער שפּיץ פון זיין ווייסער באָרד און איין אויג זיינס איז געווען אָנגעשטעלט אויף דער שוואַרצער מאַסע, וואָס האָט אינדרויסן אזוי געטומלט, ווי אין א זוניקן מארק-טאָג. פון אָפענע פענסטער האָבן ארויסגעקוקט חסידישע טעכטער, זיך צניעותדיק גע־רויטלט, מקנא געווען די שניידער-מיידלעך וואָס שפּאַצירן אזוי פריי מיט בחורים...

דער איינציקער באַלקאָן וואָס האָט באַלאַנגט צו ר׳ דוד קאָן, איז גע־ווען געפּאַקט פון זיין גרויס געזינדל. אָן אייניקל פאַרגינט זיך אפילו אראָפּ־צושפייען... און טרעפט פונקט דעם „קאַמאַרניק״... לויפט מען גיך, מ׳פאַר־בעט אים ארויף, און מ׳פאַרווישט די עוולה מיט א גרויסער פלאַש 96-קער...

ענדלעך באַווייזט זיך דער בלאָנדער האַפטעק — אָן עשו, וואָס אים האָט דער וואַרשעווער מעכאַניקער אויסגעקליבן פאַרן געהילף און האַפטעק האָט זיך אויך צוגעקליבן א באַהעלפער: יאַנטעקן, דעם היטער פון „קאַזע״, א פריילעכער ערל, וואָס פאַרקויפט אייך „יעזוסן״, פאַר א יידישער מוציא־חלה... גערעדט האָט ער א בעסערן יידיש, ווי די שטעטלשע יידן, גויאיש...

מיט גרויס גדלות האָט יאַנטעק געטראָגן עפּעס א מעשן קעסעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי א באַלאָן פון סאָדע וואַסער. ר׳האָט געשטופּט דעם צונויפגעדרענגטן עולם און געהאַלטן אין איין שרייען:

— „מאַכן אַ וואַרע, דער רבי גייט״...

האַפטעק האָט נאָכגעטראָגן די מעשענע דראָטן מיט א ווייס זשוראַווי־קעלע, וואָס ר׳האָט אזוי ארומגעהאַלטן, גלייך ס׳קען חלילה, א בייז אויג עס שאַדן... דער וואַרשעווער מעכאַניקער מיט בלאָנדע באַקנבערד, אלא ווילהעלם, האָט געקוקט אויפן קליינשטעטלדיקן עולם פון אויבן אראָפּ, זיך געהאַלטן, ווי אויף שטאָלצן און אויף צען ווערטער געענטפערט מיט איי־נעם... ווען די גאַנצע פּראָצעסיע מיטן שטעטלשן בירגערמייסטער בראש האָט זיך דערנענטערט צום הויכן סלופּ, איז די ענגשאַפט געוואָרן אזוי גע־

דיכט, אז שוואכע ווייבער האָבן געחלשט, קליינע קינדער געוויינט, הפקר־דיקע לאָבוזעס האָבן הילכיק געסווישטשעט. דער אויסגעפוצטער מעכאַני־קער האָט זיך געכאַפּט פאַר די אויערן: „אַליאַ באַגאַ, שוויענטאַ דראַגאַ"...

אינעם גרויסן געדרענג האָט מען ניט באַמערקט, ווי עפּעס א הויכער סילועט איז זיך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן סאַמע סלופּ און דאָרטן עפּעס געמאַנדרעוועט ביי די דראָטן... ערשט ווען האָפּטעק האָט גענומען פּלומפּן ביים מעשענעם קעסעלע, האָט עס פּלוצים גענומען פליסן מיט א דין ריטש־קעלע, ווי אַן איבערגעשניטענער אָדער פון א מענטשלעכן גוף. ס׳האָט גע־בריזגעט איבער קעפּ, פּנימער, אין אויגן אריין און ס׳האָט גענומען שמעקן מיט נאַפט...

אינעם גרויסן געטומל, האָט זיך דערוויל אומבאַמערקט אַפּערגע־שלייכט דער הויכער סילועט און האָט פונוויטנס א געשריי געטאָן: — „געוואַלד יידן עם ברענט!"...

גלייך האָט זיך פון מויל צו מויל איבערגעחזרט:

— „געוואַלד יידן עם ברענט"!

דער שטאָט־גלאָק האָט זיך גלייך צעקלונגען: „בים־באָם־באָם, בים־באָם־באָם"... א ווײלע שפּעטער, די פייער־לעשער: — „טראַ, טאַ טאַ, שראַ, טאַ טאַ...

מיט פאַרבראָכענע הענט איז אָנגעלאָפן די באַרימטע שטאָט־גבאיטע, ביילע־מינקע, וואָס אויפן בית־עולם איז זי א גאַנצע שמעלקע מיט אַלע „באַ־רימטע מתים", פועלט ביי זיי דאָס „טעלערל" פון הימל... און אַז מען דאַרף, פאַרקניפּט זי די פאַרבינדונג צווישן שטעטל מיטן רבונו של עולם... דערזע־ענדיק די הויכע לייטערס מיט די גומענע קישקעס פון די פייערלעשער, האָט ביילע־מינקע, אין איר בהיטער האַלקע, מיט א קופּקע אויפן קאָפּ, א פאַר־גלאָץ געטאָן אירע וואַסערדיקע אויגן צום שוואַרצן הימל און מיט א תחינה־ניגון גענומען בעטן: — „רבונו של עולם, שיק אַראָפּ דאָן „פּאַזשאַרנע קאָ־מאַנדע", דו האָסט דאָך די אמתע „לעשערס", שיק אַראָפּ דאָנע „שפּריי־צערס"...

דערהערט ביילע־מינקעס געבעט, האָבן ווייבער גענומען פאַרפּאַקן דאָס בעט־געוואַנט... מענער, געלאָפן אין שול אריין, ראַטעווען די ספר־

תורות און ווען די געוואַלטן האָבן שוין דערגרייכט אין „וואַנים" אריין, האָט מען זיך ערשט געגומען באַזינען, אז: — מ'זעט דאָך אפילו קיין לאַנע גיט... און די שטאָט-בעלי-בתים האָבן זיך געטאָן א דערמאָן אין זרח דעם קלעזמערס סטראַשונקעס... — „אהאַ, ס'איז אַוואַדע געווען זיין שטיקל אַר־בעט"... אויך דער מעכאַניקער, קומענדיק א ביסל צו זיך, האָט אויסגעפונען, אַז א פרעמדע האַנט האָט איבערגעשניטן די דראָטן... און נאָך איידער עולם האָט קלאָר באַנומען זרח דעם קלעזמערס „נקמה-אַקט", האָט דער מעכאַ־ניקער צורעכט געמאַכט די דראָטן און באַלד האָט דורך דעם קליינעם ווייסן זשוראַוועלע א פלייץ געטאָן מיט אַזאַ בלויער ליכטיקייט, אַז אַלע האָבן זיך געמוזט פאַרשטעלן די אויגן, ווי אנטקעגן א צעשטראַלטע זון און ס'האָבן זיך דערהערט באַגייסטערטע אויסגעשרייען פון אַלעמענס מיילער:

— „גאָט אין הימל, ס'איז דאָך טאַקע לעכטיק! לעכטיק ווי באַטוק"...

בלויז שויבן-שניידערס און שלעסער-ברעכער, האָבן געקוקט מיט ברוגזע אויגן אויפן ליכטיקן שונא, וואָס האָט נעבעך אַוועקגעהרגעט זייער גאַנצן משא ומתן....

# פאָליטיקער

ביים זייגערמאַכער אין דער ליכטיקער שטוב, פלעגט זיין לאַנגער וואָרשטאַט ס׳רוב פאַרוואַנדלט ווערן אין א סטראַטעגישן מלחמה-פּלאַץ, ווו דריי שטעטלשע „פּאָליטיקער״ האָבן אָנגעפירט מיטן ערשטן וועלט-קריג.

נאָך דער וועטשערע פלעגט א נייגיריקער עולם זיך אריינכאַפּן צו ר׳ פייוול איסר דעם זייגערמאַכער אין זיין גאַסטפריינדלעכער שטוב כדי דאָרטן צו דערוויסן זיך וואָס עס טוט זיך אויף די בלוטיקע שלאַכט-פעלדער פון די פעלקער אין קריג. פאַרדאגהטע יידן, מיט א טיפן טרויער אין זייערע צעשראָקענע אויגן, אין פאַרמעליקטע קאַפּאָטעס, מיט נאַפּט און דזשעגעכץ אויסגעשמירטע הויזן, פלעגן שטיין ארום טיש מיט פאַרלייגטע הענט און מיט גרוים דרך ארץ זיך צוקוקן צו די דריי קריגס-„גענעראַלן״ וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געשלאָגן פאַר אַן אַנדערן קייסער....

דער ערשטער, ר׳ שמואל רופא, איז געווען א ייד א פולער, מיט א קייעכדיק פאַרשוירן בערדל און קורצזיכטיקע אויגן אין שוואַרצע רעמלעך באַברילטע. ער האָט תמיד געטראָגן א געהאַקטן זשאַקעט מיט זיידענע לאַצן, צו וועלכע ס׳האָט זיך געקייטלט א שוואַרץ שנירעלע פון זיינע גרויסע ברילן, וואָס האָבן אים צוגעגעבן דאָקטאָרישע חשיבות... זיין גאַנצע אינטעלעקטועלע פּראַפּעסיע איז טאַקע מער געלעגן אין זיינע גרויסע ברילן, ווי אין דאָקטאָרשן-פאַך... אין שטעטל האָט קיינער ניט געדענקט, אז ר׳ שמואל זאָל אַמאָל האָבן געלערנט מעדיצין — סיידן בירושה פון זיין עלטער זיידן וואָס איז אויך אַמאָל געווען דער שטעטלשער רופא....

— „מיינס א רעצעפּט קען זעך „פּאָמיעשטשען״ אפילו אויף א ציגאַרנשעכטל, ווייל יעך האַלט נישט פון קאַן מעדיצינע״ — פלעגט ער זאָגן און באַלד צוגעבן:

— „ממה נפשך, שטייט דער מלאך המות ביים חולה צוקאָפּנס, וועלן שוין קיין פּיאַווקעס אויך ניט העלפן... שטייט ער ווידער צופוסנס, וועט דער חולה פון אַ ביסל ריצנאַייל אויך געזונט ווערן...״

דער קראַשניקער אַפּטייקער פלעגט סיי ווי בלויז קוקן אויף ר׳ שמואלס אַ רעצעפּט, וויפל שורות, עס זיינען אָנגעשריבן: איינע, האָט געמיינט ריצינאַייל, צוויי — מיט וואַלעריאַנע טראָפּנס, דריי — אַ פּראָשעק כינע אויך... און טאָמער האָט געטראָפן אַ רעצעפּט מיט 4 שורות, האָט דער חולה שוין געמעגט זאָגן ווידוי — די 4-טע שורה ז׳געווען „קאַנפער״, וואָס ר׳ שמו־אל האָט פאַרשריבן נאָר דעמאָלט, ווען דער דופק ביים קראַנקן איז שוין געלעגן, ווי אַ פגר... ביי חולאים קבצנים פלעגט ר׳ שמואל קיינמאָל קיין ערנסטע קראַנקהייט ניט געפינען. די קרעכצן האָבן געמעגט דערלאַנגען ער לב השמים, די קרובים האָבן געמעגט מאַכן קולות, זיך ברעכן די הענט, קנייפּן ס׳פּנים — ר׳ שמואל האָט מיט אַ רואיק שמייכעלע פאַרזיכערט, אַז ס׳האַלט נאָך נישט דערביי... „ווייל דער מלאך המות וועט זעך ניט גיין פאַרפּאַטשקען די הענט מיט אַ דאַרן גאָרגל״...

נאָר ביי גבירים פלעגט ער ליב האָבן צו שפּילן אויף די נערוון:

— ס׳האַלט מיט אים שלעכט....

פלעגט ער מהנה זיין די וויינענדיקע קרובים נאָך איידער ר׳האָט גע־נומען דעם דופק אין זיין האַנט:

— ער דאַרף האָבן רחמים...

פלעגט ער צוּוואַרפן אַ טרייסט שוין שטייענדיק ביי דער טיר, און אין דרויסן אַ זאָג געטאָן צו אַ רעדל יידן:

— „צ׳מעגט שוין זאָגן קדיש — אין הימל גרייט מען שוין די גאָלדענע שטול פאַר זיין ברייטער באָרד מיט דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע״...

* *
*

ביים זייגערמאַכערס וואַרשטאַט פלעגט ר׳ שמואל שטיין מיט דער גאַזעט „רוסקאָיע סלאָוואָ״ אויסגעשפּרייט ווי אַ גענעראַל מיט אַ מאַפּע און מיטן פינגער געטייטלט אויף די קריגס־באַריכטן וועלכע ער פלעגט בילדע־ריש אויפמאָלן אויף אַ האַלבן וואַרשטאַט, וואָס האָט לויטן אָפּמאַך באַ־לאַנגט צו דער רוסישער טעריטאָריע... און כדי דער אַרומיקער עולם זאָל

זיך קענען גוט אָריענטירן ווו מען האַלט איצט אין דער וועלט, האָט ר׳ שמואל בעתן צייכענען אויפן וואַרשטאַט געלייענט אויפן קול, לויט אַן אייגענעם נוסח:

— צוואַנציק „קניאַקערס" ביי פּאַניען אין „פּליען". 400 „לאַפּיטוט־יעך" צעטראַסקעט ביים „חכם ווילהעלם" און הונדערט „פראַנץ יאָסעלער" האָבן אויסגעצויגן די קאַפּעטעס ביי ניקאָלאַיען אין סיביר...

* * *

דער צווייטער פּאָליטיקער איז געווען ר׳ שמואלס א יינגערער ברודער, אלי, א הויכער און דיקער מיט א ברייט שמאַלציק פּנים, אַן אמתער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט.

ר׳ אלי פלעגט שערן יידישע קעפּ און גאָלן פויערישע געמבעס. ערב פּסח פלעגט מען ביי אים שטיין אין דער ריי, ווער מיט א שטיקל געוויקס אויפן קאָפּ, ווער מיט פאַרקלעפּטע קאָלטענעס און אַנדערע סתם באַוואַקסן, ווי די בערן. ר׳ אלי, א פאַרשוויצטער, האָט געאַקערט מיטן מעשענעם מאַשינקעלע די פאַרוואָרלאָזטע קעפּ... געמאַכט קרומע בייטן און געסיקעט אין דער שטיל:

— „קראַצט ניט אינמיטן דער אַרבעט, זיידעניו, האָט א קאַפּיטשקע געדולד"....

און גנביש א ווונק געטאָן צום וואַרטנדיקן עולם:

— זיי מיינען ס׳איז מצרים ביי מיר...

א חוץ פריזירער, האָט ר׳ אלי אויך געשמט פאַרן שטעטלשן אפּיקורוס, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פלעגט ער א שווער טאָן:

„יעי באָגו ווי ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אין הימל"...

און כדי נאָך צו פאַרשטאַרקן זיין אומגלויבן, צוגעגעבן אויף יידיש:

— א ניט זאָל יעך געהרגעט ווערן אויב אין הימל איז עמיץ דאָ...

ביידע ברידער האָבן פאַרטיידיקט „פּאַניעס" אינטערעסן... בלויז דער זייגערמאַכער איז געווען פון פראַנץ יוזעפס גוואַרדיע... ר׳ פייוול איסר, דער זייגערמאַכער, איז געווען א ייד א הויכער, א גלייכער מיט א גרויסער שוואַרצער באָרד און מיט ברוינע טיפע, קלוגע אויגן, פון יענע וואָס האָבן געווירשנט דעם שווערן צער פון א רוצחישער וועלט און וואָלטן געוואָלט די ראַזיקע וועלט ראַטעווען, אָבער ווי אזוי?

— „אז מענטש מיט מענטש שעכטן זיך, ווי די גזלנים און קיסרים שיקן אונטער זייערע גענעראַלן זאָלן זיך „אוגאָשטשאַיען" מיט „פייער־ווערק" און מיר קליינע מענטשעלעך מוזן שטיין און צוקוקן צו אזא פּאַס־קודנער וועלט און — שוואַגן"...

אָפיציעל האָט ר' פייוול איסר פאַרראַכטן זייגערלעך, און, ניט אָפיציעל — צעשפּאָלטענע ביאָדרעס, צעדרייטע ראָווערן, אויסגעלענקטע קליאַמקעס, צעקנייטשטע לאָמפּן, פאַרהאַקטע שלעסער. אַלץ האָט מען געבראַכט צום זייגערמאַכער, נאָר ווען ס'איז געקומען צום באַצאָלן פלעגט ער אָוועקמאַכן מיט דער האַנט:

— אייסעך וואָס — ניט כדאי — ס'איז דען מיין פאַך?...

זיין אמתער פאַך איז געווען „פּאָליטיק"... און ליב געהאַט האָט ער נאָר דעם עסטרייכישן קייסער און געטריי איז ער אים געווען, ווי דער בעסטער סאָלדאַט. ער פלעגט זיך שווערן:

— כ'זאָל אזוי האָבן פרנסה, (קיינמאָל האָט ער אזעלכעס נישט געהאַט) ווי דער „סאַמאָ דערזשאַוויעץ" וועט קראַפּירן...

און מיט זיין חזניש־שיין קול פאַרזיכערט:

— „בין יעך קיין ייד נישט אויב פּאָניע גנב וועט נישט אונטערגיין — ער מוז אונטערגיין...

אלע דריי פּאָליטיקער פלעגן שעפּן זייערע קריגס־ידיעות לויט די טעגלעכע צייטונגס־באַריכטן.

ר' שמואל מיט דער „רוסקאָיע סלאָוואָ" אין איין האַנט און מיט א גראָב שטיק קרייד אין דער צווייטער האנט, פלעגט מיט ציטערדיקע פינגער צייכענען אויפן וואַרשטאַט די רוסישע פּאָזיציעס. דריי קאַנטיקע רעמעלעך האָבן געהייסן, געמויערטע אָקאָפּעס, לאַנגע שטראָכן מיט קעפּעלעך — שווערע אַרטילעריע, אָן קעפּעלעך — לייכטע פּיעכאָטע און פירעקיקע קעסטעלעך זיינען געווען די האַרמאַטן...

ר' אלי מיט א צווייטן שטיק קרייד איז אקעגנגעגאַנגען ר' שמואלן, מיט „שטראָכן און קעסטעלעך" ביז איבערן האַלבן טיש אריבער...

דער זייגערמאַכער פאַרטיפט אין וואַרשעווער „היינט" פון וואַנעט ער האָט געזוכט שטאָף צו פאַרטיידיקן זיין קייסער, האָט פּלוצים דערזען, ווי

זיינע שונאים שפּרייזן זי דאָזוי ברייט־האַרציק — מיט די שטיקער קרייד — און רופן אויס — ראַזוואַדאָוו! קראַקע! לעמבערג! — אויפן וואַרשטאַט איז עס זיי גאַנץ לייכט אַנגעקומען... נאָר ווען די „שטראַכעלעך מיט די קעפּעלעך" האָבן זיך אַ פאַרנעם געטאָן אין לעצטן ווינקל אַריין, וואָס דאָס האָט געמיינט, קיין ווין — דירעקט צו פראַנץ־יאָזעפן אין פּאַלאַץ אַריין... האָט זיך דעמאָלט ביים זייגערמאַכער איין אויג געטאָן אַ פאַרמאַך, גלייך מען וואָלט אים דאָרטן זאַלץ אַריינגעשאָטן און דאָס צווייטע האָט ער אַריינגעשפּיזט, ווי אַ פייל, אין זיינע שונאימס פּנימער און אויף גיך געכאַפּט אַ נאַסע שמאַטע, וואָס איז תמיד געלעגן גרייט, עלעהיי אַ „טאַנק" און מיט איין וויש איבערן וואַרשטאַט, אַ תל געמאַכט פון גאַנצן רוסישן פּראַנט... דערביי געערדט שטיל אָבער מיט פייער: — „סוואָלאַטשעס! דראַניעס! אויסוואורפן! אַפּיקורסים! — לויפן קיין ווין? אַזוי אָ — מיר ניט, דיר ניט — און גאָט? זיצט נישט מער אין הימל? ער וועט שווייגן? דראַניעס!"...

אַז ר' שמואל האָט דערזען וואָס דער זייגערמאַכער האָט אָפּגעטאָן מיט זיין קייסערס געוואונענע טעריטאָריעס, זיינען זיינע גרויסע אויגן גלעזער פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ געדיכטער פאַרע, פון מויל האָט אים גענומען רינען די סלינע און זיין מיטלסטער פינגער האָט געדראַט, ווי אַ האַרמאַט:

— „געדענקט ר' פייוול איסר, „פּאַניען" זאָלטען ניט טשעפּען, ווייל ס'וועט זעך טוען חושך"...

דערווייל האָט ר' אלי אַראָפּגעצויגן אויף גיך זיין גראָבן לעדערנעם פּאַסיק און מיט אַ קאָזאַצקן פייף אויסגעשריגן:

— „טודאַ ניעט! בלוט וועט זיך גיסן!"

און געגעבן אַ זעץ מיטן פּאַסיק איבערן „שלאַכט־פעלד", אַז דעם זייגערמאַכערס מעשענע כלימלעך זיינען זיך צעשפּרונגען איבער גאַנץ „רוסלאַנד"....

פּלוצים האָט זיך אַריינגעריסן פון דרויסן עפּעס אַ פאַרבאַבליעטע יידענע, מיט שאַלן און טיכער אויף די פּלייצעס, אַ פּאָר מענערשע שטיוולעטן אויף די פיס און גענומען מאַכן געוואַלדן:

— אַ בראָך האָט אינץ געטראָפן, ר' שמואלעשי קימץ נאָר גיכער צו גיין מאַן, ס'האָט אים אָנגעכאַפּט דער מאָגן־קראַמף, ר'איז פאַרביי, קימץ גיכער ראַטעוועו!...

דער רופא, קוקנדיק נאָך אַלץ אויף זיינע צעשטערטע פּאַציענטן, האָט זיך אַפילו ניט אויסגעדרייט צו איר, נאָר הינטעראָום א זאָג געטאָן:

— „ריצנאַייל מיט געהאַקטע באַנקעס, און געגאַנגען זאַל ווערן"...

דינה, דעם זייגערמאַכערס ווייב, האָט דערווייל אויסגעניצט די בהלה און דורך דער פאַרהאַנגענער אלקער־טיר אריינגעשטעקט א האלבן קאָפּ מיט א צעפלויגענעם טשיפּיק און גענומען בעטן ביים מאַן רחמים:

— „פּייוולשי דערבאַרים דעך איבער אונדזער לעבן. ס'איז שוין ערב שבת, נאָך נישטאָ קיין פיש, קיין פלייש, און — פון „פּראַניע יאַסלען" וועלן מיר אפילו קיין ווייַן אויף קידוש ניט האָבן"..

— „וועט מען קידוש מאַכן איבער די חלות" — האָט איר דער זייגער־מאַכער באַלד באַרואיקט... אָבער דינה האָט אזוי גרינג ניט נאָכגעגעבן, נאָר גלייך געשטעלט די צווייטע קשיא:

— מילא, זיינען מיר שוין פאַרזאָרגט מיט קידוש, אָבער וואו וועט מען נעמען אויף א יוך? האַ? פּייוולשי — א יוך?

— וועט מען עסן א „געדישעכץ"...

איז איר ר' פּייוול ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער גלייך א „געדי־שעכץ" וואָלט מען געקראָגן אומזיסט, און נאָך צוגעגעבן:

— וואָס איז דאָ דער אומגליק — א געדישעכץ איז דען שלעכט?...

און אָט האָט זיך אויך באַוויזן דעם רופאס ווייב, שיינדל, א הויכע און שמאָלע יידענע אין א ברייטער האַלקע מיט א שוואַרצן שאַליק איבערן קאָפּ און זיך א ווענד געטאָן צו ר' שמואלן:

— „האָסט שוין פאַרזאָרגט ס'רוסישע הזיר? אז א פייער זאָל ענק ביי־דע פאַרברענען — זעיץ נאָר ווי דאָס קאָכט זעך פאַרן טריפענעם „ניקאָ־לאַיקע" און איניץ לאָזט מען אויף הפקר..."

פלוצים באַוויזט זיך אויך, ריפטשע, ר' אלים ווייב, א קליינע און זויער מאָגערע, מיט א שוואַרצן קאָפּ שיין פריזירטע לעקעלעך. גערעדט האָט זי זייער שטיל און זייער דעליקאַט:

— אלי לעבן — האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם וואָרט „לעבן" איר גאַנצן כעס — אלי לעבן, אז געהרגעט זאָלסטו שוין ווערן ביים ערשטן טריט. די פויערים ווילן נישט אָוועקגיין אומגעגאָליעטע, זיי שפּייען מיר אָן א פולע סאָליע און זייערע כלבים פּאַסקודזשיען מיר אונטער די בענקלעך און דו שלאָגסט זיך פאר פאָניע גנב... געהרגעט זאָלסטו ווערן...

ר' אלי האָט געגעבן א הויכן פייף און מיט זיין טיפן באָס א וואָרטשע געטאָן:

— גייסט ארויס, אָדער, איך מאַך פון דיר באַלד קרעפּל-פליייש...

דעמאָלט האָט ר' פייוול איסר גיך איינגעזען, אז ס'האַלט גאָר נאָענט צו „הענט-אַטאַקעס". האָט ער א קליגערישן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— עולם, פאר היינט וועט זיין גענוג — מיר מאַכן דערוויַיל וואָפּנ-שטילשטאַנד און ביז מאָרגן האָף איך, אז דאָס עסטרייכישע מיליטער וועט שוין האָבן אריין אין „פּיעטערבאַרג"...

# צוליב א מיידעלע

פּנימין איז שוין געווען ביי גנענדלען, סיי לויט זיין נאָמען, סיי לויט דער צאָל, דער 12-טער „שבט"... זי וואָלט פון לאַנג שוין געהאַט זיך אָפּגעזאָגט פון קינדלען, ווען נישט די האָפענונג און טיפע בענקשאַפט, אַז דער רבונו של עולם וועט זיך סוף כל סוף איבער איר מרחם זיין און וועט איר מצליח זיין מיט א מיידעלע...

ווען ביי גנענדלען איז געבוירן געוואָרן איר זעקסטער זון זבולון, האָט זי דעמאָלט א ברוגזע געוואָרטשעט צו שמואל-יאַנקלען אין בעט אריין:

— „אזוי לאַנג קרענקען נאָך אונדזערע שונאים, ווי לאַנג כ'וועל דיר מער ניט צושטעלן קיין קדישימלעך"....

אָבער שמואל-יאַנקל, וואָס האָט דעם דאָזיקן פזמון נאָך געהערט ביי דעם געבורט פון זיין פערטן זון, יהודה, האָט זיך שטילענקערהייט גע-שמייכלט און געטראַכט: „מילא נו, מ'עט שוין זען — זאָל נאָר האַלטן דער-ביי"... און אזוי, צווישן גנענדלס סטראַשונקעס און שמואל-יאַנקלס געלעכ-טערל, האָבן זיך די געבורטן ביי גנענדלען נישט פאַרשפּעטיקט, אפילו אויף קיין חודש, נאָר פונקט צום יאָר איז געקומען ישכר... און ווי אויף א באַ-שטעלונג.... האָט זיך באַוויזן דן.

נפתלי און גד זיינען געבוירן געוואָרן אין איין יאָר — דער ערשטער אין יאַנואַר, דער צווייטער אין דעצעמבער... און שמואל-יאַנקל זעענדיק, אַז עס גייט טאַקע איין יונגאַטש נאָכן אַנדערן — ווי אויף א באַשטעלונג — האָט ער זיי אַ נאָמען געגעבן, לויט די 12 שבטים... אָבער, אז גנענדל האָט שוין געהאַלטן ביים עלפטן, יוסף, האָט עס אויפגעהערט צו זיין א פאַר-ווילונג ביי איר...

אמת טאַקע, אז זי האָט שטאַרק געוואָלט האָבן א מיידעלע און נאָר די דאָזיקע האָפענונג האָט נאָך מעגלעך געמאַכט שמואל-יאַנקלען, ער זאָל זיך דערנענטערן צו איר... אָבער נאָך יוספן, האָט שוין גנענדל גענומען צאָרנען און טענהן, אז ניין! — „וויפל איז דער שיעור צו זוכן?... אז ביסט

גאָרנישט פעאיק צו קיין טעכטערלעך"... און גנענדל האָט זיך באמת פאַר־עקשנט: — „ניין! און ניין"....

דאָס מאָל איז שוין שמואל־יאַנקלען אָנגעקומען א ביסעלע שווערע־איר איבערצייגן: — „אַז א מענטש טאָר זיך ניט פאַרעקשנען"... ס'האָט אים וויי̈ניק־וואָס געהאָלפן...

אפילו ניט דאָס נייע פאַרטעך, וואָס ר'האָט איר געבראַכט פון יאַריד, ניט דאָס קאַרביטע שייטל אויף שבת... גנענדל האָט געזאָגט — „אויב ניט קאָ מיידעלע, באַדאַרף איך דיינע מתנות אויף גוטע כפרות"... — „יונגאַ־טשעס" — האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין — „זיינען תמיד פאַרדיינעט־ווענגן, זיי וועלן זיין דיינע קאָלעגן, וועלן דיר הילפן אין דער פרנסה. א מיידעלע אָבער, וואָלט געווען א פרייד צו דער מאַמען, א העלפערין אין שטוב... און גלאַט, ווען עס זיינען שוין דאָ עלף בנים, וועל איך נאָר מסכים זיין צו א מיידעלע"....

און שמואל־יאַנקל האָט נעבעך געהאַט גאָר א שווערע האָרעוואַניע אויפצוווייזן גנענדלען, אַז ערשטנס זיינען שוין טאָקע פאַראַן אַלע שאַנסן, ס'זאָל קומען א מיידעלע... און טאָמער חלילה נישט, וועלן זיי כאָטש האָבן די נעמען פון אַלע 12 שבטים... און ווען דער בויך איז ביי גנענדלען שוין געוואָרן פאַרשפּיצט, האָט זי באַלד דערפילט, אַז א וויטיק האָט זי גע־טראָפן: — „עס קיצלט שוין ווידער א בניאַק"... און ביי דער געבורט, איידער דאָס צווייטע פיסל האָט נאָך דערזען די ליכטיקע שיין, איז שוין געווען א גדולה אויפן טאַטן... א פרישער תכשיט האָט א געזונטן קוויטש געטאָן און ווידער באַשיינט גנענדלס לעכטיקע וועלט...

בנימין איז געווען דער 12־טער זון. זייער אָרעמע שטוב, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אן איינציקן גרויסן אַלקער, האָט געקומען אויסקוקן, ווי א מי־ליטערישע קאַזאַרמע... די 12 געזונטע יאַטן אין הוילע העמדלעך מיט באָר־וועסע פיסלעך האָבן זיך ליב געהאַט צו שפילן נאָר אין „מיליטער"... דער־ביי האָט קיינעם פון זיי ניט געפאַסט צו זיין אַ פשוטער סאָלדאַט... אַלע נאָר מיט שוואַכקייטן צו ווערן אָפיצירן, אָדער גענעראַלן, מאַרשאַלן... די חברה האָבן צווישן זיך געפירט א שטענדיקע „וועלט־מלחמה"... אַז אַ „פענטאַקל" איז געוואָרן 5 יאָר אַלט האָט ער שוין צוגעקלאַפּט מיט זיינע נאַקעטע פיס־לעך צו דער „מושטירונג" פונעם 10־יאָריקן „גענעראַל": „ראַז דוואַ, ראַז

דוואַ, ראַז דוואַ"... אַז אַ שמענדריק איז געוואָרן 11 יאָר, האָט ער שוין גע-פירט אַ מלוכה פאַר זיך....

* *
*

אָבער נאָך בנימינען, האָט גנענדל באמת שוין גענומען „סטרייקן": — „ניין" — האָט זי געטענהט: — „דער רבונו של עולם מאַכט שוין פון מיר אַ צו גרויסן חוזק" נו, עט זי אים אויך אָפּטאָן אויף להכעיס — אָפּשטעלן די „מאַשינעריע" און זאָלן שוין אַנדערע ברענגען קדישים אויף דער וועלט; זי האָט עם גענוג... ווייל, אַז איר „פּוויטע" וועט זיך, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, געבן אַ שטעל אַוועק ביי זייער קבר, מיט דעם קלינגענדיקן „יתגדל ויתקדש", וועט שוין דער „שטן המקטרג" סיי ווי נישט וואַגן צו עפענען זיין מויל".... זי זעט דאָך, אַז עס העלפן איר נישט דער גבאיטעס סגולות, אויך נישט דעם הייליקן רבינס קמיעות. אַפילו די אָפּגעביסענע פּיטומס פון די אתרוגים, גיבן איר בלויז אַ ביטערן טעם אין מויל, אָבער נישט קיין מיידעלע... דעריבער האָט גנענדל, נאָך בנימינען, אַ נדר געטאָן „בקול רם", אַז — „סטאָפּ מאַשינאַ"... און וויפל מאָל שמואל-יאַנקל האָט זיך שפּעטער געפּרוווט ביי איר צו בעטן: — „גנענדל סערצע, מיר זיינען דאָך נאָך אַזוי יונג, וועסט זען, ביי השם יתברך איז דאָך נאָך אַלצדינג מעג-לעך... האָט זי מיט גרויס כעס אים אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער: — „וואָס גלאַכסטו דיך צו אים?" — ביי השם יתברך איז טאַקע מעגלעך, ביי דיר אָבער, נישט"....

* *
*

און ס'איז געווען אין אַ שעת הכושר. די שבת-ליכט האָבן שוין גע-צאַנקט אין די לייכטער, די „פּוויטע גענעראַלן", געכראָפּעט אויף די שע-ניקעס. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך געהוידעט אויף די ווענט. שמואל-יאַנקל איז געזעסן ביים פּריפּעטשאָק, זיך געוואַרעמט און צומאָלם געוואָרפן אַ זשמעניע שוואַרצע שעמישקעס צו גנענדלען אין שוים אַריין... און בעת-מעשה געפּרוווט איר ווידער געבן צו פאַרשטיין: — „אַז מיט גאָט, טאָר זיך אַ מענטש בכלל נים איינרייסן... צו „אים" קען מען נים קומען מיט קיין באַדינגונגען: „אַ מיידעלע, אַ ייִנגעלע"... פאַרקערט, אַז מען שפּאַרט זיך נים איין, ערשט דעמאָלט טוט השם יתברך צוליב"...

און אַז גנענדל האָט נישט געשריגן, נישט געשאָלטן, נאָר, שמואל־יאַנקל האָט גאָר דערזען אַ טרער ביי איר אין אויג, איז ער ווייטער גע־פאָרן מיט זיינע רייד:

— „פאַרשטייסטו מיך גנענדל סערצע, אַ פּשוטער בשר ודם, טאָר דאָך גאָרניט געבן קיין נדר... מען איז דען ביי זיך אין די הענט?...״ נאָר אַזוי ווי ער איז דאָך איר מאַן, האָט ער איר מתיר־נדר געווען... און אַזוי ווי אין שטוב איז געווען זייער שטיל און זייער וואַרעם, איז גנענדל גאָר ניט גרייט געווען צו קריגן זיך... און... ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, ווי זי האָט ווידער, קיינער זאָל ניט זען, שוין גענאָגט אַ זויערע לימענע... זיך פעסט געשנורע־וועט די ברייט געוואָרענע טאַליע און ס׳שטעטל האָט לאַנג ניט געוווּסט, אַז גנענדל האָט שוין געבראָכן איר וואָרט...

אָבער, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין מאַרק מיטן גרויסן קויש עפּל אין אַ ברייטן פאַרטעך, האָט שאַיעלע דער לאָבוז־יונג זיך פאַרגנבעט לעבן איר צעלאָזטער בלוזקע, אָפּגעמאָסטן מבינישׁ איר צעיורענעם געשטעל און מיט אַ פאַרקריליעט אויגל איר יאָלדיש אַ פרעג געטאָן: — „ווי לאַנג קלערסטו נאָך אָנצוהאַלטן דעם ווייבערישן „סטרייק״? און גנענדל אַ דרייסטע, מיט אַ כיטרן קוק, האָט אים שטיל געענטפערט: — „ביז שמואל־יאַנקל וועט ווערן אַן אינוואַליד״... און דערווייל האָט זיך קיינער ניט געכאַפּט, אַז שמואל־יאַנקל גרייט שוין פרישע „שיר המעלותן״ אויפצוהענגען אויפן ליילעך...

* *
*

איז עס טאַקע געווען אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג, ווען, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט זיך פּלוצים צעטראָגן איבערן שטעטל די פרישע נייעס, אַז, שוין ווידער אַ זכר ביי שמואל־יאַנקלען... צום ברית זיינען מענטשן געשטאָ־נען אונטער די פענסטער, ניט געוואָלט גלויבן, געמיינט אַז גנענדל האָט זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל... אַז דאָרטן איז בלויז עפּעס אַ טרוק פון דער באַוווּל־טער יידענע... היימישע אָבער האָבן געוווּסט, אַז: — „הלוואי וואָלט אַזוי ניט געווען, ווי ס׳איז דאָ״ — אַ יונגאַטש וואָס איז אַרוים מיט אַזאַ בהלה, אַז גנענדלען האָט אַזש גענומען שווידערן איבערן לייב... ווייל, לויט זיין מזרישן קוויטש, האָט זי באַלד דערקענט אַז, וויסט איז נעבעך איר מזל,

אַ פּרישער „גענעראַל" איז צוגעקומען אין „פּאָלק" אריין... זי האָט ניט געדאַרפט, אַז רחל-לאה, די הייב-אַם זאָל איר אָנזאָגן די גוטע בשורה:

— „מוחל דאָס נייעס" — האָט זי אָוועקגעמאַכט מיט די הענט.

און ווען שמואל-יאַנקל האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, האָט ער אַ צעחושטער מורא געהאַט זיך דערנענטערן צום בעט... אַ ציטערדיקער האָט ער איר צוגעוואָרפן פון ווייטנס: — „ס'זאָל דיר זיין מיט מזל גנענדל סערצע"...

— „גיי ווער פאַרברענט!" — האָט אים גנענדל צוגעוואָרפן פון בעט אַרויס: — „גיי מיר אַרויס פון די אויגן" — האָט זי הויך גענומען שרייען — „איך קען מער דיין טריפענעם פּרצוף ניט אָנקוקן!"... און בעת שמואל-יאַנקל האָט זיך אַ פאַרשעמטער שטיל גענומען ארויסרוקן, האָט זי אים נאָך נאָכגעשריגן: — „וועסט שוין ביי מיר קריגן דעם ונתנה-תוקף, וועסטו שוין"...

* *
*

אַ סך חדשים האָט שמואל-יאַנקל ניט געוואַגט מער אריבערצוטרעטן זיין שלאָף-שטוב... דאָרטן האָט זיך גנענדל „פאַרבאַריקאַדירט"... און זיך געמוטשעט מיטן „וויסטן קורח" (אַזוי האָט זי גערופן איר 13-טן תכשיט). גנענדל פלעגט אין די נעכט אריינשיקן וויסטע קללות צו שמואל-יאַנקלען אין קיך אריין, וו דער באַשולדיקטער האָט זיך נעבעך געמאַטערט אויף אַן אויסגעבעטן שטרוי-זאַק, צוגענומען באהבה די וויסטע קללות און געדולדיק געוואַרט, אַז זיין ווייבס גערעכטער צאָרן זאָל זיך ענדלעך איינשטילן...

און אָט האָט שוין דער קליינער „קורח" גענומען ארומקריכן מיט זיינע פאַרשייטע הענטלעך אויף דער פאַרבלאָטיקטער פאָדלאָגע. זיינע ממזרישע אייגעלעך, האָבן זיך שוין גענומען צוקוקן אויף די „מושטירטע אָפיצירן", וואָס האָבן מיט באָרוויסע פיסלעך געקלאַפּט צום טאַקט פון באַפעלערישע „גענעראַלן"... נישט איינמאָל האָט מען דעם קליינעם יאָט אַרויפגעטרעטן אויפן נאַקעטן פיסל און זיין מוראדיקער קוויטש האָט שפּעטער פאַרהילכט די גאַנצע גאַס. דאָס „דיסציפּלינירטע מיליטער", האָט זיך געטשעפּעט צו דער מאַמען, למאי לאָזט זי דעם קליינעם כאָדער קריכן אויף זייערע גע-

פערלעכע „שלאכט־פעלדער"... גנענדל האט אבער ניט געשוויגן, זיי דער־מאנט: „אז דער קליינער כאדער, איז פונקט אזא גרויסער יורש צו שמואל־יאנקלס „מלוכה", ווי די אלע „גענעראלן"... אז שמואל־יאנקל איז דערביי גראד געזעסן, האט ער זיך געשמאלצן פאר נחת... גנענדלס רייד האבן גע־גומען ווימען מיט עפעס א שטילע טרייסט... מיט א האפענונג, אז זי האלט שוין דאכט זיך ביי פארגעסן....

איינמאל, בעת א „גראטשקע", ווען די „אפיצירן" האבן געטרעטן „קורחן" אויף די נאקעטע פיסלעך, האט גנענדל גיך צעכראסטעט איר צע־לאזטע בלוזקע, ארויסגענומען א פולע, ווארעמע ברוסט און מיט ליבשאפט געשטופט אין שרייענדיקן פיסקל אריין... שמואל יאנקל, קוקנדיק ווי דאס פארריסטע יאטל האט א כאפ געטאן די ווארצלען, ווי א פארשמאכטער, נאך א שווערן תענית, איז אים אזש געקומען די סלינע אין מויל אריין... ער האט גיך געכאפט דאס קליינע פיס־בענקעלע און מיט גרויס געטריישאפט עס אונטערגעטראגן צו גנענדלס פיס: — נא, גנענדלשי, שטעל ארויף, ס'וועט דיר גרינגער זיין צום זויגן... און בעת־מעשה א גלעט געטאן דעם קינד גראד אין פיסקל אריין...

באנאכט האט שמואל־יאנקלען שטארק איבערראשט וואס אין דער פינסטער האט אים גנענדל צוגעווארפן עפעס א פארקניפט שטריקל, וואס איז געווען צוגעטשעפעט צום קינדס וויגעלע... זי האט א זאג געטאן מיט א יורגון: — „ביסט נישט קראנק זיך אויך א ביסל צו מוטשען מיטן וויסטן „קורח", שלעפ כאטש דאס שטריקל"... און כאטש איר בקשה איז געקומען באגלייט מיט א ביסעלע קללות, איז עס אבער פאר שמואל־יאנקלען געווען, ווי ברכות, ווי א „פרידנס־פארשלאג", וועלכן ער האט מיט פארגעניגן אנ־גענומען, להאי א „וואפנשטילשטאנד"...

געכאפט א באגליקטער דעם „אולטימאטום" (דאס שטריקל הייסט עס)... און הגם דער „בענקארט", האט א גאנצע נאכט זיך געריסן, ווייל עס האבן זיך אים געשניטן די שפיציקע ציינדעלעך, האט פונדעסטוועגן שמו־אל־יאנקל געפונען גרויס תענוג אין דער דאזיקער שלאפלאזער נאכט... גלויבנדיק אז, וועדליק גנענדל האט גענומען האנדלען, זעט אויס, ער קען זיך שוין דערלויבן צו מאכן א טריט פארויס...

אויף מאָרגן ביים אָנבייסן, האָט גנענדל בעתן גרייטן די געהאַקטע לע־בערלעך, אים אריינגעוואָרפן, כלומרשט מיט רוגזה, אַז: „ס׳טאַטל וועט זיך שוין פון היינט אָן מעגן מטריח זיין און אויך א ביסל ניאַנטשען ביינאַכט דעם שרייענדיקן „איזוואָשטשיק״, דעם וויסטן „קורח״, ווייל זי האָט מער קיין כח ניט צו אים, און אַז ער איז פּונקט אזוי א טאַטע, ווי זי א מאַמע צו דער ארמיי זייערער״.... און קוקנדיק צו זיך אין טעלער, האָט גנענדל נאָך צוגעגעבן: — „דערפאַר מיין איך, אַז וועסט צוריק מוזן אָנהייבן שלאָפן אין אַלקער״....

שמואל־יאַנקל וואָס האָט גראָד געהאַלטן א הייסן לעפל זופּ, האָט אים אַזאַ גיכן פאַרשלונג געטאָן, אַז ר׳האָט זיך אָפּגעבריט די גאַנצע צונג... וועלנדיק זיך פונדעסטוועגן נאָך א ביסעלע רייצן, האָט ער, בלאָזנדיק אויף דער פאַרע, וואָס האָט געזעצט פון זיין טעלער, א זאָג געטאָן גלאַט אין דער וועלט אריין: — „גנענדלשי, מיר דאַכט זיך, אַז שלעפן דאָס שטריקל וואָלט איך געקענט אין קיך אויכעט?...״ באַלד אָבער זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד און אויף גיך געכאַפּט דעם שטרוי־זאַק פון קיך גלייך אין אַלקער אריין... און — „מהיכא־תיתא, זאָל זיין ווי דו ווילסט״...

* *
*

קיין סך רייד האָט שוין שמואל־יאַנקל ניט געדאַרפט אָנצווענדן... גנענדל האָט זיך אים פאַרטרויט אַז באַטאָג האָט זי געזען א קליין מוזשיקל, וואָס האָט געפירט אין א קינדער־וועגעלע א הערלעך מיידעלע, מיט גאָל־דענע לעקעלעך, דאָס האַרץ איז איר אַזש איבערגעגאַנגען פאַר בענקשאַפט...

— „אָך שמואל־יאַנקל״ — האָט זי אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — „א טעכטערל, דערבאַרעם דיך שוין איבער מיר... א טעכטערל״...

און גאָט האָט ענדלעך איר תפילה דערהערט, נאָך פריער ווי זי האָט דערוואַרט. עס איז געקומען א מיידעלע, א זיבעלע... בלייך און שוואַך, האָט עס געפּישטשעט, ווי אַן אויסגעוויקט קעצעלע. אָבער די שמחה האָט מען געפּראַוועט מיטן גרעסטן פּאַראַד... גנענדל א צעשטראַלטע, האָט איר מאַן געטאָן א גלעט איבערן בעקל: — „מאַלאַדיעץ״... און שמואל־יאַנקל האָט זיך אַביסל א שפּיל געטאָן מיט גנענדלען, איר געפרעגט מיט א געלעכטערל:

— „ווו זיינען אבער די „גאָלדענע לעקעלעך", אויף וועלכע האָסטו זיך אזוי שטאַרק פאַרקוקט און פאַרבענקט?"...

און גנענדל האָט אים א פריידיקע געפּעטשלט איבער די הענט: — „נשקשה, שמואל־יאַנקל, נשקשה, אבי ס'איז נאָר געקומען דאָס ערשטע, איז דער וועג שוין אָפּן... וועט נאָך זאַן... ס'וועט זאַן, מיט גאָלדענע לעקע־לעך אויך"...

# סערקע

אויף אַ פּאָר הויכע, דאַרע פּיס האָט זיך סערקעס געשטעלט נאָך פֿאַר-
לענגערט, אויסגעקוקט דראָנגיש, און אַז זי האָט געהאַלטן אירע קנאָכיקע
הענט אַרום דער לאַנגער טאַליע, האָט זי פֿון ווייטנס געכאַפּט דעם אָנבליק
פֿון אַ קאָמישער „סטראַשידלע"... איר מענער-ברוסט איז פֿלאַך, מוסקולירט
און אַפֿילו האָריק באַוואַקסן. איר שמאָלער האַלדז, הויך, ביינערדיק און גענ-
דזיש-געבויגן. אַ לשון האָט סערקע אַ גראָבס, ווי פֿון אַ באָס און וויל זי
אַרויסבאַקומען ווייכערע טענער, ווערן אירע בלויע האַלדז-אָדערן אָנגע-
צויגן, ווי גומענע קישעלעך. סערקעס קאָפּ איז אויך לענגלעך, ביים מוח
אויש פֿאַרשפּיצט. אירע שטייפֿע האָר זיינען אויסגעצויגן, ווי דראָטן, דאָס
עלעקטרישע קאַרביר-אייזן קען זיי לאַנג ניט האַלטן געקרויזט, פּאַטשט זיי
סערקע מיט וואַזעלין, מיט פֿעטן קרעם, שפּייט אויף די הענט, נעצט זיי
אויפֿן שטערן, אָבער, ס'זאָל זיך דאָס אָפּליייגן אַ האַלב לאָקעלע, כאָטש נעם
און פֿאַרקלאַפּ זיי מיט טשוועקעלעך, אַז ס'איז סטרונעס און פּטור...

האָט זיך סערקע טאָג טעגלעך ביים קעמען אויפֿגעקאָכט, געדרייט מיט
אירע חזיר-האָר אויף רעכטס, פּרובירט זיי פֿאַרפֿלעכטן אויף לינקס און גע-
פּינענדיק, אַז ס'איז גיכער ענלעך צו אַ פֿערדישער גריווע, ווי צו אַ מיידל-
שער פֿריזור, האָט זי אַ צאָרנדיקע אויסגעשריגן: — „אַז אַ וויסטע נכפה
זאָל כאַפּן אַזאַ אָקסישן קאָפּ" — און פּאָר גרויס כעס, דעם זעלבן טאָג גע-
לאָזט זיך אָפּשניידן אַלע האָר: — „אַז ס'איז סיי ווי שטרוי, האָט זי געכלי-
פּעט — זאָל שוין בעסער זיין אַ מענער-קאָפּ"...

* *

*

זינט דעמאָלט, האָט סערקע גענומען אויסזען, ווי אַ מיאוסער מאַנס-
פֿאַרשוין, מאַסקירט אין פֿרויען-קליידער...

צווישן זיך, האָט מען אין שטעטל איר נאָמען אַרויסגערעדט האַרט,
מיט אַ סך רישן — ס'איז אַרויסגעקומען — „סעררקע"... אַז לאָבוז-יונגען

פלעגן ווען נעמען סערקען אויף דער „האַציקע״, האָבן זיי — דערזעענדיק איר פון וויטנס — זיך באַהאַלטן הינטער א טויער און כדי ארויסצובאַקו־מען די גאַנצע מגושמדיקייט פון איר געשטאַלט ארויסגעשריגן דורך א שפּאַרע: ״סעררראַק״!...

נאָך אַזאַ „קבלת פנים״, פלעגט זיך סערקעס ברייטע פנים פאַרויטלען מיט א ליימיקער פאַרב, זי האָט גענומען לויפן צו זיך אין שטוב און דאָרטן א צעפלאַמטע זיך געשטעלט אַנטקעגן איר צעשראָקענער מוטער און ווי א בייזער „יוסטאַניעץ״ אויסגעשריגן:

— כ׳על מעך שעכטן מאַמע! — כעל מע אַנטאָן אַ מעשה — פאַר־בראָכן די צוויי אויסגעלענקטע הענט און שטיל געכליפעט:

— „צו וואָס האָסטו מיר געבראַכט אויף דער וועלט? זאָג? צו וועלכע גוטע יאָר? אז כ׳בין א וויסטע אַנשיקעניש, א „מאַזעפּע״, א פאַרשלעפטע קרענק, א סעראַק...

* *
*

זעלדע, סערקעס מוטער, האָט אין אזא מאָמענט געוויינט אין צוויי־ען: אי וואָס פון איר ווייבערשן טראַכט איז ארויס אַן אויסגעלענקטע בוגרת און אי פונעם איינציקן קינדס יסורים... זי האָט געפּרוווט איר איינגעמען מיט גוטע לאַסקעס, זיסע רייד, מיט ווייכער מאַכן איר נאָמען:

— „סערעשי״ — האָט זעלדע צאַרט פאַרצויגן סערקעס הארטן נאָמען — זאָרג ניט סערעניו — האָט זי גענומען גלעטן דאָס אָפּגעשווירענע קעפּל, ס׳וועט גוט זיין... סערע־לעבן — האָט די אומגליקלעכע מאַמע געמיינט צו פאַרגרינגערן דעם קינדס ליידן מיט אויסגלעטן איר נאָמען... אָבער, ניט תמיד האָט זיך סערקע געלאָזט גלעטן:

— שווייג מאַמע! שווייג! — פלעגט זי שרייען אויף אירע באַסאָווע טענער, ניט געלאָזט זיך פאַררעדן די ציין... נאָכגעקרומט דער מוטער: — „סערעניו, סערע־לעבן״ — און א וויז געטאָן אויף זיך ביים שפּיגל: — „מיט אזא פּנים! מיט אזא קאָפּ! און אזעלכע האָר! איז ניט מער ווי חוזק מיך צו רופן סערעשי — און גענומען שרייען: — „א סערקע האָסטו גע־בראַכט אויף דער וועלט! א מיאוסער סעראַק און שוין״...

אז ר' שמואל אהרן, סערקעס פאָטער, איז דערביי געזעסן און האָט אויסגעהערט די באַקאַנטע דיאַלאָגן, האָט עס אים געהויבן פון בענקל, זיי־נע גרויסע, שווארצע אויגן זיינען געוועזן אַראָפּגעלאָזט צו די ווייסע פּעדים פון זיין ברייטער באָרד, מיטן מיטלסטן פינגער האָט ער נגידיש געפּאָרקעט אויפן גרויסן שרייב־טיש, א פאַרטראַכטער אויסגעקלאַפּט שטילע טענער:

— „אין, דונאַי דונאַי, דא דא, אין דונאַי דונאַי, דא דא..."

די דאָזיקע טענער האָבן אים דערמאָנט, אז ווען ער, שמואל אהרן איז א חתן געוואָרן צו זעלדען, האָט מען דעמאָלט זיין אָרעמען טאַטן פאַר־טשאַדעט דעם קאָפּ מיט איין „איינסטל" און זייער א סך „נולן"... און אים דעם צאַרטן ישבה־בחור האָט מען איינגענומען מיט ווייכער מאָכן דער כלהס נאָמען: „זעלדעלע" — האָט מען אים געזאָגט — הייסט זיין באַשער־טע... נאָר צום קנס־מאָל ווען ר'האָט פאַרגנבעט א זייטיקן בליק, איבערן טאַטנס שטריימל און זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט א פּאָר קעלבערנע בליקן וואָס האָבן צעשראָקן געפינטלט אונטער א געפּאָלדעטן שטערן און האָט דערזען א מגושמדיקן קאָפּ ארומגעלייגט מיט פאַלשע צעפּ, אזוי ווי מיט גראָבע שטריק, האָט אים באַלד אָנגעכאַפּט א שוידער... ר'האָט דאָך אָבער געוווסט, אז זיין אויסדערוויילטע רופט מען „זעלדעלע" — און פּאָר זעל־דעשין האָט זיין פרומע מוטער געקויפט א גאָלדן רינגעלע אויף חתימה־געלט — „בעת יענע דאַרטן — ניין: יענע קען מען ניט רופן זעלדעשי"...

איז ער זיך משער געווען, אז די דאָזיקע וואָס ער האָט געזען איז גע־ווים ניט זיין כלה....

ערשט נאָך דער חופּה האָט זיך ר' שמואל אהרן געכאַפּט, אז מען האָט אים פאַרבלענדט מיט א פאַרשענערטן נאָמען... און ווען ר'איז שפּעטער אַוועק מיט תרעומות צום הייליקן רבין און אים איינגערוימט אין אויער אז: — „ס'איז עפּעס ניט קיין יידענע און ניט קיין מאַנספּאַרשוין, זיין ווייב — ס'א פאַרזעעניש"... האָט דער הייליקער צדיק דעמאָלט אויך אזוי גע־פּאָרקעט, פאַרטראַכטערהייט אין טיש אריין און זיך אונטערגעזונגען:

— „דונאַי דונאַי, דא דא... און לסוף א זאָג געטאָן צו שמואל־אהרנען, אז: — ס'איז פון הימל, א זיווג מן השמים"...

איז תמיד, ווען ר' שמואל אהרן דערהערט די „זיסע שמועסן" צווישן זעלדען מיט סערקען, דערמאָנט ער זיך אינעם רבינס ווערטער און נעמט זיך אונטערזינגען:

— „דונאַי דונאַי, דאַ דאַ״...

דאָך, אַז ר׳ שמואל אהרן האָט זיך אַמאָל געפּילט גוט אויפגעלייגט, אין אַ שעת הכושר, אין שטוב איז גראָד געווען זייער טונקל, האָט ער געוואָלט זיין ווייב אַ שטילן צערטל טאָן — אָנרופן זי:

— „זעלדעשי״, האָט ער לייכט אָנגענומען איר קנאָכיקע האַנט... אָבער דערפילנדיק די האַרטקייט פון אַ בערישער לאַפּע, איז אים דער „שי״ געבליבן שטעקן צווישן די ליפּן... אַרויסגעקומען איז נאָר — „זעלדע״ — זעלדע, מיט אַ האַרטער לאַמעד...

ערשט אַ סך שפּעטער, ווען זעלדע האָט אים געמאַכט פּאַר אַ יונגן טאַטן, האָט ער דעמאָלט קוים געקענט אַרויסברענגען אַ ביסל ווייכער איר נאָמען.

בעת מעשה ניט געקוקט אויף דער קימפּעטאָרין, נאָר גערעדט אין דער וועלט אַריין: — ס׳זאָל דיר זיין מיט מזל זעלדעשי״. און כאַפּנדיק דערביי אַ שטומען בליק אויפן קליינעם פּאַרזעעניש האָט ער אַ ציטער געטאָן און פּעסטגעשטעלט, אַז — „איינמאָל אָפּגענאַרט, איז שוין אויף אייביק״....

* *
*

סערקע איז געוואַקסן אַ לעבעדיקע קאָפּיע פון איר מוטער און אויך ביי איר האָט מען באַלד גענומען אָנווענדן די זעלבע טאַקטיק פון פאַרשעמערן איר נאָמען... אָבער, ניט תמיד האָט זיך דאָס, פון דער נאַטור באַעולהטע מיידל, געקענט פאַרגעסן דורך צערטלעכקייטן... ס׳רוב קומענדיק פון גאַס אַ באַליידיקטע, האָט זי אויסגעלאָדן איר ביטער האַרץ אויף דער מוטערס קאָפּ:

— „כ׳בין אַ סערקע״ — האָט זי געסיקעט, ווי אַ בייזע שלאַנג — אַ מיאוסע סערקע, און מאַך מיך מער ניט צום נאַר״...

דער פאָטער האָט אויף זייערע טרויעריקע סצענעס געקוקט, אי מיט שטילער „נגינה״ און אי מיט שטילן צער און אין זיך געטראַכט: — „אַז מען פאַרזייעט שטעכלקעס קענען ניט אַרויסוואַקסן קיין בלומען״...

* *
*

נאָר אָט איז געקומען אַ גוטער טאָג אויך. ניט דווקא קיין שיינער, ניט קיין זוניקער, גראָד מיאוס און רעגנדיק. אויף די ליימיקע געסלעך, זיינען די

פּיס געזונקען אין טיפער בלאָטע. חשונדיקע ביימער האָבן געראָישט, גע־כעסט זיך אויף די שטורמישע ווינטן... ביים צעלעכערטן ברוק האָבן מוטנע ריטשקעס ביז געקלימפּערט, גלייך זיי וואָלטן אָנגעזאָגט: ס׳גייט צו ווינ־טער — עס קומט דער ווינטער... נאָר ביי סערקען אין האַרץ האָט עס אויפ־געשיינט, ווי די זון אין תמוז... אינעם געוואָי פון ווינט און רעגן, האָט זי געהערט וווּנדערלעכע מוזיק... אויך אין שטוב האָט עס געשמעקט שמחה־דיק, פרישער לעקעך, זיסער בראָנפן און ביי אַלעמען אויף די ליפּן: סערעשי און סערקע־לעבן... אַפילו איר פאָטער, ר׳ שמואל אהרן וואָס פלעגט איר זעלטן ווען א צערטל טאָן, האָט איר אויך איצט גערופן — סערעשי — „סערעשי״— האָט ער פריינטלעך געזאָגט — גיי מאַך דיך גרייט, זיי קומען שוין אָן, די מחותנים״... און דער באַרימטער שדכן, ר׳ שכנא־גרונימס, איז אריין צו זיי מיט א זיס שמייכעלע און צו סערקען האָט ער אַ זאָג געטאָן: —„סערעניו, „ער״ איז שוין דאָ... א שטיק גאָלד, דער חתן דיינער״...

און ביים קנס־מאָל האָט דאָס צאַרטע חתנדל אריבערגעקוקט איבערן פאָטערס סובלענעם שטריימל, געוואָרפן בליקן צום ווייבערשן טיש... און זיך טרעפנדיק מיט סערקעס אויסגעגלאָצטע אויגן, האָט אים שטאַרק פאַר־קוועטשט אונטערן לעפעלע...

ר׳האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אז זיין באַשערטע רופט מען סערע־שי... איז ער זיך משער געווען, אז יענע דאָרטן, איז נישט זיין כלה... און סערקע, קוקנדיק אויף דער ראָזער צאַרטקייט פון איר לעכטיקן חתנס פּנים, האָט געטראַכט אין זיך:

נישט בלויז א שטיק גאָלד איז ער, נאָר ר׳איז א בריליאַנט, א טייערער אוצר...

## דער הימל האָט זיך ניט געשפּאָלטן

דער טאָג האָט זיך געשטעלט א פאַרנער, אַן אָנגעפּיקעטער מיט זון, מיט שאַרפע ריחות פון צייטיקע זאַנגען און שמעקנדיקע קאָרן-בלימעלעך.

אויף די גרין געהילטע לאָנקעס, האָט די ריינע לופט פאַרשיכורט מיט שאַרפע ריחות פון געשניטענעם היי, פון שטשינים און געהוילטע באַנקען.

חדר-יינגלעך מיט זייערע באַהעלפערס האָבן זיך שוין פון גאַנץ פרי אהער פאַרקליבן צו רייסן גרינס פאַר די אויף שבועות אויסגעפּוצטע שטיבער.

ביי ר' אהרנ'ען אין שטוב, האָבן די זון-שטראַלן, מיט זומערדיקער רהבות, באַלויכטן דאָס ברוינע פוטער-געבעקס וואָס האָט מיט שוואַר-צע ראָזינקעס און ווייסן קעז פאַרשמעקט די גאַס ביזן האַלבן מאַרק אריין.

די פרומע דינה, אין א קרעטאָנער האַלקע, געבלומטער קופקע, און א ברייטן פאַרטוך האָט א צעפלאַמטע גענחת'ט פונם געראָטענעם סעודה-קוכן.

די צניעות'דיקע טעכטער אין אויפגעשנורעוועטע שיך, ווילד צע-וואַרפענע לאָקן און אין האַלב פאַרשאַרצטע קליידער האָבן רעשיק ארומ-געבראָיעט ביים פאַרפּוצן די אָרעמע שטוב, פאַרצויגן ווייסע פאַרהענגלעך, געוואָשן די פאַרשטויבטע שויבן און געגרויסט זיך מיט די געשייערטע דילן, ווי עס וואָלט געווען זייערס עפּעס א וויכטיקע קונסט-ווערק...

דער חסידישער אהרן, מיט דער ברייטער באָרד, צעפלאָשעטע פאות, אין א שוואַרצער יאַרמולקע, מיטן געלבלעכן ארבע-כנפות איבער די בריי-טע הויזן, האָט זיך א שטראַלנדיקער מתעסק געווען ביים פאַרקלעפּן די שויבן מיט קינסטלעכע, פון ווייסן פּאַפּיר אויסגעשניטענע רייזעלעך, מיט די פיגורן פון הירשן, לייבן, לעמפּערטן, מלאכים וואָס טראָגן צווישן זייערע פליגלען די עשרת הדברות, רייזעלעך פון משה רבנו אויפן באַרג סיני. אַנ-דערע — „ווי דער הימל שפּאַלט זיך", עס קוקט אַרוים דער גן-עדן ווו עס

זיצן לומדים, צדיקים און עסן דעם לויתן, דעם שור הבר און סתם בילדער האָם האָבן א שייכות צו מתן תורה און וואָס אהרנס רייכע פאַנטאַזיע האָט צוגעטראָכט. דערביי האָבן זיך זיינע ברוינע טיפע אויגן פאַרקוקט צום בלויען לויטערן הימל און די דינגע ליפּן זיינע האָבן מעלאָדיש אונטער־געברומט:

— „אקדמות מילין ושריות שותא״.

דינה איז פּלוצים געבליבן שטיין אין אירע ברייטע שטעק־שיך, פאַר־קאַשערטע אַרבל, צעפלאַמטן פנים, אַ פאַרטראַכטע, געקוקט אויף די אויסגעפּראַזשעטע עפּל־פּייגעלעך און האָניג־טייגעלעך און מיט א טיפן זיפץ א זאָג געטאָן:

— שבועות ביי יידן, דער טאָג פון מתן תורה און דאָך — הפקר... די פאַרפאָרעטע טעכטער זיינען אויך געבליבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, דערמאָנט זיך, אז מען שלאָגט איצט יידן, אז מען הרגעט זיי און דאָך — מיר יום־טובן...

אָבער ר׳ אהרן, מיט זיינע צעשטראַלטע אויגן, צעפלאַשעטער באָרד און פול בטחון אינם הויכן שטערן האָט א שטרענגן באַפעל געטאָן:

— אויפגעהערט צו „פּיאָיקען״ — ווייבער! היינט וויל איך נישט הערן קיין זיפצן, קיין שום קרעכצן, יידישער בטחון דארף שטאַרקער זיין פון גוי׳אישע שטעקנס.. עין הערט! ווייבער, ניט געפּיאָיקעט!...

באַלד איז ר׳ אהרן איבערגעגאַנגען צו ווייכערע גמרא־טענער:

— מיין זיידע פלעגט תמיד דערמאָנען, אז שבועות נאָך האַלבע נאַכט טוט דער הימל זיך שפּאַלטן... און ווען מען טרעפט גראָד דעמאָלט די ריכ־טיקע מינוט און מען שרייט אוים: העלף! וואָלט אויף יידן באַלד געקומען די ישועה... אָבער — ר׳ אהרן האָט גענומען רעדן שטילער, סודות׳דיקער — יידן האָבן פאַרלוירן דעם בטחון און אָן בטחון וועט זיך דער הימל קיין מאָל ניט שפּאַלטן און אונדזערע געבעטן וועלן קיינמאָל ניט פאַרנומען ווערן...

דער בן־יחיד יעקב, נאָך דעמאָלט א קליין פרום ייִנגעלע, מיט שוואַר־צע, געקרייזלטע פאה׳לעך, מיט ברוינע פאַרחלומטע אייגעלעך האָט זיך זי־טיק צוגעהערט, מיט גרוים הידוש צום פאָטערס פרומע רייד און גע־

פּילט, אַז גאָט זיצט אין אַלע ווינקעלעך פון זייער ליכטיקער שטוב און אַז דאָס יונגע הערצעלע זיינס איז דאָך אָנגעפילט מיט גלויבן, מיט בטחון. ער טראַכט אפילו, אַז ווען ער וואָלט געווען זיין אין סדום וואָלט דער רבונו של עולם ניט חרוב געמאַכט די שטאָט...

פאַרוואָסזשע זאָל ער טאַקע ניט א פּרווו טאָן צו ברענגען א הילף אויף יידן?...

אין מיטן נאַכט האָט זיך דער קליינער יענקעלע שטילינקערהייט פאַרגנבעט צום אָפענעם פענסטער, מיט א הייליקן פּחד נאָכגעפאָלגט יעדן שווים פון די בלישטשענדיקע שטערנדלעך, געזען ווי גרויע וואָלקנדלעך, אַזוי ווי קליינע שעפעלעך אַרום דער האַלבער לבנה האָבן אויך געוואַרט דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן...

פון דעם פאַרמאַכטן אַלקער האָט זיין פאָטערס מעלאָדישער תיקון-שבועות אַריינגעפלאָסן, ווי א שטיק פאַרחלומט געזאַנג, און בעת דער האַנט-זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, האָט יעקבס קינדערשע גופל, א פּאַרכטיקן ציטער געטאָן:

— איצטער! איצטער!

זיינע נייגעריקע אויגעלעך האָבן געזוכט צווישן די דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך כאָטש א קליין שפּעלטעלע... דאָס געלאָקטע קעפּל זיינס איז געווען נאָס פון אָנשטרענגונג און כדי ניט צו פאַרפעלן חלילה די ריכטיקע מינוט האָבן זיינע ציטעריקע ליפּן געהאַלטן אין איין בעטן:

— העלף! העלף! העלף!...

אַז ר' אהרן איז צומאָרגנס נאָכן דאַווענען אהיים געקומען פון דער שול מיט א צעהרגעטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אינם בלייכן צעשראָקע-נעם פּנים האָט געפעלט א העלפט פון זיין ברייטער באָרד...

איז דער קליינער יעקב געזעסן צערודערט, אַנטוישט... געטראַכט זיך נוקם צו זיין אין גאָט, גערעדט צו זיך אין דער שטיל:

— מאָרגן גיי איך ניט אין חדר אריין! ניין! ווען מען דערהרגעט מיך אפילו גיי איך ניט...

* *

*

איז געקומען נאָך שבועות.

די צייטיקע פעלדער זיינען געלעגן פולע, מיט געבויגענע זאַנגען־קעפּ, געוואַרט אויף שניט און געפּוילט.

דער טונקעלער הימל איז געווען אָנגעפּעלצט מיט שטיקער גרויע וואַטע, גלייך ווי ער וואָלט אין מיטן זומער נעכאַפּט א פרעסטל... איבער דעכער און שויבן האָבן קוילנוואָרפּער צעווייסן געטאָן, אז דער שונא איז שוין גאָר נאָענט... יעקב, שוין דעמאָלט מיט בולטע שפּראָצן אויף א קליין בערדעלע און מיט לאַנגע פּאות ווי טונקעלע הבדלות, און מיט סמיכה אויף רבנות, האָט זיך געגרייט צוזאַמען מיט זיין לומדישן טאַטן, וואָס איז שוין געווען געהויקערט אָבער מיט א צוריקגעוואַקסענער ברייטער באָרד, מקבל צו זיין דעם פריילעכן יום טוב שבועות.

— „עס אַרט מעך ניט — האָט ר' אהרן געטענהט צו יעקבן — וואָס „פראַנץ יוסף'ס" חיילות ליגן זיך אויף איין זייט באַרג און דעם „סאַמע־דיעזשאַוויעצס" קאָזאַקן שלייכן זיך אויף דער צווייטער זייט באַרג און „אוגאַשטשאַיען" זעך מיט פייער־ווערק.... עשו וועט זיך סיי ווי אייביק שלאָגן... און מיר זיינען יידן, שבועות האָט אונדז גאָט פאר זיין פאָלק אויסדערוויילט, דאַרפן מיר זעך משמח זיין"...

צו נאַכט האָט געטריפט א דריבנע רעגנדל. אין דעם קאַלטן קוימען האָבן בייזע ווינטן געוואָיעט. אויף די טונקעלע שויבן האָבן פייער ראַקע־טעם אויפגעבליצט, נאָר טאַטע מיט זון, שיכור פון קדושה, האָבן געקלאַפּט צו די שכנים אין די לאָדן אריין:

— יידן, ביי אונדז וועט זיין א מנין, — קומט אָפּגעבן כבוד דער הייליקער תורה...

שטילינקערהייט האָבן זיך באַלד געכומען אריינשלייכן שווערע וואָ־כעדיקע שטיוול, פאַרזאָרגטע פנימער, לויז געגאַרטלטע קאַפּאָטעס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דער שטוביקער טונקעלקייט און מיט די שאָטנס פון קליינע חלבנע ליכטלעך געשאַפן א שטימונג, ווי תשעה באב צו קינות.

ווען ר׳ אהרן האָט אויפגעמאַכט דעם ארון-קודש האָבן געדיכטע שאָסן געגעבן דעם ערשטן טאָן:

טיק טוק, טיק טוק, טיק טוק...

און גלייך נאָך דעם:

הורא!

און איבערן דאַך:

טראַך! טראַך! טראַך!

יידישע קעפּ האָבן זיך טיף אַרונטערגעבויגן און באַלד זיך צוריק אויסגעגלייכט און די צוויי פּאַרעקשנטע, טאַטע מיט זון, האָבן ניט מפסיק געווען:

— עס קוועלט אין מיר א געזאַנג — האָט ר׳ אהרן אָנגעהויבן דער ערשטער:

— א געזאַנג! — האָט יעקב אונטערגעכאַפּט — פון שלמה המלך׳ס געזאַנגען...

— אונדזער געזאַנג — האָט ר׳ אהרן צוגעגעבן — לאָזט זיך ניט פאַר־שרייען, ניט אָפּשטעלן, ניט פאַרטומלען אפילו פון האַרמאַטן-קולות...

איז אָנגעגאַנגען א תורה-געזאַנג מיט מלחמה-געזאַנג... אז די לעצטע האָבן אויפגעהערט, האָבן די ערשטע צוריק אָנגעהויבן ביז נאָכן דאַווענען.

נאָר ווען די בוימער אונטערן פענסטער האָבן נאָך געדרעמלט אין פאַרטאָגיקער רו, שוואַרצע כמאַרעס האָבן נאָך פאַרטונקלט דעם מאָרגן־שטערן האָט מען דעמאָלט ר׳ אהרנען צוזאַמען מיטן בן-יחיד פון זייער זיסן תיקון שבועות אָפּגעריסן... א מוראדיקער געקלאַנג פון מעשענע שפּאָרן האָט צעשטערט זייער יום-טוב-אידיליע:

— יודע — האָבן גראָבע רוצחישע שטימען געלעכערט די הייליקע שטילקייט:

— ווו זיינען די רוסישע שפּיאָנען וואָס האָבן באַנאַכט זיך דאָ באַ־האַלטן?! — גיב זיי ארוים!!!

ר׳ אהרנס אָפּגעטובלטע אויגן האָבן מטושטשע געקוקט אויף די גראָבע אפיצירסקע בייכער, אויף זייערע געזילבערטע שליפעס און א פאַר־בליפטער ניט תופס געווען דעם תוכן פון זייער שטרענגן באַפעל.

אין שטוב איז נאך געווען זייער טונקל. דורך די שמאלע שפאלטן איז א גרוי פאסיקל ליכט געפאלן אויף אהרנס אויסעבלייכטן פנים און פלוצים האט ער געטאן א גלייך אוים זיין צעקנייטשטע יארמולקע, האט א שטאלצן בליק געטאן אין די גויאישע אויגן אריין און ס'האט אויפגעלייכט דער בשרער בליק פון א יידישן תלמיד-חכם:

— שפיאנען? —

האט ער מיט א שטילער שטימע זיך אויפגעכאפט ווי פון א שלאף:

— ביי מיר שפיאנען?

האט ער נאך אמאל פארחידושט איבערגעפרעגט, און צוגעגעבן:

— ביטע נעמט זיי...

אבער ניט געפינענדיק קיינעם האט מען געגומען ר' אהרנען...

ביי דער אפענער טיר האט ער שטיל אומגעדרייט זיין צעפאטעלטן קאפ, שטום און קורץ אנגעקוקט יעקבן.

א בלייכער, נאך זייער טונקעלער פרימארגן, האט קוים באלויכטן ביידנס פרומע פנימער.

אין א ווינקל פון פענסטער האט א שווארצע פליג פארעקשנט גע-קלאפט מיט אירע דינע פליגעלעך, געזשומעט, געטענצלט און געזוכט אן ארויספלי. פון אונטערן אויוון האט שטיל געגרילט אן אלטע גריל, דער צאנקענדיקער נאפט-לאמפ האט פלוצים געטאן א שטילן קרעכץ און זיך אויסגעלאשן...

אהרן האט אויפגעהויבן זיינע אויסגעאיידלטע הענט צום שארעיע-דיקן הימל און א זאג געטאן:

— אונדזערס האבן מיר מקיים געווען און דאס איבעריקע איז דארטן אויבן...

יעקב האט א קוק געטאן צום פארמאכטן הימל, געזוכט, ווי דעמאלט אלס קינד, כאטש א קליינע עפענונג... זאל זיין בלויז א רמז — אפשר — אפשר וועט זיך דער הימל איצטער שפאלטן?...

אבער די טיר האט זיך גיך פארמאכט און ר' אהרן איז אויף אייביק פארשוונדן צוזאמען מט די אפיצירן...

און אָט איז געקומען אַ דריטער שבועות.

עס איז אַ קלאָרע אויסגעשטערנטע נאַכט. אין מיטן פון בלוי-טונקעלן הימל הענגט די האַלבע לבנה, ווי אַ בלייך מילכיק שבועות-ראָגעלע, נאָך פון טייג ניט אויסגעבאַקן... ליגן פעלדער ניט געזייטע, ניט געשפּראָצטע און דאָך אַזעלכע פולע, מיט מענטשן-גופים פאַראַקערטע. ליגן קופּעס ארויסגעריסענע בוימער, קלאָגן דאַכט זיך אויף זייערע צעשטערטע וואָרצלען.

פאָרן פאַרביי צוגן מיט פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנען און עס קוקן ארויס צעשראָקענע יידישע אויגן.

אין יעדן לעכעלע — אויגן. פון אַלע שפּאַרקעלעך — אויגן, אויף די ווענט — אויגן, אויפן דיל — אויגן — אַ צוג מיט יידישע אויגן...

שטייען קליינע בעריאָזקעס, שאָקלען זיך צו ווי אין אַ פרומען קדוש...

און יעקב, ר׳אהרנס בן-יחיד איז אויך דאָ, ער איז מתפּלל צום אַל-מעכטיקן גאָט, זיין גאָט, דער גאָט פון ישראל... נאָר אָנשטאָט אקדמות, זאָגט ער איצט תהילים, אויפן אָרט פון תיקון, זאָגט ער על-חטא:

— „על חטא, פאַר זינד וואָס מיר זיינען ניט באַגאַנגען און אָן על-חטא פאַר זינד וואָס מיר וועלן שוין קיינמאָל ניט באַגיין“...

און עס שוועבן פאַרביי גרינע גערטנער מיט ווייסע, שמעקנדיקע רויזן, געדיכטע וועלדער דופטן מיט פעטן יאַלאָוויץ, אַ פייגל-אָרקעסטער פּרילערט און צווייטשערט און באַגלייט זיי אין פאַרהווילענעם וועג אַריין.

יעקב האָט געקוקט צום לויטערן שבועות הימל און זיך דערמאָנט:

אין אַזאַ נאַכט האָב איך אַמאָל געוואַרט, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן...

נאָך אַזאַ נאַכט האָב איך געשוואָרן ניט צו גיין מער אין חדר...

נאָך אַזאַ נאַכט, האָט מיין טאַטע מיר געזאָגט:

„אונדזערס האָבן מיר מקיים געווען, דאָס איבעריקע איז דאָרטן, אויבן...

און איצטער?... ווער קען מיר איצטער ווייזן די וועגן?...

פון דעם טונקעלן האָריזאָנט קומען שוואַרצע כמאַרעס. די שטערן באַהאַלטן זיך. נישטאָ מער קיין צייכן פון א לבנה...

אין יעקבן האָט דאָס האַרץ מוראַדיק געפּלאַטערט, געדריקט און געציטערט, ווי דעמאָלט נאָך חצות, האָט ער אויך אַצינד געזוכט כאָטש א קליין שפּעלטעלע אין הימל...

זיינע מאָגערע, אויסגעבלייכטע הענט האָבן זיך ווידער צום הימל געהויבן, געקוקט אין דער שוואַרצקייט און געמורמלט:

— פון דאָרט — נאָר פון דאָרט קען קומען די הילף... און פלוצים האָבן זיך זיינע הענט אין פויסטן געביילט:

— הייגט וועסטו זיך שפּאַלטן! יאָ, וועסט זיך שפּאַלטן. אויב ניט — וועלן מיר דעם הימל מיט אונדזערע פויסטן אַדורכלעכערן...

— שפּאַלטן! שפּאַלטן!......

האָבן יידן אים נאָכגעשריגן, ווי מען זאָגט נאָך אָמן, נאָך א הייליקער תפילה...

* *
*

און דער הימל איז אויך דאָס מאָל געבליבן פאַרעקשנט — ער האָט זיך ניט געשפּאַלטן...

# מאָביליזאַציע

דער יידישער קאָמיסאַר האָט זיך געווישט די פייכטע אויגן־גלעזער, נישט אויפגעהויבן זיין בלאַנדן קאָפּ פון רעגיסטראַציע־בוך, זיינע קורצ־זיכטיקע בליקן האָבן דאָרטן געציילט די אומגעקומענע קינדער פונם אַלטן רעקרוט: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אכט... ניין... און צען...

— גייט א היים, ר׳ הלל — האָט דער קאָמיסאַר אויפגעהויבן זיינע טריבע אויגן — ריכט בעסער אויף אייער צעשטערטע היים, דערציט בע־סער אייער יונגן איניקל, ווייל אייערע צען אומגעקומענע זין האָבן דער וועלט געגוג שוין בלוט צושטייער געגעבן... און מיר וועלן אייך שוין אויס־האַלטן.

דער קאָמיסאַר האָט לאַנג און שטום אָנגעקוקט דעם גרויען רעקרוט און געוואַרט, אז יענער זאָל זיך צוריקציען.

ר׳ הללס טריפנדיקע אויגן זיינען אָבער געבליבן צוגעשמידט צום אָפּע־נעם רעגיסטראַציע־בוך, זיין געל צעקנייטשט פּנים האָט זיך ליימיק גע־רונדלט און זיין גרויער קאָפּ איז געבליבן פאַרריסן, שטאָלץ:

— ניין! ניט אין שטיצן גייט עס מיר — האָט ער א זאָג געטאָן אין א מידן קול — נאָר דאָרטן אין יידישן הארץ מאָנט נאָך עפּעס... מיין אויס־געפּרוווטער מוח גיט מיר קיין רו נישט... און מיינע הענט! — איר זעט מיינע צעקנייטשטע הענט?

פון זיינע אַראָפּהענגענדיקע אַרבל, האָט אַרויסגעקוקט א ברוינע מאָ־גערע פויסט, ווי א גרויסע צעקוועטשטע פייג:

— די דאָזיקע הענט — האָט ער איבערגעחזרט — זיי זוכן נאָך נקמה...

הינטער דער ביוראָ־טיר האָבן געוואַרט רעקרוטן שוין באַיאָרטע, מיטליאָריקע און מינדעריעריקע, אלס קאַנדידאַטן פאַר „הגנה״.

ר׳ הלל האָט איבערגעשטעלט זיין גראָבן שטעקן פון דער רעכטער אויף דער לינקער זייט, זיינע געליאַמעוועטע אויגן האָבן געקוקט מיט גרוים געבעט און די בלויע ליפּן האָבן אויפסניי געפּרוווט א בעט צו טאָן:

— כ׳בין נאָך נישט קיין גאַנצער קאַליקע, כ׳וועל זיך קענען נוצלעך מאַכן און בכלל... סיי ווי... וואָס קאָן דאָ שאַדן?

אָבער פון יענער זייט טיש האָבן יידישע אויגן זיך שטום איבערגע־ וונקען, פליכעוואַטע קעפּ האָבן געשאָקלט אויף — ניין!...

נישט פּעיק מער צו מיליטער־דינסט.

איז ר׳ הלל אַן אַנטווישטער צוריק אַרויס אין דרויסן. ווי ווייט זיין אויג האָט געקענט גרייכן האָט ער געזען פאַרזייטע פעלדער, צעבליטע ביימער, פולע פּרוכטן־גערטענער. נאָר די הייליקע ערד — האָט ער גע־ טראַכט — איז דורכגעווייקט מיט אונדזער בלוט. און די ברענענדיקע זון שמעלצט צענויף — ערד, בלוט און גוף — וואַרעמט און גלעט זיי צו א נייעם אויפגאַנג, צו א פרישן געבורט...

— און איך וואָס? — און דווקא איצטער? אין דער גורלדיקסטער שעה? — נישט פּעיק מער צו גאָרנישט?...

ער האָט אונטערגעהוסט סקריפּנדיק:

— צו וואָס און צו וועמען איצטער א היים גיין?

פאַר זיין רעיון טויכט אויף די ערשטע וועלט־מלחמה.

ער 40 און זיין יוסף 18 יאָר אַלט. ביידע זיינען דעמאָלט אין איין יאָר מאָביליזירט געוואָרן.

דאָס גמרא־בחורל יוסף מיטן שמאָלן ווייסן פּנימל האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן מיטן לאַנגן שינעל — אויפגעקנעפּלט, צוגעקנעפּלט און געכעכעט ביים שפּיגל:

— קוקט אַן א סאָלדאַט!...

און די מוטער האָט געהעשעט אין פאַרטוך אריין:

— טאַמער ווייסט איר צו וואָס און פאַר וועמען?

— „פאָניעס וואָיסק" — האָט אויך דער פאָטער אריינגעוואָרפן. און אינגיכן האָט שרהטשעלע אים געשריבן:

— מ׳פּויקט שוין ווידער אויפן מאַרק, ס׳האַלט שוין ביי אונדזער יעקבן...

טאַטע און זון האָבן זיך שפּעטער באַגעגנט בעת אַן אַטאַקע. מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי ביי געשאָכטענע קעלבער, האָבן זיי געצויגן

צו זיך, ביז ר׳ הלל האָט דערפילט, אז ער ליגט אויף דער ערד, קנייפּט אּון בייסט זיין לייב, הערט זיך איין צום אייגענעם אָטעם און דערמאָנט זיך:

— די קינדער.

— „קינ־דע־ע־ע־ער" — האָט ער דעמאָלט געמאַכט משוגענע קולות... און שפּעטער אהיימגעבראַכט א לאָמן פוס, טויבלעכע אויערן און אויף דער איינגעדאַרטער ברוסט — א „געאָרגעסקי־קרעסט".

זיין שרהטשעלען האָט ער שוין געטראָפן אויפן בעט מיט א פּאָר־שטומטע מויל, בלויז אירע שווארצע אויגן טאָפּלט גרויסע האָבן ווי גערעדט:

— נישטאָ מער יוסף, נישטאָ יעקב, און זי אליין — איז אויך באַלד נישט געווען...

ביי שרהטשעלעס קבורה, האָט ר׳ הלל אַראָפּגעריסן זיין גאָלדענעם מעדאַל און אים אריינגעוואָרפן אין קבר און שטילענקערהייט דאָרטן אריינ־געדעדט:

— „דו, דו ביסט מיין גאָלדערנער מעדאַל, דו, דו...

אינגיכן האָט מען ווידער געפּויקט אויפן מאַרק:

ר׳ הלל האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר צעשראָקענע אויגן... אין שטוב האָבן זיך לייטיש געכאַוועט נאָך זעקס זין...

זיין שמעון האָט דאַמאָלט געבראַכט די מעלדונג: — אז גאָרנישט מיט גאָרנישט, נאַרישקייטן, מ׳רופט בלויז אויף איבונג...

אָבער, „מאָביליזאַציע"!!! האָט זיך באַלד צעקלונגען פון עק ביז עק וועלט.

שמעון, שוין דאַמאָלט אליין א טאַטע, איז אוועק מיטן ערשטן עטאַפּ.

— וויין נישט חנה — האָט ער זיך געבעטן ביים צעכליפּעטן ווייב, בעת זיינע ברוינע אויגן האָבן היים געפינקלט:

— ס׳וועט לאַנג נישט נעמען און כ׳וועל מיך אומקערן צו דיר און צום זיסן קינדעלע... האָט ער זיך אוועקגעדרייט אויסצווישן א טרער.

נאָך דעם איז געגאַנגען אליעזר. א גבור געווען אליעזר. זיינע פעסטע ברוינע הענט האָט ער איינגעדרייט ווי פּיילנבויגנס, מיט זיין שטאַרקער ברוסט פאָרויס האָט ער זיך געווענדעט צום אַלטן טאַטן:

— זעסט מיינע מוסקולן? קוק נאָר אָן אַ פויסט! עס וועט אַ רוח אין זייערע...

גאָדלען האָט מען אוועקגענומען נאָכן פדיון־הבן פון זיין ערשטן זון. זיינע ווייסע פינגער האָבן דאַמאָלט אוועקגעשאַרט די שוואַרצע לאָקן און מיט די הענט אין די קעשענעס, האָט ער גערעדט:

— אונדזער טאַטע וועט אפשר ניט זען מער דעם באַפרייטן מענטש, דעם אויסגעלייזטן ייד, מיר אָבער — אַ נייע וועלט וועלן מיר אויפריכטן...

ברוך, ווען מען די ברידער פלעגן באַטיטלען: „פילאָזאָף", האָט אונטערגעכאַפּט:

— נישט ניי, איז וויכטיק — בעסער דאַרף די וועלט זיין!

און יצחקל, מרוגזדיק, מיט זיינע טיפע שוואַרצע אויגן, האָט צוגעהאָלפן:

— נישט ניי, און נישט בעסער, וועט דאָ העלפן — יושר דאַרף מען — יושר!....

און ביי שמואלן האָבן די דיקע ליפּן אזש געציטערט — שמואל פלעגט אַרוימוויזן חריפות אין פּאָליטיק. כאַ כאַ כאַ כאַ אַ אַ — האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול:

— יושר? — דאָס דאָזיקע וואָרט געפינט איר טאַקע אין אַלע ווערטער־ביכער... כאַ כאַ כאַ — האָט שמואל דאַמאָלט פאַרענדיקט די ברידערס דיאַלאָג.

בעת גאָדל האָט זיך געזעגנט מיטן זעקס יאָריקן סענדערל, הללם באַליבט אייניקל, האָט דער קליינער גראָד געהאַלטן אין שפּילן אַ „פייערדיקע אַטאַקע", וואָס ער האָט געמאַכט איבער זיינע „גרינע בריטשקעס און רויטע פערדלעך". כ'וועל זיי אומברענגען, האָט ער געוויזן אויף זיינע כאָלדאַטן... אויסשעכטן אַלע דייטשן...

לסוף זיינען אוועק הללם לעצטע צוויי זין. שמואל, דער עלטסטער, האָט שוין אליין געהאַט דערוואַקסענע קינדער, און דער מוזיניק, בערל האָט זיך ערשט געחתנט.

אַ וויינע נאַטור געהאַט שמואל, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט נידעריק צו דער ערד און באַפוילן:

— קריכט ארויף קינדער, אלע, אלע, שפּילט אייך גוט אָן מיטן טאַטן... שפּילט, טאַנצט, זינגט — און אליין אָנגעהויבן:

— „ס'איז געווען אמאָל א פּאַסטעכל, א פּאַסטעכל".

— אנו קינדער! האָט ער קאָמאַנדעוועט, זינגט הויך, העכער:

— „איז אים פאַרלוירן געגאַנגען זיין איין איינציק שעפעלע"...

— „געדענקט קינדער, ערליך צו האַלטן דעם זיידן" — האָט ער לסוף זיך געווענדעט צו זיין קליינוואַרג — „ווייל א זיידן טאָר מען נישט לאָזן אויף הפקר".....

און ר' הלל האָט אָנגעלענט זיין הייסן שטערן אויף דער קאַלטער שויב:

— א זיידע איז טאַקע נישט אויף הפקר — האָט ער דאָרטן אריינגערעדט:

— א וועלט אָבער? — א וועלט? ! . . .

— גייט מיט גאָט — האָט הלל געזעגנט מיט א שטילן פּאַטערלעכן טאָן די לעצטע צוויי זין — גייט און ווייזט, אז נישט אין זיפצן ליגט אונדזער רפואה...

אין דער „פּריסוטסטווע" האָבן הללס פאַרנעפּלטע אויגן זיך גוט איינגעקוקט אויף זיינע לעצטע צוויי יונגע, שיינע זין, געוואָלט זיי גוט פאַרקריצן אין זיין זכרון... דערביי האָט זיך זיין אייגענער קאָפּ געאַמפּערט מיט זיך אליין, געפירט וכוחים:

— ווי לאַנג נאָך? און ביז ווען?

אין מוח האָט זיך אים געפּלאָנטערט דאָס וואָרט „מאָביליזאַציע". זיין זיידע פלעגט דערציילן וועגן „מאָבאַליזירט" און ער אליין — אן אוניווערזיטעט פון „מאָביליזאַציעס". תמיד נאָר:

— איינס צוויי, איינס צוויי, איינס צוויי....

מען האַלט אין איין מאַרשירן, א וועלט פון בלויז רעקרוטן.

נאָכן לעצטן עטאַפּ האָט א פיינטלעכע באַמבע אויפגעריסן לעבן הללס שטוב. דאָס גאַנצע שטעטל איז געבליבן אָן א הימל, אָן ערד, אפילו לופט איז נישט געווען מער. אין זיינע האַלב-פאַרטויבטע אויערן, א הוראַגאַן פון מענטשלעכע קרעכצן און גסיסה-כאָרכלען. בלויז ער אליין האָט געקניפּן זיין לייב, געביסן זיין פליש, ווי אין יענער אטאַקע בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, און אויך אצינד זיך איינגעהערט:

— איך לעב נאָך — איך אָטעם? און מיינע קינדער?...

— „ביסט נישט אַליין זיידעניו" — האָט ר' הלל דערפילט די וואָרע־מע העגט פון קליינעם סענדערל קלאַמערן זיך אַרום זיין האַלדז.

ביידע איינגעקנוילט לעבן דער רויכנדיקער חורבה האָבן צוגעזען, ווי דער הימל האָט זיך אויפסניי באַוויזן, אין האָריזאָנט גייט ווידער אויף א רויטע זון, נאָר אויף די צעשמעטערטע גאַסן — היטלערס מלאכי חבלה...

אַלע געטאָ־גהינומס האָבן קיין שליטה נישט געהאַט איבער ר' הלל מיט זיין יונגן אייניקל:

— אפילו דער טויט בראַקירט אונדז אויס — פלעגט ער זאָגן צו סענ־דערלען, דעם איינציקן שורש פון זיין פאַרצווייגטן שטאַם:

— מיר זיינען דער סנה — פלעגט ער אַריינשושקען דעם קליינעם אין די אויערן אריין — מיר ברענען און ווערן נישט פאַרברענט...

נאָך דעם געטאָ זיינען געקומען בלאָנדזשעניש איבער יבשה און ימים. ביידע מיט אייניקל זיינען אונטערגעוואָרפן דעם חסד פון שטויב איבער וועגן, דעם געגנאָד פון שטורם איבער טייכן און דעם רחמנות פון פעלקער צו שוצלאָזע יידן... ביז א געזונטער יידישער חלוץ, א „שמשון" ממש, האָט זיי געגומען אויפן „הארטן יידישן נאַקן" און צווישן סכנה, טויט און האַ־פענונג, געשווומען צו באַפרייונג, געשווומען צום יידישן ברעג... הגם חשכות האָט דאמאָלט אין יעדן שאָרך פון די כוואַליעס געשראָקן, און לעבנס־געפאַר האָט געדראָט אינם וווּנק פון די שטערן, דאָך האָט ר' הלל געפילט, אז עס טאָגט אים אין יעדן אבר...

— מיין היים! — האָט ער סענדערלען געדריקט צו זיין האַרץ — אונדזער היים! — אונדזער לאַנד! ! ! — האָט ר' הלל אויסגעשריען נאָענט צום ארץ־ישראל־ברעג....

און עס איז געווען פרימאָרגן. די זון האָט געגאָלדיקט זאַנגען אויפן פעלד, געזילבערט סטעזשקעס איבערן לאַנד און ר' הלל דערהערט פלוצים ווידער דאָס אלט־באַקאַנטע וואָרט — „מאָביליזאַציע"...

— האַ? וואָס איז דאָס? — האָט ער אָנגעשטעלט זיינע טויבלעכע אויערן — „מאָביליזאַציע"? אויך אויף די גאַסן פון ארץ ישראל? און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן נישט געפילט קיין שרעק אין דעם דאָזיקן

שרעקלעכן וואָרט. פאַרקערט, ווי א ליכט־שטראַל וואָס באַווייזט זיך אַמאָל צווישן געדיכטע וואָלקנס האָט אים איצטער דאָס וואָרט געלייכט און געוואַרעמט.

ער דערמאָנט זיך וואָס זיין גאַדל האָט געזאָגט: — „אונדזער טאַטע וועט דעם באַפרייטן מענטש נישט זען"...

— איך וועל אָבער זען דעם באַפרייטן ייד! האָט ער איצט געמורמלט צו זיך אַליין:

— יאָ, כ'וועל אים זען! זיכער זען!...

און ווען ר' הלל האָט שפּעטער געזען, ווי די יידישע זין און יידישע טעכטער גייען עטאַפּנווייז בילדן די באַרימטע „הגנה", האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן אין דער מחשבה, צו זיינע טויטע זין:

— ווו זענט איר איצינד? קינדער מיינע? ווו נעמט מען איצטער אייערע כוחות? אייער גבורה? איצטער! — האָט ער געשריען — איצטער!

דאַמאָלט איז אין ר' הללס קאָפּ אויפגעקומען דער געדאַנק — ער וועט גיין אליין!

— איך אליין! — ווי לאַנג אַן אָדער באַוועגט זיך נאָך, וועל איך פּרווון אליין . . .

ער האָט באַטאַפּט זיין מאָגערע ברוסט, באַטראַכט זיינע ביינערדיקע הענט און מודה געווען:

—זיי זיינען שוין גאַרנישט ווערט איצינד, אָבער צווישן די פינגער קאָן מען נאָך האַלטן א ביקס? און מיט א ביקס — אָהאָ....

און מונטער, מיט ברייטע טריט געשפּרייזט א פריילעכער צו דער „פּריסוטסטוויע".

אויפן זוניקן וועג האָט אים געלויכטן יידישער בטחון. דעם „עם קשי עורף" וועלן זיי נישט ברעכן — האָט ער לייכט אונטערגעטענצלט, ווי א יונגערמאַנטשיק... און אין געדאַנק זיך דערווייל אויסגעטענהט מיט רבי עקיבא, מיט יוחנן בן זכאי:

— אַזוי און אַזוי — אויך געווען זאַט אין יאָרן, הונגעריקע נאָך קאַמף, דעכצנדיקע נאָך נקמה און אויך מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר פאָלק און לאַנד . . .

אויפן ליכטיקן הויף פון רעגיסטראַציע לאָקאַל, האָט דאָס אייניקל אָפּגעוואַרט דעם זיידן.

זיינע טיפע ברוינע אויגן זיינען לוסטיקע צעפינקלט, זיין שוואַרץ געלאָקטער קאָפּ, וואיל יונגעריש צעפּאַטלט, און די ראָזע, פולע ליפן האָבן געפייפט א פריילעכס...

ר׳ הלל האָט געקוקט פון וויטנס, פאַרגאַפט געווען פון קליינעם מוטיקן בר־מצוה־בחורל, באַוואונדערט זיין העלדישן געשטעל... אים האָט זיך פלוצים געגומען דאַכטן, אז סענדערלס יונגער גוף נעמט ווערן גרעסער, שטאַרקער, אַנזעעוודיקער... זיינע גליענדיקע אויגן לייכטן צו אים ווי פאַקלען אין א פינסטערער נאַכט... א נייע פרייד האָט ר׳ הלל געפילט אויפגיין אין זיין צעווייטיקטן האַרץ...

סענדערל איז אים שטיפעריש אנטקעגנגעלאָפן, ר׳האָט געוווסט, אז דער זיידע וואַרט אויף עפּעס.... זיינע צעשפּילטע אויגן האָבן ווי געפרעגט:

— אַנגענומען? אַנגענומען?....

נאָר זעענדיק ר׳ הללס פאַרביסענע ליפן, האָט אים סענדערל ארומגענומען, גלייך ער וואָלט געווען דער דערוואַקסענער און דער זיידע גאָר דאָס אייניקל...

— „זאָרג נישט זיידעניו, מיר וועלן נאָך אָקערן און זייען" — האָט סענדערל אריינגערעדט אין זיידנס צעקנייטשטן פּנים אריין — מיר וועלן פלאַנצן א וויינגאָרטן און האָדעווען ווייסע טויבן" — האָט דער קליינער דעם זיידן געטרייסט און זיינע יונגע אויגן האָבן דערביי געלויכטן פאַר שמחה....

— „יאָ, סענדערל, יאָ" — האָט דער זיידע זיך געטוליעט צו זיין יונגער ברוסט, ווי א קינד טוליעט זיך צו א גרויסן, צו א דערוואַקסענעם מענטשן, װעלכער וועט זיך אָננעמען זיין עולה, אויפמאָנען זיין חשבון... און וועט זיך נוקם־זיין פאַר זיין פאַרשפּילטער וועלט...

— „יאָ, סענדערל, יאָ — האָט ר׳ הלל נישט געקענט ארויסברענגען קיין אַנדער קלאַנג.

ער האָט געפילט, ווי א גרויסער נס — א נר־תמיד לייכט אים אין די אלטע ביינער אריין:

— יאָ, מיר וועלן נאָך! מיר וועלן נאָך! — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

— און דו? — האָט זיך ר׳ הלל לסוף באַהערשט און גענומען סענ־דערלען פאַר די הענט:

— דו מיין איינציקער איבערבלייב, מיין לעצטער יורש — וועסט זיין א רינגעלע אין דער גרויסער יידישער קייט, וואָס וועט איצטער שמידן דעם אויפגאַנג צו א באַפרייטן יידישן לעבן, צו שלום און גערעכטיקייט איבער דער גאַנצער וועלט...

# פאַרטוישט די קאַפּאָטעס

געווידמעט ג. ז.

אָרנלאַנג האָט זיך די פאַרהאָרעוועטע צייטעלע געבראָכן דעם קאָפּ, אָפּצושפּאָרן א פּאָר איבעריקע גילדן צו קענען מאַכן א נייע אַטלאַסענע קאַפּאָטע פאַר איר געטרייען בנימינען.

אין די ערב שבתים, ווען בנימין פלעגט נעמען אויף זיך ארויפציען זיין אַלטע צעריסענע קאַפּאָטע, איז פון צייטעלען געפאַלן לעבעדיקע שטיקער, קוקנדיק, ווי איר גוטער מאַן האָרעוועט נעבעך שווער כדי צו געפינען א שטיקל אָפענעם אריינגאַנג אין די צעדריוועלטע אַרבל, וואָס אָט האַלט ער שוין אינמיטן און באַלד קריכן די פינגער צוריק ארוים פון דרויסן...

ביי יעדן מאָל אָנטאָן די אַלטע קאַפּאָטע, איז צוגעקומען נייע צויטן, פרישע צערעס, ברייטע לאַטעס, וואָס, ווען מען נעמט דאָס אַלץ אַוועק פון דער דאָזיקער קאַפּאָטע, וואָלט מער ניט געבליבן, ווי א שטיקל אויס-בליאַקירטער אונטערשלאַג וואָס האָט שוין אויך אויסגעקוקט, גיכער ווי אַ טשאַלנט-שמאַטע, איידער עפּעס א „פּאָטשעוועקע" צו אַן אַלטן מלבוש... אָבער, די אויבערשטע טיילן האָבן נאָך אַלץ געהאַט א שטיקל באַזע פאַר זייער נעבעכדיקער עקזיסטענץ, א שטיקל אָנהאַלט און א מעגלעכקייט אויף ניט צעשיטן זיך אינגאַנצן... ניט איין מאָל האָט צייטעלע געביטערט פאַר אירע טעכטער:

— „קוקט אַן א „הורג", איז דאָס א מלבוש פאַר א באַלעבאַטישן מענטשן? קען מען דעם טאַטן, אין אַזא הולך לאָזן גיין אין שול אריין? דאַרף מען ניט אָפּצושפּאָרן פונעם מינדסטן שטיקל ברויט, כדי דער טאַטע זאָל זעך קענען באַוואַזן אין א לייטישן בגד?

אָבער די טעכטער, וואָס האָבן אַליין געהאַט שווערע דאגות, וועגן א שטיקל ביליקן ציץ, צו פאַרדעקן דעם אייגענעם גוף, האָבן טרויעריק געהויבן מיט זייערע שמאָלע פלייצעס, אומעטיקע צוגעשאָקלט מיט זייע-רע שיינע קעפּ און גאָרניט געקענט העלפן...

דער איינציקער וואָס האָט אויף דער „קאַפּאָטע־טראַגעדיע" געקוקט מיט א ביטול־שמייכעלע איז געווען ר' בנימין אַליין:

— „אייסעך וואָס" — האָט ער געטענה'ט א באַליידיקטער — „וואָס האָסטו דעך צוגעטשעפּעט און דילסט מיך שוין יאָרן לאַנג מיט א נייַער קאַפּאָטע? אָסור אויב איך וויים וואָס דו האָסט צו מיין אַלטן בגד? פאַרקערט, איך פיל מיך זייער גוט אין איר און וואָלט סיי ווי קיין אַנדע־רע ניט אָנגעטאָן"...

האָט זיך דער דאָזיקער פּזמון איבערגעחזרט, אַלע ערב שבת, אַלע ערב יום־טוב, אַלע ערב התונה'ס און אַלע ערב ברית'ן, ווו ר' בנימין איז סוף כל סוף געגאַנגען אין זיין אַלטער צעהורג'טער קאַפּאָטע...

אָבער צייטעלע האָט עס מער ניט געקענט פאַרטראָגן:

„מען איז טאָקע ביטערע אביונים, מען האָרעוועט שווער אויפן פּיס־נעם שטיקל ברויט, מען דאַרף טאָקע אָנפילן 12 יונגע פּיסקעס... אָבער, מען דאַרף דאָך אויך האָבן א שטיקל מענטשלעכן אויסזען?"

דעריבער האָט זי באַשלאָסן: זי זאָל ווייסן צו הונגערן, טראָגן וואַ־סער אין די הייזער, וואַשן פּאָדלאָגעס אין פרעמדע שטיבער, אָבער א פּאָר אַרשין אַטלאַס וועט זי אָפּשפּאָרן... און אַבי ס'וועט נאָר זיין די סחורה, וועט מען שוין אויפנייען אויך און ס'וועט מיט גאָטס הילף זאַן א נייַע קאַפּאָטע...

* *

*

און די גוטע צייטעלע האָט אירס טאָקע אויסגעפירט.

אין א דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, דער באַק־אויוון האָט זיך שוין געהייצט אויף חלות, די טעכטער האָבן צוגעגרייט וועטשערע און ר' בנימין, קומענדיק פון דאַרף א הונגעריקער, האָט זיך פרום געוואַשן צו שאו־ידיכם און ווען ער איז שוין געזעסן ביים טיש און געמאַכט די המו־ציא, האָט דעמאָלט די דריבנע צייטעלע א פלינקן שלעפּ געטאָן פון קוישל אַרוים א שטיקל שוואַרצן אַטלאַס, א צעלייג געטאָן אויפן הויכן בעט און פּאַר גרוים פרייד אַזש גערעדט אָפּגעהאַקט:

— „גלויבט איז גאָט... אָפּגעשניטן... מ׳עט אויסצאָלן... אויפנייען... ס׳וועט שוין זאַן... יאָ, ס׳וועט שוין זאַן... א נייע אַטלאַסענע... קאַפּאָטע...

צייטעלע האָט דעם שטאָף צעלייגט איבערן גאַנצן בעט, ווי אַ פּלו־שענע דעקע. דער שוואַרצער אַטלאַס האָט זיך גענומען כוואַליען אין טיפע פאַלדן, זיין רחבות׳דיקער גלאַנץ האָט פאַרבלישטשעט די אָרעמע שטוב, געמאַכט איר אויסזען פריילעכער, יום־טוב׳דיקער. די טעכטער האָבן זיך געשפּיגלט אינעם שוואַרצן גלאַנץ, צייטעלע האָט געגלעט די אַטלאַסע־נע כוואַליעס. בלויז איין בנימין איז געבליבן קאַלט, מיט אַ פאַרזאָרגטער מראה צונישט געמאַכט דאָס גאַנצע עסק:

„אייסעך וואָס, נייטיק געדאַרפט זיך ברעכן דעם קאָפּ״ — און קיי־ענדיק מיט רוגזה דאָס שטיקל טרוקענע ברויט, געזיפצט די ווערטער צווישן זיינע שיטערע ציין:

— „אומזיסט געווען דיין שווערע טרחה, כ׳וועל סיי ווי דאָס נייע בגד ניט אָנטאָן, ווייל כ׳האָב פּשוט ליבער די אַלטע קאַפּאָטע״...

נאָר ווען דער גאַנצער עולם איז שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט בנימין זיך פאַרגנבעט צום אויסגעשפּרייטן אַטלאַס, א גלעט געטאָן אי־בער דער ווייכער הויט און מיט באַהאַלטענער ליבשאַפט געבליקט צו דער פאַרהאָרעוועטער צייטעלע, וואָס האָט זיך נאָך אַליין געפּאָרעט אַרום ערב־שבת׳דיקן אויוון:

— „אשת־חיל מיינע, א ברכה זאָל קומען אויף דיין קאָפּ״... — האָט ער שטיל געמורמלט און זיין דמיון האָט באַלד א שפּאַציר געטאָן צו זיין ערשטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע...

* *

*

זיבעצן מיט א האַלב יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען, ווען זיין מו־מער האָט אים א דערלאַנג געטאָן דאָס גלאַנציקע חתונה־מלבוש... פון אונטן האָט ער אָנגעטאָן א לאַנגן טלית־קטן און פון אויבן די נייע אַט־לאַסענע קאַפּאָטע. זיין פּנים׳ל איז געווען שמאָל, די פּאה׳ס לאַנג, די טאַ־ליע באַגאַרטלט מיט א זיידענער שנור: אַזוי איז ער געשטאַנען אונטער

דער חופה. און די דריבנע צייטעלע לעבן אים, האט זיך קוים ארויס־געזען פון איר לאנגן סאטינדיליאנע־קלייד... די מומע האדל האט זיי אקעגנ־געטאנצט מיט א לאנגן קוילעטש, געפליעסקעט מיט די הענט און זיך נאכדעם אריינגעריסן אין חתן־כלה׳ס חדר מיוחד, געוואלט נאשן פון דער גילדענער יויך... און דערווייל אים אפגעגאסן זיין גאנצע קאפאטע... שוין 30 יאר פארביי און ביזן היינטיקן טאג האט נאך זיין קאפאטע א גרויסן פלעק פון יענער גאלדענער יויך... אלץ האט דאס מלבוש שוין פארלוירן, דעם קאליר, פאסאן, דאס געניי, נאר דער פעטער פלעק גלאנצט נאך אלץ אויף די צעדריוולטע לאצן...

באלד טויכן אויך אויף די גאנצע פארשוואונדענע 30 יאר... צייטעלעס קליינער גוף׳ל האט גענומען ארויסגעבן פון זיך איין יונגאטש נאכן אנ־דערן און די קאפאטע איז אלץ געבליבן ניי... ווען ס׳האבן אנגעהויבן צו קו־מען די מיידן, האט די קאפאטע נאך אלץ געגלאנצט ווי אונטער דער חופה... ערשט ווען צייטעלעס ווייבערשער טראכט האט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל: 6 מיידן און 6 יונגען און איר נידעריקער געשטעל איז איינגעשרומפן געווארן, ערשט דעמאלט האט זיך אויך גענומען טעפן די אטלאסענע קא־פאטע... ווי איבערגנאכט וואלט אויף איר געקומען א שווערע חולאת... פרוי־ער א פאר קליינע ריסעלעך, שפעטער, גרויסע צווטן און לסוף די ברייטע לאטעס, וואס די שמאלע צייטעלע האט גענומען אריינטשאכען איינס אויפן אנדערן...

און אז די קאפאטע האט שוין געהאט אויף זיך מער לאטעס, ווי שטאף, איז אויף איר געקומען א שטיקל מנוחה — ווי א וואפנשטיל־שטאנד נאך א גרויסער מלחמה... די גלאנציקע לאטעס האבן צווישן זיך געשלאסן אן אייביקן שלום, זיך אויפגעהערט ארומצורייסן... און טאמער האט אמאל געטראפן, אז ערגעץ אן א זייט האט זיך אויפגעמאכט א קליין שפעלטעלע, אדער א שוואכע נאט האט אויפגעדעקט דעם הינטער־חלק, האט עס צייטעלע אויף גיך צוזאמענגעצויגן מיט א נאדל און די קאפאטע האט אויפסניי גענומען דינען בגימינגען אויף לאנגע און געזונטע יארן...

בלויז אײן צײטעלע וואָס האָט לסוף דערקלערט אַ בלוטיקן קריג דער דאָ־זיקער אָפּגעחומר׳טער קאַפּאָטע, אַ מלחמה אויף לעבן און טויט...

* *

*

שטייט אַזוי בנימין און קוקט אַ פאַרמוח׳טער אויף דעם אויסגעשפּרייטן גלאַנציקן אַטלאַס, וואָס דאַרף בקרוב ווערן זײַן נײַע קאַפּאָטע און קען פּאַרט ניט אָוועקנעמען זײַנע שטילע רעיונות פונעם אַלטן מלבוש:

— „טאַקע צערעסן, טאַקע צעטעפּיט, געצערעוועט און געלאַטעט, אָבער, אין יעדן אַלטן ריסעלע, ליגט אַ שטיק פאַרגאַנגען לעבן... יעדער קליין לאַטקעלע, דערמאָנט אין אַ טיפער איבערלעבונג, יעדער שטיקל צײַט — אַ זכר פון יום־טובדיקע טעג...

30 יאָר זיך ניט געשיידט פון איר, אויף קיין אײן שבת, קיין אײן יום־טוב, אויף קיין אײן חתונה ניט פאַרפעלט איר אָנצוטאָן און דאָ פּלוצים, נאָדיר גאָר אַ נײַע קאַפּאָטע... ווו וועט ער גאָר נעמען כח איר צו טראָגן? דער שאַרפער גלאַנץ וועט גאָר שאַדן צו זײַנע מידע אויגן...:

— „ניין!" — האָט בנימין פּלוצים אַ הויכן זאָג געטאָן אין דער נאַכט אַרײַן: — „כ׳וועל נישט אָנטאָן קיין נײַע קאַפּאָטעס".. און צוגײַענדיק נענטער צו צײטעלען האָט ער צוגעגעבן:

— „כ׳לעבן מײַן ווײַב, האָסט וועגן בילכערע זאַכן צו זאָרגן: ערשטנס וואָלט דײַן פעלן־שייטל אויך שוין געמעגט האָבן אַ נײַעם גרעק, צווייטנס, איז דײַן סאַטינדיליאָנע קלייד, פּונקט אַזוי צעדרילעוועט, ווי מײַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע און דריטנס האָבן מיר דאָך נאָך צוויי דערוואַקסענע טעכטער מגדל צו זײַן, איז ווי מעגן מיר גאָר טאָן אַזאַ אויסטערלישע זאַך? וואָס איז, די מיליאָנען וואַלגערן זיך באַרינץ אונטער די פענסטער? כ׳לעבן, וועסט צוריק אָפּגעבן דעם גלאַנציקן שטאָף, ווײַל ס׳איז ניט פאַר מײַן געדולד און אַוודאי ניט פאַר אונדזער קעשענע...

אָבער, די שטילע און ציכטיקע צײטעלע האָט נישט נאָכגעגעבן, נאָר דווקא באַשטאַנען אויף דאָס אירעקע... גאָר אויפגעוויזן, אַז פּונקט פאַרקערט: טאַקע ווײַל מען האָט נאָך טעכטער אויסצוגעבן, און טאַקע ווײַל

מען דאַרף זיך נאָך טרעפן מיט מחותנים, און טאַקע ווייל מען איז נעבעך „געמיינע לאַט”, איז דווקא דערפאַר מוזמו האָבן א נייע אַטלאַסענע קאַפּאָטע”....

און צייטעלע האָט ניט גערוט. דעם שטאָף האָט זי שוין געהאַט, די צו־דאַטן אויך, איז געבליבן דאָס אויפנייען: — „נו א דאגה איר: ר׳ שמואל לאַטשיאַזש לעבט דאָך. ער פרעגט דען וויפל וועסטו געבן? אָדער ווען וועסטו באַצאָלן? ר׳וויים גאַנץ גוט, אַז ר׳ בנימין מוז האָבן א נייע קאַפּאָטע, וועט ער אויפנייען און ס׳איבעריקע איז ביי גאָט... אַז ער וועט האָבן, בנימין, וועט ער באַצאָלן, טאָמער, חלילה ניט, איז אויך נישט קיין גרוי־סער אומגליק, דאָס ביסל רויטן באָרשט מיט דער פיסנער קאַרטאָפליע, וועט דער לאַטשיאַזש סיי ווי האָבן”...

* *
*

אָבער ס׳האָט גאַרניט געהאָלפן, ניט דאָס אויפנייען און ניט צייַ־טעלעס בעטן זיך, ער זאָל זי כאָטש אָנמעסטן... בנימין איז געבליבן פאַרעקשנט: — „די אַלטע קאַפּאָטע איז מיר מער צום האַרצן און כ׳וועל די נייע ניט אָנטאָן”....

* *
*

העלפט גאָט און דער גרעסטער גביר פון שטעטל מאַכט חתונה זיין קליינע מוזינקע און אַלע זיינען פאַרבעטן צום הויכן קידוש...

איז צייטעלען ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן... אויף דער דאַזיקער שמחה, איז זי זיכער, וועט איר בנימין שוין מוזן אָנטאָן די נייע קאַפּאָ־טע... און פונקט האָט איר גאָט צוגעשיקט נאָך א גוטן שליח. דער אָרע־מער ייד וואָס איין מאָל אין א יאָר קומט ער אין שטעטל אריין אויסצוליי־דיקן די פושקעס פון ר׳ מאיר בעל־נס... צייטעלע איז אים תמיד מקרב, כּיט אַן אַלט העמד, וועטשערע, נאַכטלעגער... איז איר איינגעפאַלן: זי וועט אַוועקשענקען דעם דאַזיקן אָרעמען ייד בנימינס אַלטע קאַפּאָטע און אַז עס וועט קומען צום קידוש, וועט איר פאַרעקשנטער מאַן שוין ניט האָבן קיין אַנדערע ברירה, נאָר וועט מוזן אָנטאָן דאָס נייע מלבוש...

באַנאַכט, אַלע זיינען שוין געשמאַק געשלאָפן, איז די דריבנע ציי־טעלע צוגעגאַנגען אין דער פינסטער צום קליינעם מלבושים־שענקל, שטי־לענקערהייט ארויסגענומען די אַטלאַסענע קאַפּאָטע און נאָך שטילער זי אַ פּאַררוק געגעבן אין דעם אָרעמאַנס טאָרבע אריין און — אוים מיט דער אַלטער קאַפּאָטע...

* *
*

צומאָרגנס איז געווען דער קורצער פרייטיק, דער אָרעמער ייד האָט זיך געפּעדערט קאַיאָר און איז אַוועק אין זיין ווייטערדיקן וואַנדער־וועג... דאָס קליינע שטעטעלע איז נאָך געלעגן פאַרדרעמלט, אין אַ טיפן שניי; די נאַקעטעביימער האָבן אויסגעקוקט, ווי געהילטע אין ווייסע טליתים. אויף די פאַרשנייעטע געסלעך, האָט מען זעלטן געזען אַדורכ־שאַפּען אַ פאַרבאַבליעטן מענטשן. אָבער, אין די ערב־שבת׳דיקע שטי־בער האָבן זיך שוין אַלע געגרייט צו דעם גרויסן קידוש פונעם שטעטלשן נגיד...

צייטעלע האָט שוין פון גאַנץ פרי, געפּרווט אַ טאָפּ־טאָן דעם „דופק" ביי איר פאַרעקשנטן מאַן מכוח אָנטאָן היינט די נייע קאַפּאָטע... זיך אָנגע־גרייט די איבערצייגנדיקסטע ווערטער, אָנגעשטעלט די טעכטער זאָלן צו־העלפן. אָבער, ווי איבעראַשט זיינען אַלע געוואָרן, וואָס בנימין האָט דאָס מאָל ניט געפּרווט צו שטעלן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד... נאָר גלייך, מיט אַ געלעכטערל געזאָגט:

— „מילא נו, כ׳זע דאָך שוין, אַז היינט וועל איך זיך ניט ארויסדריי־ען פון ענק, און לכבוד אַזאַ גרויסער שמחה, וועל איך דאָסמאָל צוליב טאָן די ווייבער"... בפרט ווען צייטעלע האָט אים באַלד אויסגעזאָגט דעם גרויסן סוד, אַז זיין אַלטע קאַפּאָטע האָט זי אַוועקגעשאָנקען דעם אָרעמען ייד, איז שוין סיי ווי ניט געבליבן וועגן וואָס צו קעמפן...

* *
*

פאַרנאַכט, ר׳ בנימין איז שוין געקומען אַ דערפרישטער פון מרחץ, אַ וויים העמד איז שוין געלעגן גרייט אויפן בעט. דערווייל האָט ער גע־מורונקען אַ היים גלעזל טיי, פרום געקוקט, ווי דער שבת קודש נעמט זיך

אריינשאַרן אין די ווינקעלעך פון זיין שטוב. א שטילן טראַכט געטאָן וועגן „מזל" פון זיין אַלטער קאַפּאָטע, געפילט ווי ס'נעמט אים אַרום א בענקשאַפט צו איר און, פונקט דעמאָלט איז צייטעלע געגאַנגען ארויסנעמען פון כּלבושים שענקל דאָס נייע בגד...

נאָר פּלוצים איז איר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן... די אַלטע קאַפּאָטע מיט די צעדרילעוועטע לאַטעס און צויטן האָט איר אַזאַ בלענד געמאָן אין פנים אריין, גלייך א מת וואָלט פּלוצים אויפגעשטאַנען תחית-המתים, גלייך די קאַפּאָטע וואָלט אויגן באַקומען און זיך גענומען רייצן מיט איר:

— „אהאַ צייטעלע, זעסטו שוין, געוואָלט מיך אומברענגען, אויסראָטן, אוועקשיינקען... אָבער, מיך וועסטו שוין מער ניט פּטור ווערן... קיינמאָל ניט"...

—„ אַז וויי איז מיר און וויגד" — האָט זיך דערהערט איבער דער גאַנצער שטוב צייטעלעס פאַרצווייפלטער אויסגעשריי...

און אַז בנימין מיט די טעכטער זיינען איבערגעשראָקענע צוגעלאָפן זען וואָס ס'האָט פּאַסירט, האָט צייטעלע קוים אַרויסגעקרעכצט:

— „אַ וויסטער חלום צו אונדזערע שונאים'ס קעפּ, כ'האָב דאָך פאַרמישט די קאַפּאָטעס! אריינגעלייגט די נייע פאַרן אָרעמן יידן און די אַלטע איז ווידער געבליבן אין שאַנק"...

# צעבראָכענע לעבנס

ווען די קלימעקעס זיינען שוין געשטאַנען געפּאַקט און 6 קינדערלעך האָבן ערנסט אַרומגעטאַפּט דאָס הילצערנע קופערטל, שטרויענע קיישעלעך, קישעלעך, ציכעלעך און בכלל „צידה לדרך" פאַר אַ לאנגן ווייטן וועג, האָט משה נאָך אַלץ ניט געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק: „אַז קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ... אַז ער מוז פאַרלאָזן ווייב און קינדער, אַז ער מוז פאָרן זוכן א „תכלית"...

די ייִנגערע קינדערלעך האָבן אויף די צעקנאָדערטע פּעקלעך זיך געפּרוווט אַ קאָליר־טאָן, געריטן און געפאָרן אויפן שמאָלן קופערטל מיט די מעשענע רעדלעך, איבער דער לענג פון קליינעם שטיבל און צומאָלס געשטופּט זייערע דריבנע פינגערלעך צווישן די פאַרשטייפטע גראָבע שטריק, גלייך זיי וואָלטן געוואָלט א לעצטן בליק טאָן אויפן טאַטנס היימישע מכשירים. אריינגעשטעקט זייערע קליינע אייגעלעך צווישן די שפּעלטעלעך פונעם שטרויענעם קוישל און א לעצט מאָל נאָך געקוויקט זיך מיטן טאַטנס „טייערע" זאַכן...

די עלטערע קינדער זיינען ערנסטע געשטאַנען פונוויטנס, זייטיק געבליקט צו דער אויסגעבלייכטער מאַמען... געזען ווי זי ווישט כסדר די אויגן, זיפצט און קרעכצט:

— ער מוז פאָרן דער טאַטע... נישטאָ מער קיין אַנדערע ברירה...

משהס יונגע פּנים, פאַרשאָטנט מיט א סך געדיכטע קנייטשעלעך, האָט זיך וויילעכווייז איינגעקוקט אויפן שפּיל פון די קלענערע קינדערלעך, אָט א גלעט געטאָן דאָס געלאָקטע קעפּל ביים ערשטן און אָט זיך געכאַפּט קושן די פּוכקע הענטלעך ביי א צווייטן... דערביי געביסן זיינע טרוקענע ליפּן ביז בלוט און לסוף ניט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף מיט זיך אליין... מיט א יאָמער זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיין שרהלעס פיס, פאַרגראָבן זיין צעפּאַטלטן קאָפּ אין איר וואַרעמן שויס און געמורמלט:

— „איך קען ניט, שרהשי, איך קען ניט... אָפשר נאָך פּרוון קעמפן דאָ?

— אפשר וועל איך נאָך געפינען א ביסל שניידעריי, און אַז נישט, איז האַקן

האַלין, טראָגן שטיינער אויף די מויערן, פאַרקויפן מיינע געזונטע הענט צו אַלע סאָרטן אַרבעטן... אבי מיט אייך צוזאַמען... אבי נישט לאָזן דאָ די נשמה פון מיין גוף"...

שרהלעס טיפע בלויע אויגן, וואָס זיינען פון שווערע איבערלעבונגען, געווען פאַרצויגן מיט א טונקל מאַטער שיין, האָבן געקוקט אויף איר טייערן לעבנסבאַגלייטער מיט א טיפער רעזיגנאַציע, מיט א מינע וואָס האָט גע־רעדט, אַז: אַלצדינג האָבן מיר שוין אויסגעפּרוווט און 6 קינדער קען מען מער נישט לאָזן הונגערן... שרהלעס ווייסע צאַרטע הענט, צעשעדיקט פון שווערער, איבערנאַטירלעכער האָרעוואַניע, האָבן זיך מיט טריישאַפט גע־קלאַמערט אין משהס אויסגעמאַגערטן האַלדז; אירע שמאָלע, צוזאַמענגע־דריקטע ליפּן האָבן אויף אים געאָטעמט מיט וואַרעמקייט, מיט לאַנגיאָרי־קער ליבשאַפט און די דאָזיקע ליפּן האָבן פעסט און דעצידירט געענטפערט:

— ניין, משה, מוזט פאָרן... דאָ אין פוילן, איז מער נישטאָ וואָס צו־טאָן... מיר האָבן מער קיין אַנדער ברירה נישט...

און משה איז געפאָרן קיין בראַזיל.

ווען דער צוג האָט געטאָן דעם לעצטן פייף, האָבן שרהלעס איינגעקלאַ־מערטע הענט זיך געמוזט באַפרייען פון משהס ציטערדיקע אָרעמס. די זעקס קינדערלעך וואָס זיינען געווען איינגעפּרעסט צווישן ביידנס הערצער, האָבן אויסגעבראָכן אין ספּאַזמאַטישן געוויין:

— „טאַטע! טאַטעניו! טאַטעשי!"...

אָבער דער סקריפּ און געריוש פון די אייזערנע רעדער, איז געווען הע־כער פון זייערע געוויינען... האָט פאַרטויבט זייערע לעצטע קולות... משהס ארויסגעבויגענער קאָפּ פון וואַגאָן-פענסטער, האָט זיך געצומען זען וויניקער און וויניקער, ביז ס'איז פון אים נישט מער געבליבן, ווי א געדיכטער שוואַרצער רויך, וואָס האָט זיך נאָך לאַנג געשלענגלט אויף די שפּיצן פון די ווינטערדיקע פאַרוועלקטעביימער...

* *

*

די ערשטע צייטן אין בראַזיל, האָט משה אין יעדן פרויען-געשטאַלט געזען זיין שרהלע: אַלע קינדערלעך האָבן אים אויסגעקוקט, ווי זיין גיטע־לע, שיינדעלע, שלמהלע...

ס׳רוב האָט משה — אהיימגייענדיק פון א שווערן טאָג אַרבעט — גע־קויפט זיסע נאַשערייען און הנאה געהאט פונעם בלויזן געדאַנק — „פאַרן קליינוואַרג״...

באַקומענדיק דעם ערשטן בריוו פון שרהלען, האָבן משהס הענט פאַר פרייד געציטערט. שרהלעס קרומע, אומעטיקע אותיות האָבן געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן זיין האַרץ... די קינדערס באַזונדערע צושריפטן, ווי הי־ראָגליפישע צייכנס, האָבן אים אָנגעפילט מיט פרייד און גליק. אַפילו פונעם צוויי־יאָריקן מיידעלע איז געווען א פּאָר קרומע רעדעלעך: — „דאָס איז שיינדעלעס קוש״ — האָט שרהלע באַמערקט צולעצט... און משה האָט דאָס פּאַפּיר געדריקט צום האַרץ, עס אויסגעווייקט מיט וואַרעמע טרערן און גע־מורמלט: — „מיינע עשירותן, מיינע אוצרות״...

*  *
*

אין ריאָ, האָט זיך משה איינגעאָרדנט אין א צימער ביי א מיטל־יאָרי־קער יידישער פרוי, מאַרטאַ, א האַלבע עגונה, וועמענס מאַן איז געווען א שטיקל לא יוצלח... געזוכט „גליקן״ איבער שטעט און לענדער.... פון צייט צו צייט, אריינגעוואָרפן א לעבנס־צייכן: — „ער געפינט זיך דאָ, ער גע־פינט זיך דאָרטן....״ און באַלד, ווידער פאַרשוואונדן אויף יאָרן...

מאַרטאַ איז געבליבן מיט דריי קינדער וואָס האָבן זיך דערצויגן, האַלב אויף דער גאַס און האַלב, צווישן אָרעמע שכנים... זי אַליין, איז געבליבן מיט אַן אָרעם, שטיקל הייזלטשינע וואָס זי פלעגט פאַרדינגען צו אָרעמע עמיגראַנטן פאַר א ביסל עסן מיט שלאָפן... פאַרדינגען בחצי חינם...

*  *
*

אז משה האָט זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן „פּאַלאַץ״, האָט ער די ערשטע צייטן זיך גאַנץ ווינציק אומגעקוקט אויף דער דאָזיקער פרעמדער פרוי, וואָס האָט געהאט א געפּאַרבטן קאָפּ מיט געלע לעקעלעך, תמיד גע־טראָגן א ברייטע קימאָנע, אויך א געלע, מיט זייער א גרויסן דעקאָלט און צעלאָזטע אַרבל, פון וואַנעט ס׳האָבן אַרויסגעקוקט א פּאָר דיקע, נאַקעטע הענט...

יעדן פרימאָרגן האָט זי אַריינגעבראַכט צו משהן אין שמאָלן צימערל דאָס וואַרעמע פרישטיק. איר געלע קימאָנע נאָכלעסיק, פאַרקנעפּלט בלויז אויף אַ העלפט... פון די צעלאָזטע אַרבל האָט געוויזט מיט ספּעציפישער וואַרעמקייט פון פרויען־לייב... אונטער אירע לאַנגע וויעס, אויך געלע, האָט זיך געזייטלט אַ גרין־קעציִשער בליק און דאָס דינע פּיסקל אירס, האָט זיך פרום פאַרשנורעוועט, געגעדט שטיל, סודות׳דיק:

— „סעניאָר מאָיזעס, טרינקען זי געפעליקס הייסערהייט... און דער־לויבן זי זיך גיטיקס מער אַ שטיקעלע פּוטער... נישקשה, כ׳על אינען נישט רעכענען טייערער״...

און טאָמער האָט זי געטראָפן משהן ביים שרייבן בריוו, האָט זי באַלד געטאָן אַ רוק אָפּ דאָס פּאַפּיר אָן אַ זייט:

— „דערלויבן זי גיטיקס״, זי וועלן נישט פאַרשפּעטיקן מיטן שרייבן... אינס ווייבל דאָרט עט נישט אַנטלויפן... עסן זי פריער אָפּ״....

צוביסלעך, האָט זיך מאַרטאַ געגומען פאַרהאַלטן אַ ביסעלע לענגער אין משהס צימער, נייגעריק באַטראַכט די פאָטאָגראַפיעס פון שרהלען מיט די קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש לעבן משהס בעט. אפילו מודה געווען, אַז, משהס ווייבל איז אַ גאַנץ שיינע, גאָר אַ „זגראַבנע״ מיט פאַרחלומטע אויגן.... אָבער: — „זי, סעניאָר מאָיזעס, זיינען אויך גאָר נישט קיין מיאוסער... פאַרקערט, ווען זי זאָלן נאָר האָבן אַ ביסעלע מער שכל, אַכטונג געבן אויף זיך, אָפּהיטן דאָס געזונט, עסן צו דער צייט, וואָלטן זי דווקא געווען זייער אַ שיינער... ס׳איז בלויז אָן עבירה, וואָס אין ריאָ, אַ מענטש אַליין... שטאַרק עלנד... בכן, איז ווען ער האָט אַמאָל חשק, משה, צו עסן ביי איר טיש, איז, מיטן גרעסטן תענוג... וואָרום זי איז דאָך אויך נישט מער, ווי אַליין... און ער, אויך דאָס זעלבע... וועמען־זשע קען דאָס שאַדן, אַז צוויי עלנדע מענטשן וועלן עסן ביי איין טיש?״....

נאָך אַזעלכע רייד, פלעגט משה שפּעטער לאַנג באַטאַפּן שרהלעס אַר־מעטיקע בריוולעך, וואָס זיינען געלעגן אין זיין וועסטל־קעשענע... געדריקט זיי צום האַרץ און דאָרטן געזוכט, ווי ביי אַ הייליקער מזוזה, אַ שוץ קעגן שלעכטע מזיקים...

אָבער, מיט דער צייט האָט משהן געגומען וואונדערן, וואָס ער וואַרט אַזוי אומגעדולדיק אויף דער מינוט, אַז מאַרטאַ זאָל אים שוין אַריינברענגען

דאָס גלעזל הייסע קאַווע... און פּראָוואָס האָט ער עפּעס פּלוצים אַזוי דער־פּילט איר ספּעציפישע וואַרעמקייט, נאָך איידער זי עפנט אויף די טיר?...

מאַרטאַ פלעגט תמיד אַזוי קינסטלעך אַוועקשטעלן דאָס גלעזל קאַווע, אַז זייערע הענט האָבן זיך געמוזט באַרירן... און משה, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, פלעגט אין אָנהויב, אויסקוקן, זי זאָל שוין וואָס גיכער אַוועקגיין, די „מכשפה"... אָבער שפּעטער, האָט אים דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן שטאַרקער... און אַ פאַרבאָרגן געדאַנקעלע האָט אים גענומען באַרואיקן דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ, אַז נשקשה, משה, מעגסטו זיך באַרואיקן, מאָרגן וועט זי דיר ווידער ברייגען דאָס גלעזל קאַווע און וועסט ווידער קריגן אַ גלעט פון אירע פינגער...

אָבער, נישט תמיד האָט מאַרטאַ געוואַרט ביז מאָרגן... זי האָט אָנגעהויבן זיך באַווייזן אויך אין די אָוונטן. ס'רוב אין אַ קילן טאָג, אים אַריינגעבראַכט אַ היים גלעזל טיי... אין אַ הייסן טאָג — אַ קאַלטן טרונק... אָדער גאָר געקומען אים עצהן, אַ פרישן „דוש"... און בכלל, אַרויסגעוויזן מוטערלעכע געטריישאַפט, נאָך וועלכער משה האָט אַזוי שטאַרק געבענקט...

משה, אין זיינע טראַכטונגען וועגן זיין צניעותדיקער שרהלען, האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז אויך זי האָט געלע האָר, מיט אַ געלער קימאָנע און ברייטע פולע היפטן... נאָר עפּעס אַזאַ שאַרפער פּערפום־ריח, וואָס יאָגט תמיד פון מאַרטאַן, דאָס געדענקט ער עפּעס ניט ביי זיין שרהלען. דאָס האָט זיך שוין הפּנים אַזוי פאַרמישט מיטן אויסטערלישן געשמאַק פון זיין צימער, וואָס די בעל־הביתטע לאָזט דאָרטן איבער און וואָס וויל זיך גאָר קיינמאָל נישט אויסוועפן...

משהן האָט אויך גענומען וווּנדערן, וואָס זיין שרהלע, האָט זיך לעצטנס, אַזוי אָפט גענומען באַקלאָגן אויף זיינע קורצע, אָפּכאַפּנדיקע בריוועלעך.... ער, משה, ווייסט גאָר ניט דערפון... פאַרקערט, ער מוטשעט זיך ס'רוב ביים שרייבן, פאַרענדיקט אַ מאָל ניט קיין בריוו, ווייל — ער זעט פּשוט ניט פאַרטיק קיין קאָנקרעטן פּלאַן זיי אַהער צו ברענגען... וואַרט ער טיילמאָל אָביסל לענגער מיט אַ תשובה... אפשר מאָרגן, אפשר איבער־מאָרגן... און דעריבער האָט זיך זיין לעצטער בריוו טאַקע אָביסל צו לאַנג פאַרצויגן... יעדעס מאָל, וואָס ער האָט פעסט באַשלאָסן, אַז היינט ביינאַכט וועט ער דעם בריוו שוין זיכער פאַרענדיקן, איז דערווייל אַריינגעקומען

מארטא, האָט מיטגעבראַכט א גלעזל הייסע טיי, א שטיקל זיסן טאָרט און, ס׳איז באַלד אַוועק אַ שמועס, „ווי שלעכט ס׳איז צוויי איינזאַמע מענטשן אויף דער וועלט״.... ווי דער יידישער גורל איז אזוי ברוטאַל... צעשיידט, ווייבער פון מענער, טאַטעס פון קינדער... תמיד דאַרף מען נאָר ארומזוכן אויף דער וועלט א שטיקל ווינקעלע וווּ מ׳זאָל זיך קענען איינ׳נעסטן, אויפ־בויען א פיצל היים און דערוויל...

דערוויל פלעגן זיי זיך ביידע, עלנט ווי זיי זיינען געווען, אריינ־כאַפּן אין א קינאָ אריין און דאָרטן זען אויפן לייוונט, אַז דאָס ברוטאַלי־קע לעבן איז שטאַרקער פון אַלע מענטשלעכע פליכטן... אַז די שטים פון בלוט, שרייט העכער פון אַלע מענטשלעכע געזעצן... איז מען שפּעטער אהיימגעקומען מיט א באַרואיקט געוויסן, און.... אז משה האָט זיך צו־מאָרגנס געזעצט פאַרענדיקן צו שרהלען דעם פאַרשפּעטיקטן בריוו, איז זיין געדאַנק שוין געווען מער קאָנצענטרירט צו דער שכנטעס טיר... ס׳האָט אים באַזונדער אויפגערעגט, פאַרוואָס זי זוימט זיך היינט גראָד לענגער, מיטן גלעזל קאַווע, ווי תמיד... אָט דאַכט זיך אים, אַז זי קלאַפּט שוין אין טיר... און אָט האָט ער זיך גאָר טועה געווען... ס׳איז געווען דער קלאַפּ פון אַן אומגעפּאַלענעם שטעקן... איז פאַר גרוים אומגעדולד, האָט ער ווידער, אַוועקגעלייגט דאָס שרייבן...

* *

*

אז שרהלע האָט געגומען שמורמען מיט האַרצרייסנדיקע בריוו, פרײַער צו קרובים, שפּעטער צו פריינט און צולעצט — אין „הילפס-פאַריין״: — אומעטום זיך געבעטן: — „האָט רחמנות, שרייבט מיר דעם אמת... אפשר א קאַטאַסטראָפע? אפשר קראַנק? אָדער, חלילה, טויט?״....

ערשט דעמאָלט האָט זיך משה געכאַפּט, אז ער איז טאַקע אַוועק צו ווייט... און אַז די וועגן אויף צוריק זיינען שוין פאַרלייגט מיט זייער א סך „קליניקייטן״... דער עיקר אָבער, ער האָלט שוין ביי ווערן א טאַטע פון א קינד... מיט מאַרטאַן...

* *

*

ווען שרהלע האָט דערפילט, אַז מען באַהאַלט עפּעס פון איר סודות און זי קען ניט דערגיין קיין טאָלק, האָט זי באַשלאָסן צו זען „איר גרויסע

בראָך” מיט אייגענע אויגן... פריינט, פון איין זייט ים, דער „הילפס-פאַריין”, פון דער צווייטער זייט ים, האָבן געהאָלפן אויפפלאַנטערן די צעבראָכענע לעבנס... געבראַכט שרהלען, מיט אַלע זעקס קינדער, זאָלן זיי אַליין נעמען פאַרטיידיקן זייער רעכט... און ווען שרהלע איז געקומען צו משהס טיר, מיט אירע בלויע, אומשולדיקע רחמנות-אויגן און געוואָלט אַריין צו אים אין צימער, האָט זיך מאַרטאַ א שטעל געטאָן מיט איר ברייטן גוף, ווי א פעסטונג און פאַרשטעלט משהן, ווי מיט א וואַנט:

— „צינים האָבן זי גאָר ניט... רעדן זי בעסער צו מיר”...

האָט מאַרטאַ א שטרענגן באַפעל געטאָן צו שרהלען. און אַז שרהלע האָט מיט א פאַרשטיקט קול קוים ארויסגעבראַכט:

— „זעקס קינדער, זעקס יתומים פון א לעבעדיקן טאַטן”...

האָט מאַרטאַ צוריק געזאָגט:

— „איר זענט נישט די ערשטע... מיין מאַן האָט אויך אזוי געלאָזט, לעבעדיקע יתומים... ס'איז אונזער מזל”...

און אז שרהלע איז געוואָרן צודרינגלעך, פריער מיט גוטן, שפּעטער מיט געשריי, צולעצט מיט געוויין... איז אויך מאַרטאַ געוואָרן גרעבער, באַפעלערישער. ס'האָט פון איר געליאַרעמט, ניט בלויז דאָס מויל, נאָר דער גאַנצער ברייטער געשטעל:

— „משה וועט בלייבן דאַ ! ! !

* *

*

און משה איז טאַקע געבליבן.

שרהלע איז אוועק אליין.... זיך גוט אויסגעוויינט, איינגעשטילט, רואיק געוואָרן און מיט רעזיגנאַציע זיך אונטערגעגעבן דעם פאַטאַלן גורל... איינגעשפּאַנט שוין צום צווייטן מאָל, אירע מידע, אויסגעהאָרעוועטע הענט און אויך אין בראַזיל געלאָזט זיך אויף די איינזאַמע וועגן פון אומזיסט געפּייניקטע מענטשן...

אויך אירע זעקס קינדער, וואָס האָבן נאָך טיילוויז געדענקט זייער פאָטערס געוויין, פאַרן פאַרלאָזן די היים, האָבן זיך איצטער באַמיט צו פאַר-

געסן, אז מען איז געבליבן יתומים פון א לעבעדיקן טאַטן... אינעם פלאַנטער פון נייע, פערזענלעכע איבערלעבונגען, האָט איין צרה פארגיטיקט די צווייטע און אזוי אַרום האָבן פרישע ליידן געהיילט די אַלטע ווונדן...

שרהלעס שוואַרצער געלאָקטער קאָפּ, פול מיט דאגות פאר זיך און פאַר די קינדער, איז גיך געוואָרן איין שטיק זילבער. אירע ליכטיקע אויגן, פאַרשאָטנט, אויסגעטריקנט.... אָבער געבליבן איז זי העלדיש... ניט גע־בעטן זיך מער ביי משהן, אויך ביי קיינעם קיין הילף ניט פארלאַנגט. נאָר אַליין, געהאָרעוועט, התונה געמאַכט אירע קינדער, אָן א טאַטן, אָן אַן „אל מלא רחמים"... בלויז זי אַליין, מיט אירע אויסגעמאַטערטע, זיך טרייסלענ־דיקע הענט, געבענטשט די קינדער צו דער חופה... ארויפגעלייגט אירע הענט אויף זייערע ווייס־באַקרוינטע קעפּ און געבעטן ביי גאָט:

— „א קליין ביסעלע נחת"...

און זי האָט עס געהאַט...

נאָר ביים לעצטן קינד, ביים מוזיניקל, איז שוין שרהלע געווען זייער מיד. איז זי אַריינגעפאַלן אין שווערע האלוצינאַציעס: ווען דער גאַנצער עולם האָט געטאַנצט, געפּליעסקעט מיט די הענט, האָט זיך איר געדאַכט, אז זי זעט משהן, ווי ער שטייט איינער אליין אונטער די פענסטער... זיין פּנים איז צעפּיניקט, געקניידשט און פול מיט חרטה... און אָט זעט זי אים גאָר לעבן זיך, אויף די קני... זיינע בלייכע ליפּן מורמלען עפּעס, אָבער זי פאַרשטייט ניט וואָס ער זאָגט... און באַלד קומט אויך אונטער מאַרטאַ, איקניידשט, אָפּגעחומרט, אָבער אירע ווערטער הערט זי דייטלעך:

— „שרה'שי" — הערט זי מאַרטאַס קול — „זי זיינען נישט די ער־שטע און נישט די לעצטע... מיין מאַן האָט אויך אַזוי געטאָן... און איצ־טער דרייען מיר זיך אַלע אַרום נע־ונד... איך, דו, ער... פון גורל פאַרשטוי־סענע... פון מענטשן אויסגעלאַכטע... אָבער יעדער פון אונדז, איז אומ־שולדיק... מיר זיינען קרבנות פונעם וואַנדערנדיקן יידישן גורל... קרבנות פון צעבראָכענע יידישע לעבנס...

* *

*

און אַז שרהלע איז שפּעטער געקומען צו זיך. האָט זי נאָך אַלץ געזען משהן אַ קניענדיקן ביי אירע פיס. ס'האָט זיך איר אפילו געפּלאָנטערט אין קאָפּ, אז ער פאַרענטפערט זיך:

— „כ׳בין א „דראַן״, א מנוול, אַ „לאַטיק״ און בין נישט ווערט דיין מינדסטן נאָגל... אָבער דו, שרהשי, ביסט דאָך תמיד געווען א גרויסע צדקת, זיי־זשע עס שוין ביזן סוף פון אונדזערע יאָרן... אַט, אַט און מיר זיינען שוין אַלע אַלצדינג איבערגעקומען... זיי־זשע מיר מוחל״...

און שרהלע, נאָך זעענדיק אַלץ זיין צעקנייטשטן חרטה־פולן פּנים, שאָקלט צו מיט איר ווייסן קאָפּ:

— „מוחל משה... מוחל״...

# ד י אָ

# אויף תנאים

אין א טאָג פון „אַווענידאַ אַטלאַנטיקאַ" פון וואַנען מען זעט די רחבות'דיקע אויסשפרייטונג פון כוואַליענדיק-גלאַנציקן ים-שפיגל, שטייט אונטערן קילן שאָטן פון געדיכטע פּאַלמען-ביימער, א ברוינער פּאַלאַסעט. דער הויכער אייזערנער טויער איז ברייט צעעפנט, צווי בראָנזענע לייבן שפּריצן פאָנטאַניש מיט פאַרשידנפאַרביקע וואַסערן. די ווענעציאַנער פענסטער זיינען האלב צעעפנט און פון דאָרטן גיסן זיך פאַלשע טענער וואָס קומען פון אַן עכטן „פּלעיעל קלאַוויר". דער פּאַלאַסעט שטייט אין מיטן פון א געדיכטן גאָרטן. אויף א וואַנט פון דער גלעזערנער טעראַסע איז אויפגעקלאַפּט א פּלאַקאַט, אין פאָרם פון א מאַפּע. דאָרטן איז אויסגעמאָלן א רייך געדעקטער טיש, מיט נומערן און נעמען פון די געסט וואָס וועלן פאַרנעמען די פּלעצער אין גרויסן סאַלאָן

סעניאָר זשאַקאָב, א נידעריקער, מיט א פאַרונדיקט בייכל איז, אין אַן אויסגעפּאַסטן פראַק דרך-ארץ'דיק אקעגנגעגאַנגען זיינע מיוחס'דיקע מחותנים: — קומט אריין „פּאָר פאַוואָר" קומט נעענטער, ביטע, ביטע...

— — — גלאַסן, מיט ישוב דעת'דיקע טריטעלעך, האָט דער מחותן ר' דוד'ל זיך דערנענטערט צום אויסגעפּוצטן טיש. זיין שמאָל פּנים — קנאָכיק און איינגעפאַלן, האָט זיך בעת'ן גאַנג געבלייכט און געקרימט. זיינע ברוינע אויגן — צעשטרייט פון דער שאַרפער ליכטיקייט, און באַהערשט פון אַן אינערלעכער לאָגיק...

— „שלום עליכם מחותן, מזל-טוב מחותנת'טע"...

דאָנאַ מאַרטאַ, די מחותנת'טע, א קיילעכדיקע, „קרעפּקע יידענע", מיט א געפאַרבטן קאָפּ קינסטלעכע לעקעלעך, האָט זיך ביים מחותנ'ס דער-שיינען, געריוטלט און געשעמט, ניט געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט. הגם אין איר רייכן שפּיצן-קלייד האָט זי זיך דווקא היימיש געפילט...

*  *

*

נאָך מיט 30 יאָר צוריק, איז דאָנאַ מאַרטאַ אריינגעפאַלן אין „שמאָלץ-גרוב"... זי האָט ניט געזען דעם אָנהויב... ווען סעניאָר זשאַקאָב האָט נאָך

גיהיִיםן — יאַנקעלע קצב, וואָס פלעגט זיך ארומשלייכן איבער די ביליקע קאַפּעען, אין אַן אַפּבליאַקירטן הולך, מיט א פּעקל העלע קראַוואַטן, רופנדיק אויפן קול:

— „א פּראַזו! א פּראַזו!"...

געשאָלטן דעם וויסטן האַנדל מיט טויטע קללות און טענות געהאַט צו דער וועלט: למאי האָט זי אויסגעטראַכט אַזאַ גהינום׳דיקע מדינה — בראַזיל...

פריינט האָבן דעמאָלט אים געראָטן:

— „קער זיך אום צום יאַטקע־קלאָץ"...

האָט יאַנקעלע אויסגעגלאָצט זיינע ביטרע אויגן:

— „גענוג געפּאַרקעט אין ווייבערשע פאַרטעכער — אינץ האָמעס׳גיניק"...

אין א צייט ארום האָט ער זיך באַוויזן אַן אויסגעסטראָיעטער, א פאַרפּומאַדעטער אויף „יענע געסלעך" און חבר׳שאַפט מיט „יענע לייט"...

איז באַלד געוואָרן אוים קרובה׳שאַפט מיט אים. אפילו קיין „גוט מאָרגן" האָט ניט געפּאַכט אים צו זאָגן...

האָט יאַנקעלע באַשלאָסן: ניט? איז ניט...

גראָד דעמאָלט האָט ער צו זיין ווייב אהיימגעשריבן:

— „ניעסקוטשאַי". מ׳האָ׳מער ב"ה א גאָט אין הימל... מערצעשעס אין קאָרצן על יעך דיעך אהעיער נעמען"...

אז מייטע איז געקומען און האָט דערזען די דאָזיקע „שמאָלע געסלעך" מיט די בידעריקע הייזקעס, האָט זי געגעבן א רוק אראָפּ איר שוואַרצן שאַליק טיפער איבער די אויגן:

— — — ברורר — ס׳א בית־עולם דאָ?...

נאָר אין אָוונט, ווען די זון האָט געהאַלטן איר ראָזע פּנים אויפן העככטן באַרג פון „קאָרקאָוואַדאָ", פאַרשטעקט דאָרטן אירע לעצטע שטראַלן אין די קרייץ־אָרעמס פונעם אויסגעשפּרייטן „יעזוס", דעמאָלט האָבן זיך די ברייטע פענסטער געטאָן א צעפּראַל, ס׳האָט געגומען שמעקן פון לייב מיט שמינקע... און — מייטע האָט זיך געטאָן א פּאַטש אין די פּעטע ליפּן אריין:

— טפו זאָל עס ווערן! — נאַקעטע שיקסעס אין אָפענע פענסטער? דאָס איז ביי דיר מסחר?...

— אָבער מייטע לעבן — האָט איר יאַנקעלע געטריי אַריינגעקוקט אין די אויגן — דאָס איז טאַקע ניט קיין מסחר, אָבער א מיטל צום לעבן איז עס יאָ...

אַז ס'האָט זיך שפּעטער באַוויזן אין יידישן קוואַרטאַל א נייע פּאַ־ב־יקאַציע", איז אַרום דער הויכער געביידע באַלד געוואָרן א היימיש רעדל... עולם האָט פאַרריסן די קעפּ צום הימל, געמאַכט מיט די הענט א דיבעלע קעגן די שאַרפע זון־שטראַלן און איבערגעלייענט אויפן קול: „קאָזאַ זשאַקאָב"...

— — — — אָ וואָ! אָ וואָ!

האָבן זיך יידן געחידושט: — אַזוי גאָר? — אַן אינדוסטריאַל געוואָרן. יאַנקעלע קצבֿ?...

— אבי מ'האָט געמיינט, אַז...

— נו, מילא, זאָל זיין אין א גוטער שעה...

האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען און מ'האָט יאַנקעלען צוריק אָנגעהויבן באַגריסן: מיט הכנעה'דיקע שמייכעלעך אָנטקעגן געטראָגן א העפלעכן „באָן דיאַ"... און באַלד אים געמאַכט א וויזיט פון א „סאָסיעדאַדע": —

— אַזוי און אַזוי — מען איז דאָך עפּעס יידן, באַדאַרף מען א פּלאַץ פאַר א בית־עולם, א שולע צום לערנען, א ביבליאָטעק צום לייענען און — א דאגה וואָס יידן באַדאַרפן אַלץ?...

יאַנקעלעס האַלדז, איז דערווייל שוין געוואָרן א ביסעלע פולער, דאָס פּנים שמאַלציקער, ער האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און געענטפערט אין א לייכטער צעטראָגנקייט:

— ע, הם, „פּאַיזש־נאָן, פּרעסיזאַ" און דערלאַנגענדיק מיט פאַרגעניגן א פּעקל קנאַקענדיקע באַנקנאָטן, האָבן זיינע קיילעכדיקע פינגער לייכט אונטערגעציטערט. די שעלמישע אויגן האָבן זיך געזייטלט אין דער קרום, ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, גלייך ער וואָלט קיין אַנדער וואָרט ניט געקענט אַרויסבריינגען:

— „גאַטוראַלמענטע פּרעסיזאַ" — פאַרקערט מען באַדאַרף טאַקע...

ווען מען איז א צווייט מאָל געקומען צו אים פון „הילפס־פאַריין", האָט ער שוין ניט געהייסן מער, יאַנקעלע, נאָר זשאַקאָב. האָט ברייט אויפ־געמאַכט זיינע נגידישע טירן און פריילעך אויסגעשריגן:

אָ! געסטו! געסטו! — נו שטייט ניט ביי דער טיר, קומט אריין, קומט אריין...

א ביסל שפּעטער איז מען אויך געקומען צו אים פון „פּרויען־פאריין". די קעפ א ביסעלע געזונקען, כלומרשט פארבלאָנדזשעט... אָבער, טובת הכלל האָט אַלץ געכשר'ט...

*　*
*

א געזעלשאַפטלעכער טוער איז סעניאָר זשאַקאָב ערשט געוואָרן דעמאָלט, ווען ער האָט גענומען זוכן א פּאַסיקן שידוך פאר זיין דערוואַקסענער בת־יחידה. דאָס כלה־מיידל — א שטיק מייטע, די זעלבע דיקע פּישעלעך אונטער די פליטקע אויגן, ס'ראָזע גוידערל, מיט א סך פעלדעלעך און דאָס ברייטע קעפּל — טעמפּ...

אין דער שטיל פלעגט יאַנקעלע זיך אויסדריקן פאַרן ווייב:

— ס'טעכטערל אונדזערס, כ'ווייס ניט אין וועמען זי איז געראָטן. ס'עפּעס א „נישט־געשליפענע האַק"... כ'האַלט דאַכט מיר די בעסטע לערערס און דאָך — זיי קענען דאָרטן ווינציק וואָס פאַרפלאַנצן...

— און פונדעסטוועגן — האָט איר מייטע פאַרענטפערט — האָבן די בעסטע בחורים געשיקט קוישן מיט בלומען צום קינדס געבורטס־טאָג... יאַנקעלע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— גיין שוין גיי — ביסט אויך א שוטה...

אז שדכנים האָבן גענומען ברענגען חתנים פון כל הסאָרטן, דאָקטוירים, אינזשינירן, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן, האָט זיי סעניאָר זשאַקאָב באַלד צעיווסן געטאָן: — „קיין געלט זשאַלעווע איך טאַקע ניט, איך גיב „סקאָלקאָ אוגאָדנאָ"... נאָר געדענקט, אז — גלאָט מיר פארקויפן א „דאָקטאָר־דיפּלאָם" און ס'„פאַצעטל" זאָל זיך שפּעטער פוסטעווען אין א ליידיקער קאָנסולטאָריע... באשר בכן ער האָט א געזונטן שווער, מיט א גרויסער „אפּותיקא"? ניין, ניט אויף דעם האָב יעך געהאָרעוויט"...

און סעניאָר זשאַקאָב האָט זיי קלאָר געמאַכט וואָס ער וויל: — כ'בין תמיד אָן האָב איך שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר חסידישע לייט, פרומע מענטשן, ערלעכע יידן, רבנים, דיינים... זיי האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַר מיר א גרעסערן ווערט, ווי די אויפגעבלאָזענע „שמינטעליגענציע"...

מיין טאַטע און דער זיידע האָבן שטענדיק געחלומט פון א חסידישן יחוס... ג.ג, ווייל יעדן זייערע חלומות מקוים מאכן... אז ס׳וועט זיך מאכן אזא שידוכ׳ל, איז „פּאַדאַוואַי״...

לסוף איז טאַקע אונטערגעקומען א היימישן דין׳ס א בלייך בחורל, אן אַנטלאָפענער פאַר מיליטער, וואָס האָט דאָ געפּרוווט צו האַנדלען, מיט טליתים, מחזורים און אגדה׳לעך. סעניאָר זשאַקאָב האָט באַלד געהאָלפן אויסאָרגאַניזירן דעם חתנ׳ס טאַטע, וועלכער האָט אין אָנהויב געקוקט א ביסל פריקרע אויף דער דאָזיקער זאַך, נאָר שפּעטער, א מאַך געטאָן מיט די הענט: — אייסעך וואָס, אבי א יידיש קינד...

* *

*

דערזעענדיק דעם רבנישן מחותן, איז דאָנאַ מאַרטאַ אינגאַנצן צע־טומלט געוואָרן, געפּלאָנטערט מיט דער צונג און גיט געוווסט, צי דאַרף זי אים דערלאַנגען א האַנט, אָדער בלויז אָנווינטשן „נחת פון אונדזערע קינדער״. פונם בלויזן געדאַנק: — „אונדזערע קינדער״, האָבן זיך ביי מאַר־טאַ די דריי־גאָרנדיקע גוידערלעך געשמאָלצן פון תענוג — „אונדזערע קינדער״ — וואָס פאַר א ווילע מדינה בראַזיליע איז...

דאָס כלה־מיידל איז נאָך אַלץ געזעסן ביים קלאַוויר. אירע קורצינקע פיס, וואָס האָבן נישט געקענט דערלאַנגען צום „פּעדאַל״, האָבן אויסגעצ־קוקט, ווי זיי וואָלטן געהאַנגען אין לופטן... א טעלער מיט נאַשעריי איז איר געשטאַנען נאָענט צו דער האַנט, און בעת אירע דיקע פינגער האָבן געסטאַרקעט אויף די העכסטע אָקטאַוון האָבן דערווייל אירע שטאַרקע ציין געגריזשעט די צוקערקעס אויפן הויכן קול...

באַלד האָט מען זיך געזעצט צום טיש. דער שעמעוודיקער חתן מיטן שמאָלן בלייכן פּנים׳ל האָט אין געהאַקטן פראַק אויסגעקוקט, ווי א גרימיר־טער וואָס פּאַסט זיך ניט אין דער ראָלע... לעבן די חתן־כלה האָבן געקראָגן דעם אויבנאָן בראַזיליאַנער מאַגנאַטן... רעכטס, א באַרימטער באַנקיר וואָס איז אין זיין שוואַרצן „סמאָקינג״ געזעסן שטייף, ווי צו א פאַרזאַמלונג אין „באַנקיר־פּאַריין״... דעם באַנקירס ווייבל אין א לאַנג קלייד האָט גע־קוקט אויפן עולם דורך גאָלדענע „פּענסנעי״ מיט א מינע, גלייך ווי זי וואָלט געזעסן אין דער אָפּערע... לינקס, איז געזעסן א רייכער פּאָרטוגעז, דער

באַלעבאַט פון די גרעסטע „קיטאַנדעס" אין בראַזיל... ביים טיש צעשוש־קעט מען זיך, אז מיט 40 יאָר צוריק איז דער פּאָרטוגעזי דאָ אהער געקומען ווי א „מאַלאַנדראַ" — אויף איין פוס מיט א שטיוול, אויפן צווייטן א קאַמאַש...

עס זיצן אדוואָקאַטן, אינזשיניערן, בוכהאַלטערס, צווישן געמיש אויך א בראַזיליאַנער זשורנאַליסטל. זיין לײדנשאַפט צו דרשענען, ווייזט זיך ארויס באַלד נאָכן ערשטן גלעזל:

— אייניקייט און גוטברודערשאַפט זאָל הערשן צווישן אלע נאַציאָנען...

— האָט ער אויסגערופן פּאַטעטיש. און סעניאָר זשאַקאָב האָט פאר דאַנק־באַרקייט אים געדריקט ביידע הענט: בראַוואָ, בראַוואָ! — און זיינע כיטרע אויגן האָבן זיך געגרויסט: — זעיט מענטשן — קוקן נאָר אָן מיין „מאַ־וואַזשיסטווע"....

לאַנדסלייט מיט זייערע ווייבער זיינען געזעסן א ביסל אראָפּצו צו... געווען אפילו פארמעגלעכע מענטשן, אָבער — נישט קיין מאַגנאַטן...

דאָנאַ באַלבינאַ — באַשע־מלכה פון דער היים — א לאַנגע יידענע מיט א ברייטע קאָליע אויפן דארן האלדז, האָט געקנייפּט שרה־ביילען פון הינטן:

— נא קוק, און ווער נישט צעפּלאַצט...

דאָנאַ דאָראַ — הינדע־דבורה פון דער היים — וואָס איז געזעסן אנט־קעגן איבער, מיט קלאַיען אויפן פּנים אין א סאַמעטן קלייד, האָט שטיל א זאָג געטאָן:

— ביי מיר פלעגט יאַנקעלע קצב קריגן ס׳קדחת, ניט געלאָזט אים יאַנדרעווען אין מיין קיישל מיטן פלייש...

הינדע דבורה׳ס מאַן מישט זיך אריין:

— עץ זעיט דאָך אָבער אז ס׳א מזל־זאַך...

באַשע מלכה׳ס מאַן כאַפּט אונטער: — „מזל ש׳מזל", ס׳איז גיבער א קאַפּ־זאַך...

פלוצים האָט זיך באַוויזן דאָנאַ מאַרטאַ לעבן די לאַנדסלייט:

— מענטשן — האָט זי א הויכן זאָג געטאָן: — מענטשן, עסן עפּיס, פארוואָס עסט עץ גארניט?...

אויך סעניאָר זשאַקאָב איז פריינטלעך אונטערגעקומען:

— טאַקע באמת — נעמען עפּיס אין מויל אריין... כ'זשאַלעווע ענק דען צו עסן? פאַרקערט, מ'האָט ב"ה אָנגעגרייט, אַז ס'זאָל „סטאַרטשען" פאַר 10 חתונות...

בלויז ר' דוד'ל איז געזעסן שטיל, זיך ס'רוב פאַרקוקט אויף זיינע ווייסע הענט, פון צייט צו צייט א גראַבל געטאָן אונטער די קלאָרע נעגל, גלייך ער וואָלט געוואָלט ארויסקראַצן דעם שמוץ וואָס האָט זיך דאָרטן באַזעצט... און געהאַלטן אין איין אויסגלייכן דאָס זיידענע קאַפּעלע, עס זאָל אים חלילה ניט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ...

דורך די אָפענע פענסטער האָט מען געהערט דאָס שטאַרקע רוישן פון ים, צעברויזטע כוואַליעס האָבן זיך געשפּילט אין „כאַפּערלעך" — אָט זיך ארומגענומען און באַלד זיך ווידער צעלאָפן...

# מעכל גולם

די „גרינע" חנה איז אריין מיט דראָבנע טרעטעלעך אינעם לאנגן קאָרידאָר פון דער בארימטער „פאַבריקאַ-מישעל". א סך ליכט האָט באַשטראַלט די וואַרטנדיקע מענטשן און זי, א נערוועאישע, האָט זיך אויך אוועקגעזעצט ווארטן אויף איר ריי צום שעף.

חנה קוקט דערווייל, ווי שווארצע און ווייסע באדינערס, מיט טעקעס און פאַפירן אין די הענט, לויפן ארום איילענדיק פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער, ווינקענדיק, דאָ צו איינעם, דאָרט צו א צווייטן און אזוי, אויף שטום-לשון, פירן זיי אויס זייערע פונקציעס.

פון די טיפע געביידעס הערט זיך א טעמפּע גרילצעריי פון שווערע וועג-מאַשינען, צייטנווייז א הויכן פייף און אויך א גראָבע שטימע פון אַן אינעווייניקסטן מיקראָפאָן.

חנה בייסט דערווייל די נעגל, קוקט כסדר אויפן ווייסן קאַבינעט-שילדל און לייענט שוין אפשר צום צענטן מאָל, די דרך-ארץ'דיקע אויפשריפט — „פּריוואַט".

„פּריוואַט"! — טראַכט חנה אין זיך. פאַראַן מענטשן מיט א סך לעבנס: — פאַרן דרויסן, פאַר אינעווייניק, פאַר יענעם, פאַר זיך... בעת זי קען מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַפילו קיין איין לעבן ניט — ניט פאַר יענעם און ניט פאַר זיך. אָט סתם מענטשן, וואָס דרייען זיך אויף גאָט'ס וועלט — ניט מיין, ניט דיין, ניט אונדזער — איבעריקע מענטשן...

וואָכן-לאַנג האט זיך חנה געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ גיין, ניט גיין צו דעם דאָזיקן פאַבריקאַנט, וועמען מען האָט אין דער היים גערופן — „מעכל גולם".

ס'רוב ווען ער טרעפט איר אין גאַס, שטעלט ער זי תמיד אָפּ, טוט אַן הויכן געשריי: — האַלאָ גרינע-מויד — וואָס מאַכסטו? און חנה וואָס איז מיט יעדן דרייסט, כמעט חוצפה'דיק, בלייבט עפּעס געפּלעפט פון זיין צוגעלאָזנקייט.

— מ׳פּאַטשט — ענטפערט זי תמיד פאַרלעגן — מ׳קלאַפּט אין בראַזיליאַנער טירן... א ברירה האָט מען?

מיט גבירים איז חנה געוווינט צו רעדן דורך א קליין שייבעלע און ער — א גאַנצער שמעלקע — ניט אַנדערש, נאָר טאַקע צעדרייט...

פון צייט צו צייט הערט זי פון ערגעץ א מיקראָפאָן רופן די נעמען פון וואַרטנדיקע, און ענדלעך — אויך איר נאָמען:

— האַלאָ חנה!

האָט זי נאָך אויף דער שוועל דערקענט זיין פריינטלעך קול.

— זיצט, חנה.

האָט דאָס זעלבע קול אינטים פאַרגעלייגט. און חנה ווי תמיד, פאַרלוירן, האָט זיך מיט באַהערשטער דרייסטקייט רואיק אוועקגעזעצט.

— „בין געקומען בעטן עפּעס אַן אַרבעט אין אייערע פאַבריקן — האָט זי שטיל ענוות׳דיק, אַרויסגעזאָגט און געקוקט בעת־מעשה אויף א פינטל אין דער וואַנט — נישטאָ מער קיין כח צו קלאַפּן אין בראַזיליאַנער טירן — האָט זי דרייסטער צוגעגעבן — בין מיד פון קלעטערן אויף די ליימיקע בערג... איז אפשר — כ׳ווייס א דאגה ביי אייך אַן אַרבעט? — האָט חנה מיט איין אָטעם אָפּגע׳פּטר׳ט דעם גאַנצן צוגעגרייטן פּזמון.

אין דרויסן איז גראָד געווען זייער כמורנע. טונקעלע וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט איינער איבערן אַנדערן. פון אונטער די פענצטער האָט בײַ געהערט דאָס רוישן פון בלעטער. אויף די געפּוצטע שויבן האָבן פייערדיקע בליצן, ווי גאָלדענע ראַקעטן, אויפגעלויכטן און ביים פאַבריקאַנט אין האַרץ האָט אויך עפּעס אדורכגעבליצט... ער האָט א זייטיקן בליק געטאָן אויף חנה׳ס פריצייטיקער פאַרוועלקונג, אויף איר געפאַלדעוועטן שטערן מיט די אָפּגעבלאַקירטע באַקן און דערפילט, ווי תמיד, ווען ער טרעפט איר, עפּעס א גורל׳דיקע קרובה׳שאַפט צו דער דאזיקער חנה׳לען.

— ביסט שוין אזוי לאַנג אין בראַזיליע און האָסט נאָך אַלץ ניט באַוויזן קומען צו א תכלית? — האָט ער איר כלומרשט געקיבעצט — געבליבן א גרינע מויד, ניט אויסגעטויגט זיך... האַ? — האָט ער מיט פאַרמרוילעכע בליקן געקוקט אויף איר באַהערשטער פאַרלוירנקייט.

— ביסט ניט געווען קיין „פּאָנפּעראָנקעלע" — האָט איר דער כּאַ־בריקאַנט, האַלב ערנסט, האַלב שפּאַס, אַ גלעט געטאָן אין בעקל... און הנגה אומדרייסט האָט אים אַ שעלמישן קוק געטאָן אין די אויגן.

— מען האָט מיך אויסבראַקירט — האָט אָן ענגשאַפט גענומען איר וווערגן אין האַלדז — „אַפּגעפאָרן דאָס לעבן אָן שבתים, אָן יום־טובים, אויסגעוואָרצלט דאָרטן, און דאָ זיך ניט פאַרפלאַנצט... נע ונד" — האָבן שוין אירע רייד געפלאָסן גיך, ווי אַ פאַרצוימטער טייך וואָס האָט אדורכ־געריסן די ברעגעס...

— וועסט קומען צו מיר אויף וועטשערע, וועלן מיר שוין עפּעס צו־טראַכטן, — האָט איר דער פאַבריקאַנט אַ גיכן דערלאַנג געטאָן ביידע הענט און דורכ'ן מיקראָפאָן האָט מען שוין ווידער גערופן: „נעקסט"!

* *

*

ווען די אויפנאַם־שעה'ן האָבן זיך געענדיקט, האָט דער באַרימטער פאַבריקאַנט גיך גערופן דעם שאָפער, זיך ברייטלעך אריינגעזעצט אין זיין בלויען שפּאַציר־וואָגן, געהייסן זיך פירן געלאַסן, אָן אַ באַשטימטן ציל. און בעת די גומענע רעדער גליטשן זיך שטיל, פאָרויס, דרייען זיך זיינע מחש־בות אויף צוריק — — —

צוריק מיט אַ יאָר 25, ווען ער איז אין אַ טראָפּישן זומער־טאָג אָנגע־קומען צום בראַזיליאַנער פּאָרט, האָט ער דעמאָלסט געטראָגן אַ פּאָר צע־דרייטע אַלטע שיך מיט גרויע אויסגעריבענע הויזן, אַ רעקל פון גרינגן קראַטן, און האָט אויסגעקוקט, ווי אַ קאַטערינטשיק וואָס וויזט קונצן אויפן יאַריד...

לאַנדסלייט, וועלכע האָבן מעכל'ען געדענקט פאַר אַ צלאָפּ — אַ קרוע־בלוע'ניק — האָבן אים באַלד מכבד געווען מיטן אמאָליקן טיטול:

— „שלום עליכם, גולם!"

זיין געוועזענער חבר פּסח'קע, מיט וועמען ער פלעגט אמאָל, צוזאַמען בעל־עבירה'נען אין די שענקען, האָט זיך מעשה־גביר געבלאָזן פון דער־ווייטן, געטראָמייטערט אויף אַ גלאַנציקן „סאַמאַכאָד" און ס'ערשטע וואָרט זיינס איז געווען:

— ס׳האָט געפּעלט דאָ א „זשלאָב" צום רימל, ביסטו אָנגעקומען...

אויך שימעלע סנאָפּיק, האָט זיך מיט א חוזק־שמייכעלע און געמאָס־טענע טריטעלעך דערנענטערט.

— דער טייוול האָט דעם גאַסט געברענגט — האָט ער אים אויסגע־שטרעקט די בלויזע פינגער — וועט דאָ ליגן ניין איילן אין דער אדמה, דער גולם...

מיט שימעלען פלעגט מעכל ס׳רוב שלאָפן צוזאַמען אין „קאָזע". יע־נער אויפן טאַפּטשאַן און מעכל׳ען פלעגט ער שיקן אונטערן אויוון. גע־שמ׳ט פאר א מיוחס, שימעלע, פון זיידנס צד, בעת ער, מעכל, פלעגט אפילו ניט קענען אָנווייזן ווער זיינע עלטערן זענען געווען...

דערצויגן אויף הפקר, אָן א שמייכל פון א טאַטן, אָן א צערטל פון א מאַמען, פלעגט מעכל ס׳רוב געצוווּנגען זיין צו בעטלעריי, צו הכנעה פאר מענטשן וועלכע ער פלעגט האַסן...

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט ווי זיינס גלייכן „הייבט א מאַרק" אין דער בראַזיליאַנער מדינה, האָט ער זיך געלאָזן גנב׳ענען גרעניצן, פלאַגן אין קעלערס פון שיפן, הונגערן חדשים איבער ימים און יבשה ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם נייעם לאַנד. דערזעענדיק אָבער, אז אויך דאָ הויבט זיך אָן די אלטע מעשה:

— „גולם"! „דרוטשיאַזש"! „דראַנג"! „קאַטערינטשיק"!....

האָט ער באַלד אויפן אָרט א זאָג געטאָן:

— „סטאָפּ מאַשינאַ, דאָ על יעך ווערן א גלאַבער מיוחס מיט ענק"...

און ווען ביידע קאָלעגן האָבן אים פאַרגעלייגט צו העלפן שטעלן דעם ערשטן טראָט — „אָפּהיבלעווען זיין גרינהאָרן" — האָט מעכל, לשם כּאַפּן פּראַקטיק מסכים געווען צו לאָזן זיך „באַהענגען", ווי אָן אייזל, מיט שמאַכ־טעס און זיך געדראַפּעט אויף לייטיגע בערג. נאָר בעת זיי האָבן מיט גע־לעכטער אים באַפוילן צו פּאַטשן מיט די הענט, האָט ער דערקענט, אז, „ווי איינס איז צו 7 איז עס צו 70". זיי מיינען ניט לערנען נאָר קאָמאַנדע־ווען. האָט ער א פאַרוק געטאָן דאָס שטריקענע קאַפּעלוישל אויף א זייט, די טיפע ביר־אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און:

— „הייגט פּאַטש יעך ניט דער ערשטער...

ער האָט גיך א שלעפּ געטאָן פון זיך דעם אָנגעלאָדענעם סטרוי:

— „נאָט אייך צוריק, ס׳געשפּאַן, אינץ קאָן מע שוין ס׳פּאַך פון אויס־וויניק”... און א רואיקער, געלאסן אראָפּגעטשאַפּעט פון די הויכע בערג...

* *

*

איבערן אַספאַלט פון דער רחבות׳דיקער „קאַפּאַקאַבאַנאַ”, באַוועגט זיך איצט רואיק און זיכער דעם פאַבריקאַנטס לוקסוס־אויטאָמאָביל.

די געדיכטע וואָלקנס זיינען שוין דינער און דורכזיכטיקער געוואָרן. די לעצטע זונען־שטראַלן באַלייכטן פראַגמענטן פון שטיל שאָרכנדיקע ים־כוואַליעס. א קייט פון עלעקטרישע לאָמפּן לייכטן טיף אונטערן בלויליכן וואַסער, וואַרפן רעפלעקסן העט אינמיטן ים אריין און — מעכל דער־זעט ווידער זיין ערשטן, אבער שוין אמת׳דיקן דעביוט.

אויף איין האַנט, העל פאַרביקע קראַוואַטן, אויף דער צווייטער — רויטע, אָנגעבלאָזענע באַליאָנען. איין זייט פּלייצע שעמערירט מיט זיידנ־צייג, די צווייטע — מיט טאַשנטיכער. ארום ברייטן האַלדז, א שנור קינ־דערשע שפּילצייג. אין די טיפע קעשענעס — שאַכטלען מיט פּודער, רוזש, פּערפום און אלע סאָרטן ווייבערשע קאָסמעטיקעס. א פאַרשידנפאַרביקער מאַגאַזין האָט זיך געהוידעט אויף זיין צעפּאַרעטן גוף, ווי ביי א וואַסער־טרעגער די עמערס און פון וויטנס האָט ער אויסגעזען ווי א גייענדיקער באַזאַר.

מעכל האָט דעמאָלט ארייגעפירט א נייע מאָדע אינעם יידישן „קלאַ־פּער־האַנדל” — אָנשטאָט פּאַטשן מיט די הענט, האָט ער געפּייפט אויף א קינדעריש פייפערל; אָנשטאָט אויסרופן הילכיק זיין סחורה, האָט ער געגראַמט בדחניש א לידל וועגן איר. און ווען א „סעניאָראַ” האָט באַווי־ליגט עפענען איר קליין ליפּטשיקל, פלעגט איר מעכל, פלינק און גאַלאַנט, א בלישטשע־טאָן פאַר די אויגן מיט זיידענע „רעגנבויגנס”, מייסטעריש געדרייט א רויט טאַפּטן זשאַקעטעלע, א שפּריץ געטאָן מיט פערפום און נאָענט ביי איר טיר געבעטן „דאַ ליסענסאַ!” (דערלויבעניש) און מיט זיינע שווערע טרעטערס א לייכטן שפּאַן געטאָן אויף איר זייט שווער... אבי ער איז נאָר אריין, איז עס שוין געגאַנגען ווי א וואַסער.

— „טאַק טאַטשנאַ” און „ווסיאַ ראַוונאַ” און „ביטע שיין” און „דלאַטשעגאַ ניע” — קיין ווערטער האָבן אים חלילה ניט אויסגעפעלט... און אַן אַ פאַרדינסטל איז ער שוין פון דאָרטן ניט אַוועק...

אין זיין בחור׳ישן צימער האָט גיך געגומען בלישטשען מיט שפּילקעלעך, פינגערלעך, קייטעלעך און זייגערלעך. מעכל האָט זיך אין זיי געשפיגלט, ווי אין א געליבטער. געגלעט און געצערטלט זיין סחורה — „אַז אויסוואַקסן זאָלט עץ מיר, אין א גרויסן שוי-פענצטער מגולגל ווערן, צ׳זאָלט נעמען די לעבער ביי פסח׳קען מיט שימעלען פאַרן שיינעם קבלת־פנים וואָס זיי האָבן מיר געמאַכט!!”...

און אזוי־אַ — פון זיין פייפן און זינגען — האָט זיך אין א שיינעם טאָג באַוויזן אויף דער עלעגאַנטער „אַוועגידאַ”, אַ נייע, העל-בלויע שילד מיט גאָלדענע ראָגעלעך, ווי האלבע לבנות אינמיטן. און די דאָזיקע ראָגעלעך האבן זיך געדרייט אהין און קריק, געצונדן און געלאָשן א דיקע פייערשריפט „קאַזאַ מישעל”...

מעכל האָט זיך א ביסל געקווענקלט ביים איבערדרייען זיין נאָמען אויף „מישעל”, נאָר ער האָט געטראַכט — ס׳איז אויף דערווייל — ביז כ׳וועל מאַכן די יאַטן צום גולם, וועל איך דערווייל הייסן מישעל... „שפּעטער על עך צוריק דרייען דעם דישעל. נישקשה, מעכעלע וועט זיך ניט שעמען מיט זיין יידישן נאָמען, ווי פסח׳קע, וואָס קען קוים אַנידערלייגן דעם „פעדראַ” אויף זיינע וועקסעלעך און שלאָפט מיטן „יוזל” צעקאָפּנס, די „מומע מאַריאַ” צעפוסנס און אַן ערל׳טע אינמיטן... אויך שימעלע דראָנג, האָט זיך איבערגעוואַליעט אויף „סימאָן” און די פלונית׳טע זיינע איז געוואָרן „דאָנאַ עספעראַנסאַ” — שפּרינצע פּאַסט איר ניט, דער זויערער אוגערקע!...

מעכל דערמאָנט זיך, ווי היימישער עולם פלעגט אים נעמען אויפן צימבל:

— „א ממזר׳וק געוואָרן דער גולם — פאַרשיכורט די „סעניאָראַס” מיט א טרעל, טשאַקעסט זיי מיט „שפינגענדע גינגע” און מיט א פייַ?...

הגם שטילערהייט האָבן א סך שוין מודה געווען אז מעכעלע׳ס קינצעלעך זיינען שוין גאָרניט מעשה גולם... האָבן זיי מיט אים אלייך, זיך נאָך אלץ געוויצלט: — הייבסט א מאַרק ברודערקע, פאָרסט נאַשפיין!...

— וואָס דען? — פלעגט מעכעלע א שפּיציק לאַכעלע טאָן — ס'א קאַ-רוזעלקעלע, בראַזיליע, „האָקוס-פּאָקוס" און מ'ווייזט די קונץ...

* * *

„קאַזאַ מישעל" האָט דערוויל געדרודערט. אָט איז צוגעקומען א גייער פליגל, אָט א פרישער עטאַזש און אָט איז גאָר ארויסגעוואַקסן א הויכער קוימען, וואָס אין די נעפלדיקע פּאַרטאָגן האָט ער ארויסגעלויכטן פון די צעפּאַרעטע בערג — געשפּריצט מיט גליענדיקע פונקען און געזעצט מיט קנוילן רויך —גלייך אין הימל אריין.

לאַנדסלייט האָבן גענומען אונטערווינקען צו זייערע צייטיקע טעכטער.

— קינדערלעך, ס'א שמאַלץ-גרוב — טאַקע א שטיקל גולם געווען אָבער, זיך אויסגעמענטשלט...

קאַקעטישע מיידלעך האָבן זיך געלאָזט אויף יאַגד... געשפּונען חלי-מות: — א פּרעכטיקע ווילע אין פּעטראָפּאָליס, קייזערלעכע פּאַלאַצן אויף קאָפּאַקאַבאַנאַ. און זיין בלויער אויטאָמאָביל איז פּונקט ווי דעם פּרעזי-דענטס. און צו זיין דאָס ווייבל פון א באַרימטן פאַבריקאַנט איז אויך עפּעס ווערט...

ווען א וויכטיק נדבה'לע צו מעכל'ען האָבן אַלע שיינע מיידלעך זיך געריסן נאָכן גרויסן כבוד... אויסגעסטראָיעט אין די שענסטע קליידער, האָבן זיי אים, בעת'ן וויזיט געכישופט: אָט ליגט שלעכט זיין זיידן טיכע-לע, אָט באַמבלט זיך ניט צוגעפּאַסט א ברייטער קראַוואַט און אָט — א גלעט איבער זיין בלאָנדער טשופרינע...

מעכעלע האָט זיי געלאָזט טאָן אַלץ וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, נאָר דערלאַנגענדיק די אָנזעעוודיקע „פּויטעקע", זיי געוואָרנט:

„פאַרזיכטיק אויף די טרעפּ, פּאַמעלעך טייערע, זיי זיינען זייער גלי-טשיק... פּאַוואָליע דאַרטן דער „פּאַרענטש", ער איז פריש געשמירט, צ'עט ענק איינרעכטן מקלאָיד".

און פון וויטנס נאָכגעשריען:

— „גריסט אייערע טאַטעס, למען השם"...

אָבער די טאַטעס האָבן געקנייטשט דעם שטערן, זיך געבראָכן די קעפּ און געזוכט דעם גולמ'ס עקשנות צו ברעכן. ס'רוב אים פאַרטשעפּעט:

— „ביי אַזאַ עשירות, ווו איז דער שכל? כ'מיין טאַקע, ווערסט עלטער, מ'לעבן שטייט ניט, נאָך א חודש, נאָך א יאָר — ווילסט דאָך נישט שטאַרבן אין קיין לייב-סערדאַק?"

— „צ'ווילט מיך דוקא חתונה מאכן?" — פלעגט אין מעכל'ען א שד זיך צעשפּילן.

— „מילא, נו — אָבער ניט פּאר קיין צעבאַלעוועט ליאַלקעלע, און אויך ניט פאר א באַסטענגגיטער „דאַנסינג-מויד" וואס שווימט גאנצע טעג אין „מקוה" אויף פלאַמענגאַ! און אוודאי נישט פאר א חנ'ישל מיט לאַנגע שטעכנדיקע נעגל... מעכל זוכט א היימישע בולקע, יידיש געקנאָטן, אַזאַ וואָס א מאַמע האָט אויף איר א ברכה געמאַכט... צ'פאַרשטאַיסט?" „יעד וויל א מויד וואָס שמעקט מיט שוואָמע-גריין, מיט „א גוט שבת דיר, מעכל", מיט א „וואַש דיך צו דער סעודה, מעכל"! און מיט א „מזל טוב דיר, מעכל!" — עץ האָט אזעלכעס — קענט עץ מע צושטעלן"...

האָט עולם ווידער געהויבן מיט די פּלייצעס, זיך מער ניט געוויצלט נאָר איינגעזען, אז טאקע א גרויסער פאַבריקאַנט, אָבער — פּאָרט א גולם...

* *
*

אהיימפאָרנדיק פון שפּאַציר, האָט דער פאבריקאַנט באפוילן פאָרן גיכער. א שאַרפער ווינט האָט געצויגן פון ים. די לופט — קיל און פייכט. פון די געדיכטע ביימער פאַלן געלע בלעטער און ער, מעכל טראַכט:

א טראָפּיש לאַנד, דאָך פילט מען שטאַרק דעם אָנקום פון הארבסט...

חנה'ס ווערטער האָבן זיך אים פּלוצים גענומען פּלאָנטערן אין קאָפּ — „אָפּגעפּאָרן ס'לעבן אָן שבתים, אָן יום-טובים"... ער האָט דעם דאַזיקן גידאנק נאָך ווייטער געשפּונען: וועט צוקומען נאָך א פאבריק, נאָך א פּאַלאַסט און נאָך א ווילע... אָבער — וואס ווייטער? טאַקע באמת — וואס ווייטער?...

* *
*

ווען חנה איז געקומען אויף וועטשערע, האָט זי געטראָפן אָנגעצונדן אלע גרויסע לאַמפּן. צעעפנט די ברייטע פענצטער, אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן און ביים פּראָנט — א גרינע שטייג מיט כלערליי פייגעלעך. פון

וויטנס האָט זי געזען דעם גאַנצן פּאַרנעם פון פּרעכטיקן ים־שפּיגל. ביי־כיקע כוואַליעס האָבן זיך רוישיק געקנוילט איינער אין אַנדערן, אויפגע־טויכט און אונטערגעטונקט. צאַרט און טרויעריק געשושקעט און געזשו־מעט. די פּאַלמען אונטערן פענצטער האָבן געשפּילט אַ פלירט מיט די זיידענע גאַרדינען און חנה׳לע, פאַרשיכורט און צעשמייכלט, האָט אויסגע־רופן:

„לאַכטיקע מענטשן מיינע, אַזוי פיל ליכט, אַזאַ באַשטראַלונג? ווי די זון אינמיטן טאָג״...

מעכל האָט איר אויסגעשטרעקטביידע הענט.

— נו, נו, נעענטער, קומט נענטער...

און חנה׳לע נאָך אַלץ צעשטרייט, האָט ווייטער געשעפּטשעט:

„הארציקע מענטשן מיינע, וואָס זיינען דאָס פאַרא ווילדע „מאַלי־וואַנקעס״ אויף די ווענט? — זעיץ נאָר די שפּיגלען?...״

מעכל לאָזט איר זיך וווּנדערן, קוקן, זיך אויסלאָדן ביז זי באַקומט מער מוט.

— כ׳לעבן ביי אונדז — נעמט זי ווערן דרייסטער — ביי אונדז איז אַ גרויסער גביר וואָלט געפירט אַ ספר־תורה אין שול אריין, וואָלט חתונה געמאַכט אַן אָרעמע יתומה... וואָלט — אַ דאגה וואָס אונדזערס אַ גביר וואָלט אַלץ געטאָן? און דאָ? כאַכאַ־כאַכאַ־כאַ! — ווי ביי אונדז אין „קאָשטשיאָל״ (קלויסטער), ס׳פעלט בלויז אַן אָרגל״...

מעכל האָט אַרויפגעלייגט זיין פלאַטשיקע האַנט אויף אירע ברייטע אַקסלען, זיך אָנגעבויגן צו איר טונקעלן פּנים, אַריינגעקוקט אין אירע לאַבוסעוואַטע אויגן און איר געגומען דוצן.

— הער זיך איין, דו קליין נאַרעלע, זעסטו די טויטע לייבן אויף די ווענט, און די קרישטאָלענע וואַזעס אין די שענק, מיט די זילבערנע קאַנ־דילאַברעס אויף די טישן? איך דאַרף דאָס אַלץ אויף כפרות, הערסט? אויף טישעניינציק כפרות — ס׳איז מיר סמוטנע מיט זיי, קאַלט און טרויעריק, כ׳יאָגט אַ ווינט פון אַלע זאַכן, און איך — איך זוך אַ מענטשן וואָס זאָל אריינבלאָזן אַ וואַרעמען אָטעם אין מיין שטוב...

— „דאָס אַלץ וואָס דו זעסט דאָ, איז בלויז פאַר ד׳ער צעבאַליעוועטער כאַליאַסטרע — האָבן מיך געלערנט „קלאַפּן״ אויף קאַטאָוועס, אויף חוזק צו מאַכן... איצט קומען זיי און קריגן ס׳קדחת פאַר פחד... פאַר מעכל׳ען האָבן

זיי קיינמאָל קיין דרך ארץ ניט געהאַט, געקוקט אויף מיינע צעריסענע בגדים און ניט געזען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק... פאַר טויטע לייבן אָבער שטייען זיי, ווי אַ הונט אונטער דער טיר, שיקן פריער אריין וויזיט־קאַרטעס און וואַרטן אויפן כבוד כ׳זאָל זיי אריינלאָזן״...

אין מעכלען האָבן זיך צעעפנט פאַרשטיקטע קוואַלן, שטראָמען געפילן האָבן געזוכט אַ וועג, אַן אויסגאַנג. זיינע אָנגעצונדענע אויגן האָבן נחת׳דיק געבלישטשעט, פייכטע פייערלעך, ווי דינע שטראַלנדיקע נאָדעלעך האָבן געצונדן אַ שיינעם חלום אין חנה׳ס האַרץ...

מעכל האָט דערוויַיל ארויפגעלייגט זיין צווייטע האַנט אויף איר טאַליע, לייכט אָפּגעזיפצט און לאַקאָניש געפרעגט:

— וואָס זשע פאַר אַן ארבעט וואָלסטו געוואָלט ביי מיר קריגן? האַ? — אָנו, גיך, זאָג שוין מיידעלטשינע...

חנה׳לען האָט זיך פּלוצים געגומען דאַכטן, אַז דאָס שאַרפע ליכט איז נאָך ליכטיקער געוואָרן, אַז דאָס שטילע זשומען פון ים האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט און אַפילו די פאַלמען הינטערן פענצטער האָבן זיך אויך שטאַרקער צערוישט...

— זוייסטו גאָר וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט איר מעכל פאַ־מערלעך געקוקט אין די אויגן — אָנו, טרעף?

חנה׳לע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די צעחושקעטע הענט, אַ שטאַרקן דרוק געטאָן צום האַרץ און געפּליסטערט:

— כ׳ווייס מעכעלע, כ׳ווייס...

און שטיל צוגעגעבן:

— „נאָר געדענקט, אַז איך בין אַ יתומה און איר״...

אַ כליפּ און אַ לאַך, אַ לאַך און אַ כליפּ:

— „און איר זענט דאָך אַ יתום״...

פון חנה׳ס פערלדיקע טראָפּעלעך זענען מעכל׳ס הענט אינגאַנצן נאַס געוואָרן... ער האָט ארייגענומען איר צעפלאָשעטן קאָפּ אין זיינע שטאַרקע דלאָניעס און געבעטן:

לאָז געמאַך חנה'לע, נו, כ'בעט דיך, לאָז געמאַך, כ'לעבן ס'לוינט ניט די גאַנצע גראַטשקע, כ'מיין טאקע צו וואָס?

און מיט א יום-טובדיקן קול ,איר צווויסן געטאָן:

— „ביסט מיר א גלאַכער שותף, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? — גלאַך אויף גלאַך"...

און אַז עולם האָט זיך דערוווסט וועגן מעכל'ס שידוך מיט דער פאַר־עלטערטער חנה, האָבן זיי ווי תמיד, אָפּגעפּסקנט: א גולם בלייבט א גולם!...

# אויף דערוויל

דער נייער מושב-זקנים איז איינגעהילט אין א שטילן טרויער... אין גע-רוימן עס-צימער זיינען די הויכע פענסטער ברייט צעעפנט. זון-שטראַלן הוידען זיך אויף גרויע קעפּ, וואַרפן שאָטן אויף צעקנייטשטע הענט, באַ-לייכטן שאַרפער דעם גרויסן צער, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף די אַלטע, געקנייטשטע, פאַראָבלטע פּנימער.

אין א ווינקל פון גרויסן גאָרטן שטייט רואיק און קאַלט דאָס „ווייסע קילע-שטיבל", פּונקט אזוי רואיק און קאַלט ליגט זיך דאָרטן דער ערשטער „גאַסט", וואָס האָט דאָסדאָזיקע קילע-שטיבל נאָר וואָס באַנייט...

ארום ווייסן שטיבל שעמערירן פרישע, גרינע בייטן, שפּראָצן רויטע בלימעלעך, שלאַנקע פּאַלמען וואַרפן קילע שאָטנס אויף די פאַרמאַכטע טירן און פענסטער.

ביי איין זייט טיר פון דעם קילן-שטיבל, שטייט ר' זרח, וואָס, צו-ליבן גרויסן ביישטייער פון זיין רייכער טאָכטער רופט מען אים דאָ — „פּרעמיער-מיניסטער". ער שטייט אָנגעלענט מיט זיינע קנאָכיקע עלנ-בויגנס אויף דער מעשענער קליאַמקע, וואַקלט זיך, ווי א שיכור אין דער ברייט, רעדט אין דער פאַרמאַכטער טיר אריין:

— „נאַדיר אַן אָנהויב, ט'האָסטו דיר אַן אָנהויב... גאָט האָט שוין ניט געפונען קיין אַנדערן „קאַנדידאַט" אויף צו באַנייען דאָס „קילע שטיבל" — נאָר ר' ישראל קען?"....

ביי דער צווייטער טיר שאָקלט זיך פרום ר' גאַדל. אַרומגעוויקלט די שמאָלע לענדן מיט א שוואַרצן גאַרטל, וויגט ער זיך אזוי, גלייך ער וואָלט שמונה-עשרה געשטאַנען. און זיין גרוי-שפּיציק-בערדל וויגט זיך מיט. צו-ליב זיין איידעם, דעם רייכן פאַבריקאַנט, רופט מען אים דאָ „פינאַנס-מיניס-טער" — ער רעדט צום הוילן חלל:

— „ר' ישראל'שי, פאַרוואָס האָט איר געלאָזט די „שיף" אָן א „קאַ-פּיטאַן"? האַ? פאַרוואָס? ר' ישראל'שי?"

דער יונגער לעאָן שמיד, ר' ישראלס בן-יחיד, לויפט ארום צעהושט, אין אַן עלעגאַנטן שטוב-וועסטאָן, א קורצזיכטיקער אין גאָלדענע ברילן,

יעדער ווייל פאַרטשעפּעט ער זיך אין אַן אנדער שטול, וואָס קאַלערט זיך איבער מיט א טראַסק. ער איז שטאַרק פאַרטורעט, דער יונגער לעאָן, גיט ארויס באַפעלן:

— „צו דער לויה וויל איך האָבן ביידע רבנים... צום אל-מלא-רחמים, דעם גרעסטן חזן, און אויפן גוטן אָרט, א גרויסן עולם... ווי ס'פּאַסט פאר מיין טאַטן"...

ר' יאנקעלע דער ליטוואַק, מיט א גראָבער בעלמע אויפן רעכטן אויג, דרייט זיך א ווייצלענדיקער איבער די צעפּראַלטע שטובן. מיט זיין געהויקערטער פּלייצע, ווי א האַלב מולטערל, רייבט ער זיך אין די ווענט, זעצט זיך צומאָל אויף אַן איבערגעדרייט בענקל, באַלד אויפן גליטשיקן פּאַרענטש און אָט נעמט ער זיך ווידער דרייען איבער די פּוסטע קאָרידאָרן — מען זעט, אז ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. זיינע טריבע קאַליע אויגן טענצלען קוועקזילבערנדיק אינעם רויטלעכן אויגן-פלייש, פאַרשן די טריט פון נעם פאַרפאַרעטן לעאָנען. ר' יאַנקעלעס גראָבע ליפּן, וואָס זיינען אינגאַנצן פאַרדעקט מיט גרויע, געדיכטע וואָנצעס, וואַרטשען צו זיך אליין: — „צערייסט זיך נ'ספּאָדיק דער קדיש-זאָגער... רביים מיט חזנים וויל ער צו דער לויה"... באַלד טוט ר' יאַנקעלע א שטילן חוזק אָפּ: — „אפשר אים גאָר שיקן דעם שטאָט-אָרקעסטער אויך? לעכטיקער תכשיט"...

* *
*

דער געדאַנק פון בויען א הויז פאַר אַלטע לייט, איז גראָד אויפגעקומען אין יונגן קאָפּ פון ה' לעאָן שמיד, אַנגעזעענער בן-יחיד פון באַרימטן סוחר ר' ישראל שמיד. געשען איז עס בעת די יונגע פאַמיליע שמיד האָט געפּראַוועט נאַטאַל, ווי זיי פלעגן עס שוין טאָן פון כמה יאָרן: מיט א בוים, ליכט, קאָנפעטיע... ניט ערגער פון זייערע קריסטלעכע שכנים... אפילו א „יוסף פאַנדרע" מיט א ווייסער באָרד אין א רויטן קאַפּטן, האָט אויך נישט געפעלט....

די ערשטע צייטן פון אזעלכע „פעסטעלעך", פלעגט ר' ישראל שמיד זיך זעצן אין א ווינקל, ברוגזלעך צושאָקלען מיט זיין קלוגן קאָפּ און טראַכטן ביי זיך:

— „ס׳איז נאָר אויף דערוויילֿ״, „זאָלן זיי הוליען די יונגע שנעקעס, ביז עס וועט אים בעסער ווערן דאָס רווישן אין קאָפּ, ביז ער וועט צוריק אָנהויבן דרייען דאָס רעדל, איבערנעמען צוריק די „לייצעס״ אין זיינע הענט. — זאָלן זיי דערווייל רודערן... שפּעטער וועט ער נישט דערלויבן, פון זיין באַלעבאַטישער היים צו מאַכן א נאַרישע שפּילעמייקע, א „קאַשטשיאָל״ — זאָל אים נאָר בעסער ווערן, וועט ער שוין״.... נאָר „דערוויילֿ״, איז גלייכער צו שווייגן, שלום צו מאַכן מיט די קינדערס פּירעכץ און טאַקע אזוי שווייגנדיק, אליין אַמאָל אריינגעצויגן געוואָרן אינעם פריילעכן רעדל... געמאַכט א פיינע כוסה, זיינען אים די פּיס באַלד גרינגער געוואָרן, דער קאָפּ האָט פאַרגעסן, אז צווישן די קינדערס געסט זינגט מען ניט קיין „לכה דודי״...

לעאָן שמיד איז באַלד אונטערגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, שטיל אריינגעשושקעט אין אויער:

— „פע, טאַטע, ס׳איז מיאוס, ס׳אַן אינטעליגענטע געזעלשאַפט דאָ, פאַרשוואַרץ מיר ניט דאָס פּנים״...

אָבער ביים טאַטן האָבן די בלייבע באַקן שוין געררויטלט, זיינע שווערע הענט, געפּאַכעט אין לופטן און דאָס האַטשיקל וואָס קאָנטראָלירט די געדאַנקען איז שוין געווען פאַרשיכורט:

— „ביי מיר אין שטוב וועל איך טאַנצן! — האָט ר׳ ישראל שמיד א שיכורן וואָרף געטאָן מיט די שטייפע פּיס און גענומען זיך דרייען אין א רעדל: — „כ׳וועל טאַנצן! זינגען! ס׳איז ביי מיר אין שטוב״...

און לעאָן שמיד האָט אים ווידער געפּרווט פאַרהאַלטן:

— „טאַטע, דערבאַרעם זיך, וועסט טאַנצן אין שול, אויף א חתונה, צו א מצוה-טענצל... אָבער דאָ וועסטו נישט טאַנצן״...

האָט ר׳ ישראל שמיד ניט נאָכגעגעבן:

— „נאָר דאָ״ — האָט ער געשריען — „וועל איך טאַנצן, אין מיין שטוב, אויף אייערע קעפּ! אויפן וויסטן חורבן, אויפן בייזן ווונדער״ — האָט ער שוין גענומען ווערן א ביסל קלאָרער... און ווען דאָס שרייען האָט אים שוין אינגאַנצן געהאַט אויסגעניכטערט, איז ער אַוועקגעפאַלן א בלייבער, א מידער און גענומען טענהן, א ביסעלע שטילער, מיט אַן אונטערגעזעגט, הייזעריק קול:

— „ווילסט ניט, אַז כ׳זאָל קומען מער אין געשעפט, ווייל כ׳בין אַלט־מאָדיש?... איז ניט. ווילסט ניט כ׳זאָל רעדן יידיש צווישן די געסט?... איז ניט... ווילסט ניט כ׳זאָל זיך מישן אין די מסחרים, וואָס כ׳האָב אַליין אַרויפגעאַרבעט? — איז נישט! אָבער מ׳מוז דאָך עפּעס שאַפן א שטיקל באַשעפטיקונג פאַרן טאַטן, וואָס דו זאָלסט יאָ וועלן"...

דאָ האָט לעאָן שמיד א טיפן טראַכט געטאָן. זיך פריילעך צעשמייכלט. א גליקלעכער געדאַנק איז אים אריין אין קאָפּ:

— „כ׳האָב שוין, טאַטע!" — האָט ער א באַגייסטערטער אויסגערופן — „מאָרגן וועסטו שוין זען, אז כ׳האָב שוין"....

און ה׳ לעאָן שמיד האָט באמת ניט לאַנג געוואַרט, נאָר באַלד אויף מאָרגן, אריינגעשיקט א פּאַרטיקן פּלאַן מיט א גרויסן טשעק.. צו א ווילטעטיקער געזעלשאַפט, אויפצובויען א מאָדערנעם מושב־זקנים, נאָר בתנאי, אז זיין ליבער פאָטער זאָל דאָרטן ווערן „דער אָנפירער", דירעקטאָר... און כ׳האָט לאַנג ניט גענומען, ווי ר׳ ישראל שמיד האָט טאַקע באַקומען באַשעפטיקונג...

* *
*

קומענדיק מיט 30 יאָר צוריק, אינעם טראָפּישן בראַזיל, האָט ר׳ ישראל שמיד גלייך דאָ דערפילט א טיפן עלנט. האָט ער לאַנג נישט געוואַרט, נאָר באַלד זיך צוגעקליבן א פּאַסיקן שידוך, חתונה געהאַט און איינגעשפּאַנט ביידע אינעם „קלאַפּער־געצייג"... זי האָט „געקלאַפּט" מיט דינע בלוזקעלעך פון איין זייט שטאָט און ער מיט קאָלירטע שירעמלעך אויף דער צווייטער זייט שטאָט... אין די אָוונטן האָבן זיי געלאָסן איבערגעציילט וויפל גוטע קונים האָט מען שוין און וויפל „טשוועקעס"... אינגיכן איז געקומען אויף דער וועלט דער בן־יחיד, לעאָן, געקומען אין א שלעכטער שעה... ניט געוואָלט פריער פאַרלאָזן דער מוטערס טראַכט ביז מען האָט געמאַכט א קייזער־שניט... איז א לעבן געקומען און א לעבן — געגאַנגען...

* *
*

אז ר׳ ישראל שמיד איז געבליבן א פאַרמעגלעכער אַלמן, האָט מען אים באַלד גענומען ריידן גוטע שידוכים... אָבער, ר׳האָט דעמאָלט געענט־

פּערט, אַז „דערוויילּ״, ווייל ער נאָך אריין א ביסל מער אין די „פּעדערן״ אויפּאַרבעטן א גוט געשעפטל, אויפכאַפּוועט דעם קליינעם יאַט, אים מאַכן פאַר א מענטש, און שפּעטער זען וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן...

און ווען דער קליינער יאַט, איז שוין געוואָרן א „שטיקל מענטש״ מיט גווייי גרויסע דיפּלאָמען האָט ר׳ ישראל שמיד שוין געהאַט דריי ריזיקע שניט-געשעפטן, אָבער נאָך אַלץ קיין צייט ניט געהאַט פאר זיך אליין... אַלץ נאָך געענטפערט: — „מאָרגן, איבערמאָרגן״... ביז לעאָנען איז פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס פּוסטעווען, מיט די צוויי דיפּלאָמען, אין א ליידיקער קאָנסול-טאָריע... אים איז גאָר איינגעפאַלן אַז זיין טאַטע האָט אַפילו קיין איין דיפּלאָם אויך ניט... און פונדעסטוועגן, איז ער א מענטש מיט שכל, מיט כבוד, פאַרמעגן... צוואָס-זשע באַדאַרף ער זיינע דאָקטאָר-טיטלען, אַז עס איז גלייכער זיך אַריינצוכאַפּן אין טאַטנס „לאַבאָראַטאָריעס״, דאָרטן אַ שטודיר-צו-טאָן אויף א „גוטער פּרנסה״... און ה׳ לעאָן שמיד איז אריין אין פּאַטערס געשעפטן, מיטן רעכטן פוס...

באַלד געקראָגן א כלה מיט דריי „שליסלען״ — איינער פון א גרויסן אַפּאַרטאַמענט, דער צווייטער, צו א ווילע אין טערעזאָפּאָלים און דער דריטער, פון א נייעם „קאַדיליאַק״...

* *
*

אַז דר. לעאָן איז געוואָרן א שותּף צו דער באַרימטער פירמע שמיד, האָט ער באַלד געפונען ביים פּאַנאַטישן טאַטן אַן איבעריקן „צו״... ער איז צו אַלט-מאָדיש... דער טאַטע... ער רעדט צו-פיל יידיש אין געשעפט... ער איז צו-פיל מיטן יידישן בלאַט אויף אַלע טישן — און לסוף — דער טאַטע איז „צו״ מיד פאר אַזעלכע גרויסע מסחרים... בקיצור: צו, צו צו...

דעמאָלט ערשט האָט ר׳ ישראל שמיד שוין אויך צייט געהאַט א טראַכט צו טאָן, אַז „צו שפּעט״, — אויפגעבויט א גילדן שטייגל און איצט — אליין געפאַנגען אין דעם...

* *
*

אין אָנהויב איז לעאָן געגאַנגען מיט גוטן: — „טאַטע כ׳וועל הייבן די מסחרים... מאַכן נייע פיליאַלן, שטעלן א לייטיש פאַבריקל... און דו —

וועסט זיך „דערוווייל", א ביסעלע אָפּרוען... גיין שפּאַצירן... פאָרן אין די בעדער... און בכלל, האָסט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן"...

און אז ר' ישראל שמיד האָט געזאָגט: — „איך באַדאַרף ניט צו רוען, עס טוט מיר גאָרניט ווײ... און די בעדער זײנען בלויז פאַר קראַנקע"... האָט דר. לעאָן גענומען רעדן באַפעלערישער: — „טאַטע, מיש דיך ניט צו די קונים, זײ האָבן ניט ליב דײן הויך לשון"... אָדער: „דרײ זיך ניט ווי א סטראַשידלע צווישן די משרתים, ריר ניט די ביכער, וועסט זײ צעדרײען"...

האָט ר' ישראל שמיד ניט געקענט מער אויסהאַלטן און געענטפערט: — „אז אין דעם דאָזיקן לשון האָב איך אויפגעבויט מײן עשירות, געפירט די ביכער... געמאַכט דאָס פאַרמעגן... בלויז דיך, צום אומגליק, ניט אויפגעבאַוועט אין דעם לשון... ביסטו נישט קײן ייד, און נישט קײן גוי, ביסט א אַ אַ — — — —

* *

*

ר' ישראל שמיד האָט זיך דערפילט איבעריק אין זײן אײגן געשעפט, ניט געוווען מער וואָס צו טאָן, אומעטום האָט דער יונגער לעאָן פאַרשטעלט דעם וועג: — „טאַטע מ'דאַרף ניט, ריר זיך ניט צו, טאַטע וועסט קאַליע מאַכן"... ביז ניט האָבנדיק באמת מער וואָס צו טאָן, האָט ער גענומען זיך צוהערן צו זיך אלײן... זײן סוחרישער קאָפּ, תמיד געוווינט צו מסחר, האָט גענומען פילן ווײטיקן, זײנע געזונטע פיס, שטענדיק אין באַוועגונג, זײנען אים פאַרשלעפּערט געוואָרן... ביז ס'האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אז ער איז באמת עפּעס ניט מיט אַלעמען... און „אויף דערווײל" זיך טאַקע א ביסל צוריקגעצויגן פון געשעפט... זײנען זײנע טעג געוואָרן ליידיקע, אויסגעהוילטע, אָן א שום אינטערעס און אָן א ברעקל לעבן, האָט געמעגט שײנען די זון, האָט געקענט גיסן א רעגן, האָט אפילו א מבול געקענט די וועלט פאַרשווענקען... ער, ר' ישראל שמיד האָט שוין סײ ווי ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין איר...

* *

*

אז ר' ישראל שמיד האָט אָבער באַקומען דעם העכסטן פּאָסטן, אלס דירעקטאָר פון נײעם מושב-זקנים, האָט זיך פאַר אים געעפנט א נײע וועלט. דעם ערשטן ציגל האָט ער געלײגט, דאָס ערשטע ביסל לײם, אלײן

פּאַרקנעטן, די ערשטע שויב, געהאָלפן אַריינשטעלן און בכלל — אַלץ וואָס האָט דאָרטן געהאַט אַ שייכות מיט אָנהויב, איז געוועזן זיין אַרבעט... און זען די וווּנדערלעכע געביידע האָט שוין געגלאַנצט פון אַלע זייטן, האָט מען געטרונקען שאַמפּאַניער ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט, וואָס איז ספּעציעל אויסגעשטאַט געוואָרן, מיט זיידענע גאַרדינען, געבעטע שטולן און מיט זייער אַ ווייכער קאַנאַפּע... ווייל, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אין אַ שלעכטן וועטער, זיין היים איז ווייט... זאָל דער ה׳ דירעקטאָר „דערווייל" האָבן ווו איבערצונעכטיקן...

ביים יונגן לעאָן שמיד, האָט געליכטיקט אַ צופרידן שמייכעלע אויפן בלאָנדן פּנים:

— „אריכות ימים דיר, טאַטינקע" — האָט ער פריינטלעך אים צוגעווונטשן: — „וועסט שוין האָבן וואָס צו טאָן"... האָט ער אים געדריקט ביידע הענט: — „געמאַכט דעם טאַטן פאַר אַ דירעקטאָר" — האָט ער זיך געגרויסט פאַרן גאַנצן עולם... און ר׳ יאַנקעלע דער ליטוואַק, וואָס האָט אויף קיין שום שמחה ניט געפעלט, האָט אַ וויש געטאָן זיין בעלמע אויפן רעכטן אויג און זייטיק אַריינגעזאָגט:

— „פּש׳טע געזען, דירעקטאָר? — „קאַפּלמייסטער" איבערן גאַנצן „אָרקעסטער"... ס׳מזל אים, דעם תכשיט"...

אָבער, ר׳ ישראל שמיד האָט באמת צוריק אויפגעלעבט. ס׳רוב טאָקע גענעכטיקט אין זיין לופטיקן קאַבינעט... ווו ס׳איז אים געוואָרן גוט, היימיש, וואַרים... ווייל, אין זיין רייכער שטוב האָט פאַר אים שוין געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט... אָן אומעט האָט צו אים אַראָפּגעקוקט פון די לוקסוס-מעבלען. דער זון, די שנור האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי ברוגזע... ס׳קליינע אייניקל, האָט אים גלאַט געשלעפּט פאַר דער פּאָלע... אַרויסגעשטעקט אַ צונג... ניט פאַרשטאַנען דעם זיידנס לשון... און אין די מסחרים, זיינען צוגעקומען נייע משרתים, נייע קונים, אַ נייער קאַסירער... קיינער האָט זיך מער ניט אומגעקוקט אויף ר׳ ישראל שמידן... דאָ אָבער, אין מושב-זקנים, איז ער זיך געזעסן מיט גרויס חשיבות אויפן הויכן פאָטעל, דאָס שפּיציקע בערדל פיין צעקעמט און האָט אַרויסגעגעבן די פאַראָרדענונגען:

— „לאָקשן מיט יויך — צו מיטיק; חלה מיט שאָקאָלאַד — צו וואַרעמס; סמעטענע מיט קעז — צו וועטשערע"...

ס'איז געווען וואָס צו טאָן... און שפּעטער, נאָך אַלע באַפעלן, זיך אַריינשפּאַצירט, מיט שטילע ווייכע טריטעלעך אין גרויסן סאַלאָן, וווּ קאָ־לעגן האָבן זיך אַ שטעל געטאָן מיט דרך־ארץ, ווי פאַר אַ גענעראַל:

— „אַ גוט מאָרגן הער דירעקטאָר"... און ר' ישראל שמיד האָט אויך אין סאַלאָן געהאַט זיין אייגענעם פּלושענעם פאָטעל, וואָס אַלע האָבן זיך געיאָגט אים אונטערצורוקן... בעת ער, האָט זיך מיט אַ נגידיש קרעכצעלע געלאָזן אַריינגעזעצט... ביי זיין רעכטער זייט, איז תמיד געזעסן דער „פּרעמיער מיניסטער" ר' זרח און צו זיין לינקער זייט — דער „פינאַנס־מי־ניסטער" ר' גאָדל... און מען האָט זיך גענומען צעשמועסן...

אין סאַלאָן האָט געשמעקט פון פרישער קאַווע מיט מילך. פון דער קיך האָבן זיך געטראָגן געשמאַקע ריחות פון געקאָכטן גרינצייג. דורך די אָפע־נע פענסטער האָט אַ מילדע זון געגלעט זייערע, שוין גערונצלטע פּנימער און ביי ר' ישראל שמיד פלעגט זיך צעשפּילן זיין רייכע פאַנטאַזיע... ר'האָט דעם בענקענדיקן עולם, וועמענס חלומות זיינען מערסטנטייל נישט מקוים געוואָרן, גענומען פירן צוריק אהיים... מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות האָט ער צוריק אַרויסגעכישופט פון דער פאַרגאַנגענהייט דאָס טייערע קליינע שטעטעלע, מיט די ברייטע גרינע לאָנקעס, וווּ ס'האָט געשמעקט צעבליטע קאָרנפעלדער און דאַרטן העט ווייט, אַנטקעגן וואַלד, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, גרויער וועג און דער דאָזיקער וועג, איז געווען פאַר־הוילן... ר'האָט געכישופט און גערופן... און זיי אַלע דאָ, האָבן זיך געלאָזט „אויף דערוויילט" זוכן דאָס גליק וואָס דאַרף זיך געפינען אויף יענער זייט וועג... טאַטע מאַמע האָבן באַגלייט מיט ברכות צו די גאָלדענע מדינות, צו די שיינע חלומות, צו אַ ניי לעבן... און איצטער האָט ר' ישראל שמיד צוריק אויפגעפרישט, קאַליידאָסקאָפּיש, יענע צערונענע פאַנטאַזיעס... און אַזוי אַרום זיי געמאַכט פאַרגעסן, אז נאָך אַלע קאַמפן מיטן לעבן, געפינט מען זיך איצטער אין אַ מאָדערנעם „הקדש", וווּ אַלע חשבונות מיט אַ פריערדיק לעבן זיינען אָפּגעשלאָסן און אַז מ'זיצט שוין איצטער ביי דער לעצטער סטאַנציע... טאַקע אַ ברייטע, גערוימע און ליכטיקע „סטאַנציע", אָבער פירט בלויז אויף איין וועג און האָט נאָר איין „צוג"... און איידער דער דאָ־זיקער „צוג" וועט אָנקומען, זיצט מען „דערוויילט" אין אַזאַ לופטיקן סאַלאָן, מיט אַזעלכע ברייטע פענסטער, פון וואַנען עס קוקן אַריין אַזעלכע הויכע בליענדיקע ביימער, מיט אַזאַ גרויסן קיילעכדיקן הימל, און ער, ר' ישראל

שמיד, מיט זיינע שיינע זכרונות מאַכט דערוויל פאַרגעסן, אַז אַט, אַט... און מען איז שוין טאַקע באַלד אָנגעקומען...

*    *

*

אַז ר' ישראל שמיד פלעגט ביים רעדן, זיך שוין האָבן גוט צעוואָרעמט, איז פאַר אים פאַרשוווּנדן געוואָרן די גאַנצע אוידיטאָריע... א דערהיצטער, מיט אָנגעצונדענע אויגן, פלעגט ער דעמאָלט שוין רעדן צו זיך אַליין, צו זיין אייגענער פאַרגעסונג... פאַר אים האָט אויפגעטויכט יענער מוצאי-פסח. אין דרויסן האָט געשמעקט דער וויאָלעט בעז, פרילינג-בלימעלעך און ווייסע בליעכץ... זיין פרומע מוטער מיט פאַרוויינטע אויגן איז אים געלעגן אויפן האַלדז און האָט געכליפּעט: — „געדענק, מיין איינציקער זון, אַז דו פאָרסט נאָר „אויף דערוויל", מאַכן אַ פאָר גילדן און צוריקקומען"... זיין חסידישער טאַטע איז געשטאַנען ביים וואָגן, אים שטום אָנגעקוקט, בלויז געדריקט זיינע ביידע הענט און ווען דער וואָגן האָט שוין גערירט, האָט ער קוים באַוויזן נאָכצושרייען: — „אויף דערוויל".... און ישראלקע האָט דעמאָלט געוואָרפן א באַנגפולן בליק אויפן היימישן שטעטל, מיט טרויער געקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל. שטום געזעגנט אַלע צאַנקענדיקע הבדלה-ליכטלעך... און לסוף אויך נאָכגעזאָגט:

— „אויף דערוויל טייערינקע"... „אויף דערוויל"...

*    *

*

אָט אַזוי פלעגט ער שוין רעדן צו זיך אליין , צו זיין אייגענער פאַרגעסונג, אַז: סוף כל סוף האָט מען אים דאָ אויך ארייַנגענאַרט אין פעקל... ארויסגעשטופּט פון זיינע אויפגעאַרבעטע מסחרים, ארויסגענאַרט פון זיין ווייכער היים, און „אויף דערוויל" געמאַכט אים נעכטיקן אין מושב-זקנים, כלומרשט אויף דערוויל, דאָרטן איינצושטעלן א לייטישע פירונג... און אַזוי האָט ר' ישראל שמיד געלאָזט זיך פאַרוויגן אין א נייעם חלום... ביז, ר'האָט גענומען אליין זיך אויסרעדן, אַז ס'איז טאַקע ניט מער, ווי א חלום, אַן אויסדאַכטעניש, א בייז געפיל... אַז דאָ איז ער דאָך נאָר „אויף דערוויל"... אַז: לעולם, קען ער דאָך צו יעדער צייט צוריק אהיים גיין, אין זיין ווייכער שטוב, צו זיינע גרויסע מסחרים און ער קען דאָך זיי זאָגן, אַז: —

„שוין! איינגעשטעלט דאָרטן דעם גאַנצן סדר, זיי אויסגעלערנט אַליין שוין פירן די „מלוכה"... אַצינד בין איך שוין פריי, צוריק אין מיין היים, אויף מיין בעט, מיט מיין גלעזערנער סערוואַנטקע... מיט ספרים, חומשים און זילבערנע לייכטער"...

יאָ, אָבער: נאָכן לעצטן וויזיט אין זיין גרויסער ווילע, האָט ער אויפן ערשטן בליק געמיינט, אַז ער האָט גאָר פאַרבלאָנדזשעט... נישט דערקענט מער זיין מאַסיווע דעמבענע טיר, ניט געזען דעם ברייט צעוואַקסענעם בוים נעבן זיינע פענסטער... נאָר עפּעס אַ קליין שייבעלע, ווי אַן אריינגע־זעצט אויג, האָט ארויסגעקוקט פון אַ גלאַנציקער טיר, און עפּעס אַ שוואַר־צער דינער מיט גלאַנציקע קנעפּ האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל זאָגן זיין נאָמען... אַנדערש האָט דאָס דאָזיקע „אויג" ניט געוואָלט זיך עפענען... און אַז ר' ישראל שמיד איז שוין אריינגעקומען אינעווייניק, האָט ער געשטוינט, ווי מען קען אין אזא קורצער צייט אזוי גרינטלעך פאַרענדערן אַ שטוב... נישט געווען זיין שווערער טיש מיט די געדרייטע פיס, נישט געווען דאָס ברייטע בעט מיט דער פלושענער קאָלדרע, נישט געווען זיין ספרים־שענקל מיטן זילבערנעם בשמים־ביקסל... נישטאָ און נישטאָ...

— „מילא" — האָט ער געטראַכט — „זאָל זיין אַ קליין טישעלע, אַ שמאָל בעטל, אַ וואַנט־שענקל, מאָדערן.. אָבער, נאָכן אויסטרינקען אַ וואַ־רים גלעזל טיי, נאָכן אויספרעגן זיך אויף די געשעפטן, און אָנשפּילן זיך מיט די איינינקלעך, האָט זיין בן־יחיד, לעאָן, פלוצים באַמערקט, אַז עס איז שוין זייער טונקל אין דרויסן, עס בלישטשען שוין דאָכט זיך שטערן אין הימל... און — „די אַלטיטשקע דאָרטן ווען זיכער וואַרטן מיטן דאַווענען מנחה אויפן טאַטן, דעם דירעקטאָר"...

ר' ישראל האָט אָבער געפילט, אַז אָט באַלד, וועט ער נעמען מאַכן קולות, שרייען, געוואַלדן, ליאַרעמען: „גענוג מיט דער קאָמעדיע, געענדיקט מיט „דערוויל"... עס האָט אים אָבער פלוצים אַ שווערער שטאָך געטאָן אין האַרץ... און אָנשטאָט שרייען, האָט ער זיך גאָר גענומען יאָגן, איילן, לויפן... — גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס זייער וויכטיקס ניט צו פאַר־שפּעטיקן...

— „מילא — האָט ער געזאָגט מיט באַהערשטן כעס — איך ביי אייך וועל שוין טאַקע גאַרנישט מער אויסלערנען... איר אָבער ביי מיר, האָט יאָ

עפּעם אויסגעלערנט... אַט ווייסטו שוין גענוי ווען מען באַדאַרף מנחה צו דאַוונען"...

און — געדאַוונט מנחה האָט מען טאַקע מיטן העך דירעקטאָר... אָבער צו מעריב, האָט זיך דער שטאָך אין זיין האַרץ שאַרפער איבערגע־חזרט... און ציטערנדיק א בלאַסער מיט פאַרקרימטע ליפּן, האָט ער גענומען שטאַמלען:

— „עפּעם בין איך נישט, עפּעם איז מיר דאָרט... עפּעם שטע־ע־עכט...

* *
*

איצט ליגט ער זיך דאָרטן, דער ערשטער גאַסט אינעם „קילן שטיבל"...
ליגט מיט א מינע, גלייך ער איז נישט געשטאָרבן, ר' ישראל שמיד, נאָר צוגעמאַכט די אויגן „אויף דערווייל"...

## וואָס זאָל ער איצטער ווערן ?

דער יונגער פּליט, שמואל, וואָס איז געהאַט אַנטלאָפן פון אונטערן „דאַכאַוער-קאַנטשיק" און זיך שפּעטער באַהאַלטן אין „קיינעמס לאַנד", האָט נאָך שווערע וואָגלענישן זיך קוים דערשלעפּט קיין בראַזיל.

אין איינעם אַ טאָג, איז ער אַרויס פון זיין איינזאַם שטיבל, מיד, בייז און צעטראָגן.

ביים ראַנד פון ים, האָט ער, אַליין ניט וויסנדיק, גענומען שפּרייזן מיט גיכערע טריט. דאָס זיינען זיינע מידע פיס אַזוי נאָכגעלאָפן זיינע כוואַליענדיקע געדאַנקען וועלכע האָבן געברויזט אין זיין קאָפּ, געעגבערט זיין מוח, געשלעפּט אים אויפן גאַס אַרויס און פאַרלאַנגט אַ קלאָרע תשובה:

— וואָס וועסטו ווייטער טאָן, שמואל?

וואָס וועסטו איצטער ווערן?...

* *

*

ביים אָנקום פון נאַכט, האָבן קילע ווינטן צעברויזט די אויסגעוואַרעמטע ים-כוואַליעס. אַ בלישטשנדיקע לאָמפּן-קייט האָט צוויבערדיק אַרומגע-קרייזט דעם העל זאַמדיקן ים-ברעג. שמואלס בלויע-פייכטע רחמנות-אויגן האָבן פאַרטרויערטע זיך איינגעקוקט אין די קנוילנדיקע וואַסער-בייבער און געזען ווי אין דער טיפער ים-טונקלקייט צווישן די שווימענדיקע כוואַליעס, ברענען לאַנגע, פייערדיקע יום-כיפּור-ליכט, דרייען זיך ווי אין אַ כישוף-ראָד, צינדן, דוכט זיך, אונטער דעם ברויזנדיקן ים...

פון די לוקסוס-קאַפעען האָט שמואל געהערט דאָס קלאַפּן פון גלעקל-דיקע „טאַמבורינען". שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך האָבן זאָרגלאָז אונטערגע-ברומט די וואולגאַרע קאַרנאַוואַל-לידער און דער גאַנצער „קאָפּאַקאַבאַנאַ" האָט אויסגעקוקט, ווי אַ שטיק ערדישער גן-עדן.

אָבער — וואָס וועל איך ווייטער טאָן? — האָט שמואלן געהאַמערט אין קאָפּ — וואָס וועל איך איצטער ווערן?

שפּרייזנדיק מיט איילנדיקע טריט, האָט ער דערלאַנגט צום באַרימטן „לידאָ-פּלאַץ". ר'האָט שוין געוווּסט אַז דאָרטן וועט ער טרעפן די היי־מישע כאַליאַסטרע פּליטים, מען וועט זיך אויסזעצן אויף די ברייטע בענק, זיך אַראָפּרעדן פון די אָנגעווייטיקטע הערצער און אפשר אויך געפינען אַ לייזונג צו זיי — „וואָס טוט מען ווייטער"?...

* *
*

ווען שמואל האָט נאָכן ערשטן חודש אומזיסטיקער „אכסניה" פאַר־לאָזט דעם „יידיש-דייטשן-אוניאָן", האָט ער, אויך דעמאָלט, זיין ערשטע באַראַטונג אָפּגעהאַלטן ביים ראָמאַנטישן „לידאָ-פּלאַץ". דעמאָלט, נאָך ניט צוגעוווינט צו די טראָפּישע היצן, האָט ער געווישט זיין ווייסן שטערן מיט אַ ראָזע זיידן טיכעלע און גערעדט מיט זייער אַן איידעלער שטימע: — וואָס זאָל איש דאָ ווערן?...

אַ באַקאַנט פּנים, וואָס שמואל האָט נאָך געדענקט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט פון אַ ווינקל ארויס, אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר מורה־שחורה'דיקע אויגן. צווישן זיינע דאַרע פינגער האָט ער געקנאָטן אַ ווייך שטיקל ברויט און דורך זיינע פאַרביסענע ליפּן האָט זיך אדורכגעזיפּט:

— גייען זי צום „אָסט-יודע", מיין ליבער...

פון אַ צווייטן ווינקל האָט זיך באַלד אַריינגעמישט אַ טונקל באַבריל־טער פּלים:

— נו געווים, צום אָסט-יודע, כדי יענער זאָל אייך קענען צוריק שיקן צום „וועסט-יודע"...

אין שאָטן פון אַ פּאַלמען-בוים איז געזעסן אַ דריטער, וואָס האָט בסדר געריכערט פון אַ שוואַרצער ליולקע און ווינציק גערעדט. אָבער דאָס מאָל האָט ער אַריינגעוואָרפן:

— „פון אָסט, צום וועסט, פרייע לוסט-רייזע האָבן וויר דאָ"...

צווישן די פּליטים האָט קיינמאָל ניט געפעלט אַ בלאָנדער יידל, פון ווין, אַ דאַרער און נידעריקער, וואָס אים איז פון אַלע גלגולים פאַרבליבן איין באַשטעטיקונג:

— „זאָ איסט דאָס"...

וואָס איינער זאָל ניט געוווּן רעדן, פריילעכס אָדער טרויעריקס, דאָס ווינער יידל האָט תמיד געהאַט איין פראַזע: „זאָ איסט דאָס!"

שמואל, נאָך דעמאָלט מיט צייכנס פון „דאכאוער קאַנטשיק" האָט זיך געכאַפּט פאַר די אויערן:

— מיין גאָט, מיין גאָט, איזט היר אָוך די זעלבע שוויינעריי?...

— „זאָ איסט דאס"...

האָט דאָס בלאָנדע יידל לאַקאָניש באַשטעטיקט...

* *

*

אויפן צווייטן טאָג האָט דעמאָלט שמואל געשטעלט אַן אַנאָנס אין דער בראַזיליאַנער פּרעסע:

— א גוטער פּעדאַגאָג גיט לעקציעס פון ענגליש, פראַנצויזיש און דויטש.

מיט דריי טעג שפּעטער, האָט דער אַנאָנס, מיט אַנאַנדערן טעקסט, זיך שטילינקערהייט איבערגעצויגן אין די יידישע צייטונגען אריין:

— א לערער פון העברעאיש און יידיש זוכט תלמידים...

אויפן זעקסטן טאָג האָט דער אַנאָנס באַקומען א פריש פּנים:

— א בוכהאַלטער מיט 5 שפּראַכן בעט באַשעפטיקונג...

געענדיקט האָט עס זיך צו די 15 טעג מיט א פראַנטאַוונע אַנאָנס:

— א דייטשער פליכטלינג איז גרייט צו אלע סאָרטן ארבעט...

נאָך דעם איז שמואל אַרויס „קלאַפּן" אלס אַן „ענגלענדער"...

מיט אַן אָפּגעטראָגן רענצל אין די אויסגעאיידלטע הענט, א פּעקל בי־ליקע „קאַרטלעך" אויף דער געצערטלטער פּלייצע, האָט ער זיך געשליאָנ־דערט צווישן די בראַזיליאַנער פּאַלאַסעטן און גערופן מיט א דין קול:

האַלאָ? מיסטער אנד מיסעס, „דרעס, קאָסטיום, ביאָטיפול, ביאָטי־פול"...

אין אָוונט איז ער געקומען צום „לידאָ־פּלאַץ" א שטילער, פארביטערטער געשפּיגן אָן אויפהער אין זאַמד אריין און געציילטע ווערטער אַרויס־גערעדט:

— דער „טרוק" מיט ענגלישע סחורות, העלפט, ווי א טויטן באַנקעס... עולם ווייסט שוין, אז מען טשאַקעט אים...

אויפן אַנדערן טאָג האָט שוין שמואל אויסגעקוקט חמצדיקער. אויפן בלייכן פנים א זויערע מינע, ר'האָט פונדעסטוועגן געפּרוּווט א פּרישן „טרוק": ניט רעדן קיין וואָרט, נאָר זיין שטום, בלויז פּאַטשן מיט די הענט און ווייזן מיט די אויגן... אָבער זיין שלימזלדיקער אויסזען האָט אים קיין שאַנסן ניט געגעבן צוגעלאָזט צו ווערן צו א לייטישער שטוב...

צום „לידאָ-פּלאַץ" איז ער דערשינען א הינקענדיקער מיט בלויע רינגען ארום די העלע אויגן און בלויז פיר ווערטער ארויסגעזאָגט:

— טיף אין דער ערד... און דאָס ווינער יידל האָט גלייך אונטערגעכאפּט:

— „זאָ איסט דאָס"...

אויפן דריטן טאָג האָט שמואל געזען ווי ביי א רייכן פּאַלאַסטע האָט זיך גרינג אריינבאַקומען א „טערקישער קלאַפּער". האָט ער אים שפּעטער אריינגעקוקט טיף אין די אויגן, געוואָלט דערגיין דעם סוד פון זיין דערפּאָלג און אויסגעפונען, אז דער קלאַפּער איז אזוי א „טערק", ווי ער איז א יאַפּאַנטשיק... און גלייך דערקענט אין אים — „אַחינו בני ישראל"...

איז שמואל אויפן צווייטן טאָג אויך ארום אין א רויט היטעלע מיט א לאַנגער טראָלד און געשריגן:

— טשאַלי, באָלי, האָלי, דאָלי — אז א רוח אין זייערע טאַטעס אריין...

אן אַנדערן טאָג, האָט שמואל נאָך געפּרוּווט דאָס מזל אויף אַראַביש... ר'האָט ארומגעוויקלט זיין בלאָנדן קאָפּ מיט א גראָבער לייוונטענער פּאַטשיילע און טשאַפּנדיק אויף די ליימיקע בערג האָט ער אימיטירט:

— „אָ, אַללאָ" — לאָ... אָ אַללאָ — לאָ...

אָבער אין אָוונט האָט ער צווישן געטאָן ביים „לידאָ", אז — ס'טויג אויך אויף כפּרות...

ביז שמואל האָט באַשלאָסן, אז: כאַפּט עס דער רוח די קאָמישע שפּיצלעך און דריידלעך — פאַרוואָס זאָל ער ניט א פּרווו טאָן אויף פּשוטן מאַמע-לשון? און טאַקע ביים יידישן עולם...

האָט ער זיך פאַרשאַפט א ניי רענצעלע, מיט גאָר אנדערע סחורות און פאַר דער ערשטער יידענע וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, האָט ער באַלד א צעלייג געטאָן דאָס נייע געשעפט:

—מאַדאַמעשי, קויפן זי עפּעס: פאַראַן ביי מיר, קעמעלעך, ציין־פּאַסטאַ, זייף און קעלניש וואַסער — פון כל טוב...

און דאָס ווייבל, א ביסל א פעטע, אַן אַנזעעוודיקע, האָט אים פריער גוט ארומגעקוקט פון אלע זייטן און לסוף ארויסגעפרייבט:

— „עץ זענט טאַקיש א דייטשישער מענטש? זענט עץ? צ׳זענט א פליכטלינג? האַ?"

— „וואָס איז דען די נפקה מינה? — האָט שמואל געפרעגט פארלעגן:

— איך וויל אייך דען משדך זיין מיט מיר?"...

— ניין! האָט זי געענטפערט גיך:

— אָבער איך וויל עץ זאָלט מיר צושטעלן א פּאָר זיידענע „קייזער־זאָקן", עץ מוזט דאָך אוואַדע א מבין זיין אויף עכטע „קייזער־זאָקן"?...

צווישן שמואלס שיטערע ציין האָבן זיך די ווערטער געזופּט, ווי דורך א שאַטקע:

— מאַדאַמעשי, אפשר וואָלט איר אייך דערוויל אויסגעקליבן עפּעס אנאַנדערע זאַך? פאַראַן ביי מיר, זיידענע האַלקים, זיידענע בלוזעס, זיי־דענע טיכעלעך... פאר וואָס גראָד נאָר „קייזער־זאָקן"?...

אָבער, דאָס ווייבל האָט פארקריליעט אירע קורצזיכטיקע אויגן און איז נאָר באַשטאַנען אויף דאָס איריקע:

—„קייזער־זאָקן" און למען השם פון גרעסטן נומער...

די צווייטע באלעבאַסטע האָט אויף זיין צעלייגטער „קראַם" אפילו קיין קוק ניט געוואָלט געבן. זי האָט א קרומען דריי געטאָן מיט איר פאר־ריסן נעזל און געזאָגט:

— מוחל די גלאַנציקע שמאַכטעס; יעדן בראָך אַן עלעגאַנטן קאָסטיום, פון די פראַנצויזישע שטאָפן, א זצ׳עט האָבן אזעלכים, בין יעדן א קונה...

אין דער דריטער שטוב, האָט מען שמואלס סחורה דווקא יאָ דורכגע־קוקט, ביז צום גרונט ממש. איין קינד, א צעדראַפּעטס, מיט א פּאָר פאר־שמירטע הענטלעך פון שאָקאָלאַד, האָט א כאַפּ געטאָן א פלעשעלע רויטן נעגל־לאַק און באַלד איז עס געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיינע קורצע הייזלעך... דאָס צווייטע יינגעלע, וואָס האָט אַרומגעבראַיעט אין בלויזן העמדל, האָט אָפּגעריסן אלע קאָלירטע באַנדעראָלן פון דער סחורה און גלייך זיך גע־מאַכט א פליענדיקן עראָפּלאַן און דאָס דריטע קלענסטע זונעלע, האָט זיך סתם א שפּיל געטאָן מיט א קליין „זשילעטקעלע" וואָס האָט אים באַלד

איינגעשניטן אלע פינגערלעך... ס׳האָט ראַפּטום א פלייץ געטאָן מיט פרישן בלוט און די איבערגעשראָקענע מוטער האָט פונקט געהאַלטן אין שמעקן צום „זאַפּאַך״ פון א גרין פלעשעלע „אָדעקאָלאָן״ וואָס זי האָט שנעל א האָרף געטאָן אויף דער ערד. א שאַרפער גערוך פון פּערפום האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער גאַס און די באַלעבאָסטע האָט געמאַכט הילכיקע קולות: — לאַכטיקע מענטשן מיינע, קיק׳ט נאָר אָן מיין בראָך!!!

און צו שמואלן האָט זי גענומען שרייען:

— „אפשר האָט איר גאָר א „קאַנטשיק״? — עפּעס א גוטן „קאַנטשיק״, פאַר מיינע צעלאָזטע ממזרים׳ס ווענן?״...

שמואלן האָט זיך אזש גענומען פּלאָנטערן אין קאָפּ: — „אָסט־יודן״, „וועסט־יודן״, א „קאַנטשיק״...

— יאָ, יאָ — האָט ער גענומען נאָכזאָגן דער יידענעס רייד — א „קאַנטשיק״ — נאָר א גוטן „קאַנטשיק״...

און געצויגן דאָס וואָרט, ווי מען ציט א סמיטשיק ביז צו דער דינסטער סטרונע...

* *

*

און אָט איז שוין ווידער נאַכט. שמואל שטייט ווידער ביים „לידאָ״־פּלאַץ, ער וואַרט אויף זיינע קאָלעגן כדי אינאיינעם זיך אַראָפּצושוויגן פון פאַרבּיטערטן האַרץ. ער זעט, ווי אַלע עלעקטרישע לעמפּעלעך האָבן זיך אריינגעכאַפּט אין ים אריין, פּראָווען דאָרט אונטערן וואַסער א פייער־טאַנץ און דאָ, אויפן אויסגעשטערנטן הימל קרייצן זיך גאָלדענע רייפן, עם בליצט אוודאי אויף נאָך גרעסערע היצן... א פאַרטראַכטער האָט ער גענומען אריינקוקן אין די אָפענע פענסטער פון „לידאָ־קאַבאַרעט״, געזען, ווי שמייכלענדיקע פּאָרלעך באַוועגן זיך עלאַסטיש לויטן ריטם פון בראַזיליאַנער „סאַמבאַ״. און ביי אים אין קאָפּ האָט זיך צודרינגלעך געפּלאָנטערט א פראַגע:

וואָס קלערסטו ווייטער צו טאָן, שמואל? — וואָס ועסטו איצטער ווערן?...

# חשבון - הנפש

ס'איז פיר אזייגער פארטאָג.

דורך א ברייטן פענסטער פון א פּרעכטיקן צוואַנציק-שטאָקיקן אַפּאַרטאַמענטן-הויז, קוקט סעניאָר פּעדראָ צו די פאַרנעפּלטע בערג, וואָס זיינען איצטער אין געדיכטע וואָלקנס, ווי אין גרויסע לייִלעכער איינגע־הילט. זיינע פאַרטרויערטע אויגן שטעלן זיך צומאָל אָפּ אויף די שאַרכנדי־קע ים-כוואַליעס, וואָס זעען זיך פונוויטנס און וואָס קאָלערן זיך און יאָגן זיך נאָך עפּעס אין דער וועלט אריין...

דאָס דאָזיקע יאָגעניש פון די כוואַליעס דערמאָנען סעניאָר פּעדראָן אין יענעם ראָזן קאַיאָר, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דעם בראַזיליאַנער הייסן באָדן באַטראָטן. ס'איז אויך געווען אזא אויפגייענדיקער, פאַרנעפּלטער־פרימאָרגן. דער בלויער ים האָט אויך אזוי גערוישט, געיאָגט זיך — פונקט ווי ער — נאָך דעמאָלט א יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט זיך גערופן שלום־פּנחס און אויך געיאָגט זיך נאָך עפּעס אין דער וועלט אריין...

סעניאָר פּעדראָ דערמאָנט זיך, ווי עפּעס אַן אָפּגעכוימערט מענטשל מיט בלויע ברילן אויף רויטלעכע אויגן, האָט נייגעריק געקוקט אויף זיין גויאישער „מאַטשעיובקע", לאַנג אים באַטראַכט, ווייזט אים זיך געישובט: יאָ א ייד — ניט א ייד? און לסוף אים אָפּגעשטעקט א קילן שלום עליכם:

— „כ'בין פון הילפס-פאַריין — האָט ער שטיל ארויסגעזאָגט — געקור־מען מקבל-פּנים צו זיין יידן... און איר זענט דאַכט מיר אויך א...? נו, קומט־זשע צונינג, עטיץ קריגן א שטיקל געלעגער, אָ קאַפּ „שיטערס", אַ טראָפּע־לע „דריוונע", עטיץ שפּעטער קענען געבן א פּלייצע"...

סעניאָר פּעדראָ טוט א וויש די טריבע אויגן, דרייט זיך אַוועק פון פענסטער אין שלייכט ארום אין זיינע ווייכע שטעק-שיך אויף דער ברייטער וועראַנדע. פון דאָרטן זעט ער די ליימיקע בערג ווו עס זיינען איינגע־נעגלט געהויקערטע שטיבעלעך מיט לעכער, אַנשטאָט פענסטער. די דאָזי־קע שטיבעלעך דערמאָנען אים אין זיינע ערשטע אכסניות... פון דאָרטן פלעגט ער אין אָנהויב קוקן פון אונטן ארויף... וואָכן און חדשים זיך גע־שליאָנדערט מיטן פּעקל שקאַרפּעטן, קראַוואַטן, באַרג ארויף, באַרג אראָפּ,

אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן, אין כלערליי לשונות אויסגעפּרוווט דאָס מזל און — גלייך אַלע וואָלטן זיך דעמאָלט אָפּגעשמועסט צו געבן איין תשובה:

— „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַ"...

און שלום פּנחס פּלעגט צוריק וואַרטשען: — „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַ" — און אין דער שטיל זיך געפּרעגט: — פון וואַנעט זיינען דאָ אויסגעוואַקסן אַזעלכע גרויסע יידישע שניט-קראָמען? און פון ווו, אַזאַ ברייטע יידישע פּאַבריקאַציע? אז מ'קריגט גאָר מאַזאָליעס פון בחינומדיקן קלאַפּן? — אַז „נאָן פּרעסיזאַ נאַדאַ"?...

* *
*

וואָכן און חדשים האָט שלום-פּנחס דעמאָלט געטשאַפּעט אויף די לייַמיקע בערג, אין אַ פּאָר היימישע באַראַקעס, און אַן אָפּגעטראָגן רעקל, זוכנדיק עפּעס אַ פּאַרטל וואָס זאָל אים מיט אַ מאָל אַ הויב טאָן צו די ווינקענדיקע וואַראַנדעס... ס'האַרץ זיינס האָט פּלוצים גענומען לעכצן צו די הויכע אַפּאַרטאַמענטן: דער קלוגער קאָפּ האָט געזוכט די וועגן... און זוכנדיק, דערווייל פּאַרגעסן, אַז קיין בראַזיליע איז ער געקומען וועגן אַן אַנדער ציל... פּאַרגעסן אין די געהיימע פּאַרזאַמלונגען אויפן ווייסן באַרג, פּאַרגעסן אין סאָציאַלע גערעכטיקייטן... שלום פּנחס האָט גיך גענומען אייַנזען, אַז דאָ — אויב מען וויל נישט גיין אין „שפּאָן", ווי די נעגער-יונגען, וועט קיין סאָציאַלער קאַמף נישט העלפן... — דאָ באַדאַרף מען קענען „משאַקען"...

אין שלום-פּנחסן האָבן זיך אָנגעהויבן די „ויתרוצצום", די קאַמפן מיט זיך אַליין... ר'האָט אַ פּרווו געטאָן צו ווערן אַ פּשוטער קאָנדוקטאָר און ביים אָפּקלאַפּן די בילעטן זיך שטיל אונטערגעזונגען:

— „חצי שלי וחצי שלך"...

אָבער גלייך האָט דער יצר-טוב אַ טאָרע געטאָן: — היתכן שלום פּנחס? — דו אויך?... און באַלד האָט דער יצר-הרע אַריינגעשושקעט:

— „למאי וועלוועלע גרונימס? אויך געוועזן אַן אידעאַליסט, צוגעזאָגט קעמפן פּאַר גערעכטיקייט, ברענגען משיחן... און, נאָך אַ פּאָר יאָר שפּיצלעך און דריידלעך אויפגעבויט אַ „פּייפּער"... בעת דו, שלום-פּנחס דער אינטעליגענט, זאָלסט גיין אונטערן פּערדל, נאַכטראָגן אַ פּרעמד פּעקל, מאַכן „משוועקעס" שטאָט קונים, באַשר-בכן ביסט געוועזן אַ קעמפּער?...

— „דאָרטן אין גרינעם וועלדל, אויפֿן שמעקנדיקן גראָז, צווישן רויטע יאַגעדעס מיט אַ מויד ביי דער זייט, האָבן אזעלכע לאָזונגען געהאַט אַ טעם... דאָ אָבער: „נאַדיר אַ שפּיי פאַר אַזעלכע זאַכן"...

און אַזוי־אָ — צווישן דער גערעכטיקייט פון יצר־טוב און פאַרפירע־רישקייט פונם יצר־הרע, האָט שוין פּנחס געפונען די „וועגן" וואָס פירן אַ קאָפּעטשקע העכער... און מיטן עסן, איז געוואַקסן דער אַפּעטיט, וואָס מער ר'איז אריין אין די פעדערן, אַלץ קלאָרער האָט ער גענומען איינזען, אַז אַנ־דערע, ווינציקערע פאַר אים... האַלטן שוין אַ סך ווייטער... און דאָס יצר־הרע'לע האָט ווידער אַ טאָרע געטאָן: — „און אַז מען האָט שוין אַ שטיקל געשעפטלטשינע און מ'שפּאָרט שוין אַ ביסעלע מזומן — אַנטקעגן יוסף קנאָפּ ,איז עס ווערט אַ שפּיי"... און — ווער איז ער דאָס דאָרטן איינגאַנצן דער יאָסל־קנאָפּ? פּנחסל געדענקט אים אַלס אַ פּשוטן קצב־יונג, און דאָ כּאַליעט ער אין „קאָפּאָקאַבאַנאַ", טעלעבענדעט ארום אין אייגענע קאָטשן און טאָמער באַווייזט ער זיך אין זיין אויסגעטראַקעוועטן קאָסטיום, טענצלט ער פאַרביי, דערקענט ניט מער קיין אַלטן חבר... אָדער — „נעמט, למשל, שכנא־גרונמס" — פלעגט פּנחס רעדן צו זיך אַליין — „דער דאָזיקער שכנא, נאָך איין יאָר בראַזיליע איז באַלד פון אים געוואָרן: סעניאָר סאַבאַט... ער האָט באַלד פאַרגעסן, אַז שלום־פּנחס האָט אים געלערנט א"ב... און דאָ — אַ גאַנצער למדן. אויף אַלע גרויסע שמחהלעך, איז תמיד: — „יעמוד" סעניאָר סאַבאַט האָט דאָס וואָרט... און כאָטש דאָס שטומפּיקע קעפּל דינט אים ניט ארויסצוברענגען אַ לייטישן געדאַנק, איז — ווער באַדאַרף דאָ לייטישע געדאַנקען, אַז ער פאַרמאָגט אַ לייטישע פאַבריק? — איז גענוג ער זאָל זיך בלויז ראַזמאַכלעווען צום רעדן, אַ דריי טאָן ס'ווייסע קעלנערל אַהין, אַ צי־טאָן ביים צעפּלויגענעם שניפּסל אַהער, און שוין — בראַוואָ! מויל און אויערן כאַפּן אויף זיין תורה... אַלץ ווייל אַ שאַפער מיט אַ גלאַנ־ציקן דאַשיקל פירט אים אַרום, פאַרנייגט זיך ביי יעדער מאָל עפענען דאָס טירל — אַ גרויסע חכמה!... פאַרן ביסל „קלינגערס" וועט ער זיך לאָזן מרעטן אויך"...

שלום־פּנחסן האָבן אַזוי לאַנג געמוטשעט די פרעמדע ניט־פאַרגינערי־שע דערפאָלגן ביז — ר'האָט איינגעשטעלט:

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, דורך די פאַרמאַכטע טירן־פענסטער פון זיין קליין שניט־קרעמל, וואָס איז געווען גוט אסעגורירט, האָבן פּלוצים

געגומען הודזשען פייער-צונגען גלייך אין הימל אריין... א רויטע לאַנע האָט פארשפרייט ראָזע טישטעכער ביז אינמיטן ים אריין און — די ישועה איז געקומען...

מיט פיר וואָכן שפּעטער, האָט מען אויפן זעלבן פּלאַץ שוין געבויט פּנחסעס א מעבל-פאַבריק...

* *
*

אָבער פּנחסעס הימל, איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג לויטער. א טונקל שאָטנדל, האָט אַלץ נאָך פאַראומערט זיין פאַרבענקטע האַרץ, א געטרייע חברטע האָט אַלץ נאָך געוואַרט אין דער אַלטער היים... געוואַרט אויף דער באַפרייאונג פון די מאָסן.. און אויף פּנחסעס א שיפס-קאַרטע...

* *
*

אין דער אַלטער היים, איז שלום-פּנחס געווען דער רעוואָלוציאָנער פון שטעטל, געאַרבעט ביי שמואל לאַטיאַזש, דאַמסקע-שניידעריי... אַז דאָס שטעטל האָט באַשלאָסן מזוג צו זיין, פּינטשע תם מיט דער צעדרייטער לאה׳קע, האָבן פרומע גבאיטעס אַנגעטראָגן זייערע גלאַנציקע קרינאַלינעס, מיט די פאַרשימלטע טוניקעס, וועלכע זיינען כל-ימיהם געווען אַן עבירה ארויסצוּוואַרפן און האָבן זיך לסוף דערוואַרט אויף א גרויסער מצוה — אויס-שטייער פאר די אָרעמע חתן-כלה... דער לאַטיאַזש האָט דעמאָלט געגעבן צו פאַרשטיין זיינע געטרייע „געזעלן״, אַז: — „די דאַזיקע „וויפּראַווע״, וועט געמאַכט ווערן אויף גאָטס-רעכענונג... ס׳איז פאר קיילעכדיקע יתומים, ס׳וועט ברענגען עולם-הבא״...

נאָר שלום פּנחס האָט אונטערגעוואַרטשעט: — „עקספּלוטאַציע — שמאָך און שאַנדע — טוען מצוות אויף אונדזער חשבון״... און אַז ס׳איז שפּעטער אריינגעקומען א ביסל לייטישערע אַרבעט, האָט ער א באַפּעל געטאָן צו זיינע קאָלעגן: — „סטאָפּ-מאַשינאַ״ איניץ סטרייקט מע...״ ווי א פונק געוואָרפן אין א וואָגן שטרוי — האָט עס דעמאָלט אָנגעצונדן אַלע שוסטער און שניידער-יונגען אין א פייער פון רעוואָלוציע וואָס איז באַלד דערגאַנגען צו די „מעשענע קנעפּלעך״, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט שלום פּנחסעס שטוב און דער „אָנפירער״ האָט געמוזט מאַכן א „ויברח״...

אין א האַרבסטיקן פאַרטאָג איז א דראַביניאַסטער וואָגן פאַרפאָרן צום שול-קלאַפּערס ליימיקער כאַטע, שלום-פנחס האָט פלינק א שפרונג געטאָן אויפן הויכן געזעס און קאָלעגן האָבן אים ארומגערינגלט. דער שול-קלאַפּער, פנחסעס טאַטע, אין א קראַטענעם שפּענצער, האָט שוין געהאַלטן דעם הילצערנעם האַמער גרייט, ביים ערשטן פאַסיקל ליכט צו רופן יידן — „אל עבודת הבורא"... באַלד האָט דאָס קלינגען פון רעדער געוועקט דאָס שלאָפנדיקע שטעטל פון אירע זיסע חלומות... חברים האָבן נאָכגעשריען: — „זאָלסט חלומען אונדזער חלום! קעמפן אונדזער קאַמף!..." בלויז פון דער קליינער חנטשען האָט זיך שלום-פנחס ניט געקענט אָפרייסן. אין האָריזאָנט האָט שוין א גרויער הימל זיך גענומען אַפערשאַרן פון אונטער דער שוואַרצער פלאַכטע, אויפן ווייסן באַרג זיינען אויסגעוואַקסן ביימער, טעלעגראַפן-סלופּעס, פעלדער-גערטנער און דער פורמאַן האָט א זאָג-געטאָן צו שלום-פנחסן: „זאָל זי אַראָפגיין „ס'משלחת", כ'על נישט צוריקפירן די מויד אין שטאָט אריין"... — אָבער חנטשע מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ איז נאָך לאַנג געלעגן אויף פנחסעס אקסלען, דאָרטן ארייגעכליפּעט: „אין אַזאַ וויסטן עק אָן דיר, אָן ציוויליזאַציע"... און פנחס האָט געטרייסט: — „כ'וועל דיך ארויסראַטעווען פון גיהנום"...

אז דאָס פערדל האָט א צי געטאָן אין לובלינער וואַלד אריין האָט זיך חנטשע געמוזט אָפרייסן און פנחסל האָט זיך דערזען אליין... בלויז די פולע לבנה איז נאָכגעגאַנגען ביז טיף אין וואַלד אריין און שפּעטער שוין מיט א האַלב אויג אים לאַנג נאָך נאָכגעקוקט פון וויטנס...

*  *

*

נאָך א פאָר יאָר כסדרדיקע מאַטעריעלע דערפאָלגן אין בראַזיל, איז שלום-פנחסעס צעוואַקסענער גוף געוואָרן שווערער, זיין בלאָנדער קאָפּ, העלער, דאָס דיקע פנים — שמאַלציקער און ר'האָט גענומען טראַכטן וועגן תכלית...

אויסגעסטראָיעט אין די בעסטע קאָסטיומען, מיט גאָלדענע ברילן אויף דער געבערגלטער נאָז, פלעגט ער לאַנג שפּאַצירן ביים ראַנד פון ים, קוקן א פאַרבענקטער צו די נאַקעטע מיידלעך, וועלכע פליעסקען זיך אזוי זאָרגלאָז אין די רוישנדיקע ים-כוואַליעס און אין רעיון האָט אויפגעטויכט זיין קליינע חנטשעלע — „אָבער — האָט ער ניט איינמאָל צו זיך גערעדט, געבראָכן זיך

דעם קאָפּ — „ווי אַזוי ברענגט מען זי דאָ אהער, אַז ס'זאָל אַרויסקומען: אַ שפּיציק און אַ קײַלעכדיק"... ווי אַזוי וועט זי קוקן אויף דעם נייעם רעדל, וואָס ער דרייט דאָ און ניט האַלטן אים פאַר קיין פּורים־שפּילער?... אַז אַנשטאָט קעמפן, איז ער גאָר אַליין געוואָרן אַ באַקעמפּער... אַ „בורזשוי"... — „איי דאָ איז נישט דאָרט... און דאָס לעבן האָט דערצו געטריבן? חנטשען וועט שווער זיין איבערצוצייגן"...

אָבער ווען אין פּנחסעס געדיכטער טשופּרינע האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר ווייסע האָר, האָט ער לסוף באַשלאָסן, אַז לענגער וואַרטן איז פּשוט אַן אומזין. וואָס אַ יאָר מער, ציט דער געלט־טייוול ווייטער און טיפער... מען מוז זי אַהער ברענגען.

אָבער — דערזעענדיק איר אויסשטייגן פון שיף, די צאַרטע חנטשעלע, אַזאַ שטילע, אַ דריבנינקע, מיט גראָבע ביכער אונטערן שמאָלן אָרעם, איז אים באַפאַלן אַ שרעק פאַרן דאָזיקן גרינעם מיידעלע מיט די פאַרביסענע ליפּעלעך... דאָך ווען דאָס שלאַנקע חנטשעלע מיטן שמאָלן אָדלער־נעזל און די שוואַרצע צעפּ ביז אין דער טאַליע, האָט זיך אַ פּאָר נעכט גוט אויסגעשלאָפן אויף זייער אַ ווייך געלעגער, און אַ שוואַרץ דינסטל אין אַ געפּרעסטן פאַרטעך האָט אַריינגעבראַכט דאָס פרישע פּוטער־געבעקס גלייך אין בעט אַריין און דורכן אָפענעם פענסטער האָבן אַריינגעשמעקט טראָפּישע „אַנזשעליקאַס", זיינען אירע בלייכע באַקן באַלד ראָזער געוואָרן, די מאַטע אויגן — גלאַנציקער, און ס'האָט לאַנג נישט גענומען ווי חנטשע האָט אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו קוקן אויף דער גאַנצער זאַך... און ווען שלום־פּנחס האָט איר גענומען טרעפן אין אויסגעפּאַסטע קליידלעך מיט ראָזע שפּיצעלעך אַרום ברייטן דעקאָלט, אַ קאָקעטיש צעפּיעשטשעטע, איז אים גלייך אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ...

* *

*

די קליינע חנטשע האָט גיך דערטאַפּט, אַז אין בראַזיליע קוקט מען מער אויפן קוואַליטעט פון אירס אַ נײַ קליידל, ווי אויפן טיטל פון אַ בוך, וואָס זי פלעגט טראָגן אונטערן אָרעם... זי האָט גענומען קוקן אויף מענטשן, ווי דורך אַ לאָרנעטע, פאַרקרייליעט אַ האַלב אויגל, ס'קעפּל פאַרריסן, יחוס־דיק געגווידערט, אויף 10 פראַגעס קוים באַוויליקט אַ שאָקל צו טאָן מיטן שטאָלצן קעפּל און אַלץ נאָך גערעדט אַ געמישטן פּויליש־יידיש:

— „מען דאַרף זיך חברן מיט „לודזשי אַריסטאָקראַטסקי" — האָט זי גיך אויפגעוויזן פּנחסן — „פֿאַבּרינקאַנטן, אינדוסטריאַלן, סתם גבירים... אונדזערס גלייכן" — און פּאָר איין וועג שוין צוגעגעבן: — „דיין נאָמען פּנחס, דערמאָנט מיך צופיל אינעם שול-קלאַפּער... „פּעדראָ", וואָלט געווען „דעליקאַטניע, לאַדניענשע"... און שלום פּנחס, באַגייסטערט, האָט איר אַנגענומען ביים קליינעם שמאָלן גאַמבעלע און מיט א ניגון, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פֿון מעביר זיין די סדרה, האָט ער אויסגעזונגען:

— „סעניאָר פּעדראָ, און דאָנאַ אַניטאַ-אַ-אַ"...

און אזוי איז עס שוין פֿאַרבליבן.

* *

*

אז סעניאָר פּעדראָ האָט שוין געהאַט באַמעבלט און באַצירט א האַלבע מדינה, האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן מענטשן פֿאַר אים. אַלץ האָט זיך שוין געדרייט ארום זאַכן: פֿאַבּריקן, מאַשינען, קוימענס... א מילכל האָט געדרעשט 24 שעה אין מעת-לעת: „געלט, געלט, געלט"... אדורכפֿאַרנדיק מיט זיין בלויען „קאַדעליאַק" די ברייטע פּליאַזשעס, האָט ער ניט דערקענט מער די היימישע „קלאַפּערס", ניט געדענקט מער די דאַזיקע שוואַרצע אַר־בעט, ניט געווען מער קיין שלום-פּנחס, אוים... איצט איז מען שוין סעניאָר פּעדראָ, וואָס קריגט אומעטום, דאָס ערשטע בענקל... און אז מען שפּאַצירט זיך אביסל דורך, איבער דער ליכטיקער „פּראַיע", שטעלט מען זיך שפּעטער אוועק, אַן אויסגעפּוצטער ביי דער גלאַנציקער שויבן-טיר פֿון זיין באַרימטן יובעליר-געשעפֿט און מ'הערט זיך איין מיט א זיס שמייכעלע צו די הויכע קולות פֿון די קליינע סוחרימלעך, וועלכע דרייען זיך תמיד ארום זיין געשעפֿט. מיטן נאַקעטן לייב אויפֿן ליכטיקן דרויסן, פּאַרטומלען זיי די גאַס מיט זייערע הילצערנע קראָמען, אָנגעהאַנגען אויף די אַקסלען, שרייען שעהנווייז: — „נאָדלען, קנעפּלעך, העקעלעך, שפּילקעלעך; א טוץ פּאָר א פּינפּערל! א טוץ פּאָר א צענערל!"...

און סעניאָר פּעדראָ, ביים גלאַנציקן שוי-פֿענסטער, קוקט זיך מבֿיניש איין אינעם בליאַסק פֿון זיינע גרויסע בריליאַנטן, וועלכע ליגן זיך אזוי יחוס־דיק אויסגעבעט אין רויטן סאַמעט, קאָנקורירן מיטן פֿייער פֿון דער טראָ־פּישער זון... בעת שטילנקערהייט, אַליין ניט ווויסנדיק, האָבן זיינע דינע ליפּן אויך אונטערגעזומעט דאָס זעלבע וואָס די שקצימלעך, נאָכגעגאַנגען

דעם דרויסנדיקן כאָר: — „א טוין פאר א פינפערל! א טוין פאר א צען־נערל!"...

זיינען זיך אַזוי געוואַקסן ביי סעניאָר פּעדראָן די פאַבריקן, די פּאַלאַ־סעטן, דער גוידער, דאָס בייכל... און ביי דאָנאַ אַניטאַ, דאָס גאָלד, פּערל, בּריליאַנטן, דער גדלות... גערעדט האָט זי נאָך אַלץ מיט א „יאָך" און מיט א „סקי", געחברט זיך מיט „לודזשי אריסטאָקראַטסקי", זיך געקליידט „מענסקי" און געלעבט מיטן היינט, נישטאָ מער קיין נעכטן... און ווען ביי־דע זיינען כמעט ווי זיכער געווען, אז זייער מאָרגן איז אויך שוין פאַרזאָרגט, האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די מעשה מיט זייערע צוויי קינדער.

* *

*

ווען זשאָרזשיניאַ, זייער בן־יחיד, איז געקומען אויף דער וועלט, האָט דאָנאַ אַניטאַ דעמאָלט געוואָלט האָבן נאָר אַן ענגלישע גאָווערנאַנטקע... סעניאָר פּעדראָ, איז דוקא באַשטאַנען אויף א פראַנצויזישער, האָט מען זיך לאַנג געווערטלט: — „אַן ענגלישע, א פראַנצויזישע"... ביז מען איז געקו־מען צו א פשרה: מען וועט האַלטן ביידע — איינע וועט לערנען מיטן קינד פראַנצויזיש, די אנדערע — ענגליש...

אז מיט דריי יאָר שפּעטער איז געקומען אויף דער וועלט דאָס בת־יחידקעלע, בערטשיניאַ, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א מעשה מיט א דריי־טער גאָווערנאַנטין, דאָסמאָל שוין א דייטשקע... און צוויי בראַזיליאַנער „באַבאָס" האָבן זיך גלאַט ארומגעדרייט אין שטוב: — ווייל די קינדער מוזן דאָך קענען די לאַנדס־שפּראַך אויך...

צווישן זיך האָט דאָס פּאָר פּאָלק נאָך גערעדט יידיש... ס'איז זיי פשוט באַקוועמער געווען... מען האָט זיך בעסער פאַרשטאַנען... נאָר צווישן מענטשן האָבן זיי דאָס דאָזיקע לשון אויפגעהערט צו באַנוצן... הגם סעניאָר פּעדראָ, האָט פאַרנומען אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע אַמטן, אָבער זיין אומגאַנג־שפּראַך איז אומעטום געוואָרן פּאָרטוגעזיש. אז די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, האָט דאָס פּאָר פאָלק, אויך אין שטוב אויפגעהערט צו רעדן יידיש, ווייל צוואָס מוטשען די קינדער מיט נאָך א לשון? און מיטן לשון איז שוין אויך פאַרטריבן געוואָרן יעדער זכר וואָס האָט נאָך געהאַט א שייכות צו זייער פריערדיקן לעבן, צו זייער יידישקייט... און טאָמער האָט

זיך פּעדראָ אַמאָל פאַרגעסן און אַרויסגערעדט אַ יידיש וואָרט האָט דאָנאַ אַניטאַ באַלד אַ געשריי געטאָן: — „קאָלאַ באָקאַ"! — „די דינסטן באַדאַרפן נישט צוהערן אונדזער אָפּשטאַם"...

ערשט ווען זשאָרזשיניאַ האָט זיך גענומען חתנען צו אַ שיקסל און בערטיניאַ, כלהן צו אַ שייגעץ האָט די מכה געפּלאַצט... דעמאָלט ערשט, האָט דאָס פּאָר־פאָלק דערפילט, אַז מען איז אַראָפּ פון די רעלסן... אַז דאָס ביסל יידישקייט האָבן זיי בלויז געהאַט פאַריאָגט פון זייערע רייכע שטיבער, אָבער נישט פון זייערע הערצער... און ווען די קינדער האָבן זיך גענומען גרייטן צו אַ חתונה מיט גויים, האָט זיך טיף אין זייערע נשמות אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער רעוואָלט, אַ קעגנערשאַפט, וואָס איז שוין אָבער צו שפּעט געווען איצטער צו פאַרריכטן....

די קינדער האָבן געקוקט אויף די עלטערנס צער און פאַרדראָס מיט געחושטע אויגן... ניט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס פלוצים גערינצלטן פּנים, ניט באַגריפן, דער מאַמעס קלאָגן זיך אויפן האַרץ: — „יידן גאַר"? — האָבן זיי געשטוינט — „קיינמאָל ניט געהערט רעדן אין שטוב וועגן זייער באַלאַנגען צו יידן... און דאָ פלוצים מ׳בייזערט זיך גאַר, מ׳סטראַשעט נישט צו גיין צו דער חתונה...?

*　*
*

אין די זוניקע, רייכע סאַלאָנען, ווו ס׳איז תמיד געווען לוסטיק און לעבעדיק, איז פלוצים געוואָרן זייער שטיל. אָן אומעט האָט גענומען ווייען פון די טאַפּעצירטע ווענט, פון די לוקסוס־מעבלען... אַן אומצופרידנקייט פון זיך אליין, פון די גרויסע דערפאָלגן. די דערגרייכטע עשירותן האָבן גענומען דריקן טיף אין אַ ווינקעלע פון זייער נשמה... דאָרטן ווו ס׳איז נאָך געבליבן אַ ניצוץ פון דעם פאַרגאַנגענעם „אַמאָל", האָט דער קליינער ניצוץ זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן „לץ", אין אַ „בלאזן", וואָס האָט גענומען אַרויסחוזקן פון די ווינקלען אין זייער רייכער שטוב — „אַלצדינג האָסטו שוין געהאַט דערגרייכט, סעניאָר פּעדראָ — האָט דער לץ געטאַטשעט: — עשירות, כבוד, תענוגים... איצט איז געקומען אָט אַזאַ „פּיצינקע קליינקייט" — עפּעס אַ „גויעצל" מיט אַ „שיקסלטשינע", האָבן אַ תל געמאַכט פון דער גאַנצער אָנגעהאָרעוועטער פרייד... און אַלץ טאַקע איבער אַ „קלייניקייט" — די קינדער האָבן ניט געוווסט, אַז מען באַלאַנגט צו אַנאַנדער

פאָלק... אַז מען איז יידן... אויסבאַהאַלטן פאַר זיי... האַ? פעדראָ — קלו־גער־קאָפּ — אלצדינג האָסטו פאַרויסגעזען, זיך גוט באַוואָרנט... אָבער די קינדער? — זיי ביסטו איצטער פרעמד... מען פאַרשטייט זיך ניט מער"....
אַזוי טאָג און נאַכט, האָט דאָס „פּאַיאַצל" געעגבערט זייערע מוחות, גע־דריקט זייערע הערצער, געחוזקט... דערווייל, אַז ס'נעמט גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, קומט אונטער נאָך אַ מעשה:

* *

*

דאָנאַ אַניטאַ האָט זיך גענומען קלאָגן, אַז עס ברעכן איר די געלענקען, ס'קלאַפּט איר אין די שלעסער, ס'קלינגען ביי איר די ביינער, ווי היימישע שטרולקעס... אין אָנהויב האָט סעניאָר פּעדראָ געלאַכט: — „געלט" — ווייסט ער — קלאַפּט, „מאַנעטים" קלינגען, אָבער מענטשלעכע אברים? — גאַי שוין גאַי"... ער האָט אפילו געפּרוווט זיך אַ וויצל צו טאָן:

— „די ווייטיקן קומען דיר פון ניט באַנוצן די הענט... פון ניט געברויכן די פיס... פון ליגן אויסגעצויגן גאַנצע טעג אויף דער אָטאָמאַנע, פון רופן די דינסט, זי זאָל זאָגן דער קאַץ אַ קאָטאַ"...

אמת איז, אַז אַניטאַ האָט ניט ליב געהאַט צו באַנוצן אירע אברים. דאָס גרויסע עשירות האָט איר פויל געמאַכט.... אָבער, איינקויפן אויף דער „פייראַ", פלעגט זי יאָ ליב האָבן צו גיין אליין. אויסגעפּוצט אין שענסטן קליידל, מיט גראָבע קרעלן אויפן ווייסן האַלדז, לאַנגע „קאָליעס" אין די דינע אויערן, האָט זי — פון איין טישל צום צווייטן — אויף אירע הויכע „אַפּצאַסן" אונטערגעטענצלט, ליב געהאַט די ברייטע „וואַרע", מיט דעם גרויסן הדר־ארץ, וואָס די הענדלערס האָבן ארויסגעוויזן צו דער באַקאַנטער נגידותטע... בעת זי, מיט ווייס באַהענטשקעטע פינגער פלעגט דעליקאַט באַטאַפּן אַלע צייטיקע פרוכטן, דאָס פרישע גרינצייג און צומאָל אפילו גע־פּרוווט זיך אַ דינג צו טאָן... ניט חלילה, ווייל ס'איז איר אַ שאָד געלט, נאָר סתם אַזוי אויף צו פאַרווײַלן זיך — און — נאָך אַלע מעשיות, איז דאָך געלט סוף־כל־סוף — געלט"... אומעטום איבערגעלאָזט אַ דינעם ריח פון גוטן פּערפום... און שפּעטער געדונגען אַ שוואַרץ טרעגערל, אים באַהאָנגען מיט אַ קוישל פּרוכטן אויף איין זייט, אַ זעקעלע גרינצייג אויף דער צווייטער זייט און אויפן קאָפּ אַ קעסטעלע מיט אייער... בעת זי, מיטן זיידענעם

פּאַרסאָלקעלע אין דער האַנט, איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן און גע־טראַכט — „די חברה האָבן ליב צו „שניפּן" — אונטערגעיאָגט דאָס טרע־גערל: — „וואָס קריכסטו ווי א טשערעפּאַכע, בהמהלע דו, ס'איז דען מער ווי א שפּאַציר? בהמהלע דו"...

אז דער גוף האָט איר גענומען ברעכן, די אברים קלינגען, ווי שטרול־קעס, האָט זי דעם „בהמהלע" א ביסל טיפער ארייַנגעקוקט אין די אויגן אריין, שוין געפרעגט אויב דאָס קעסטעלע דריקט אים ניט צופיל אויפן קאָפּ? שוין געהייסן אים אביסל אָפּרוען זיך און ס'רוב שוין צוגעדונגען נאָך א באַהעלפּערל...

נאָענט צו אַניטאַס שטוב, האָט זי פלוצים אויך גענומען באַמערקן עפּעס אַן איינגעהויקערטן בעטלער, וואָס אייגנטלעך שטייט ער שוין דאָרטן יאָרן, אָבער קיינמאָל האָט זי ניט באַמערקט, אז דער דאָזיקער בעט־לער זאָל האָבן אַזעלכע געשוואָלענע פיס... און איצטער — „ס'איז דאָך באמת א שרעק — רויט, ווי אַן אָפּגעשיילטער בורעק" — פאַרבייגייענדיק האָט זיך אַניטאַ גענומען לענגער פאַרהאַלטן, שאַרפער דערפילט אירע איי־גענע ווייטיקן און, שוין ניט אדורכגעגאַנגען גלאַטיק... נאָר ארייַנגעוואָרפן א שפּאָר ביסל מטבעות אין זיין צעריסענעם היטל... לאַנג נאָך נאָכגע־טראַכט: — „אָווא, א מענטש קען האָבן אזעלכע געשוואָלענע פיס? אַ מענטש קען טאַקע אזעלכע פיס האָבן?"....

* *

*

אַניטאַ איז געוואָרן אַן א שיעור פילבאַר, אירע אמאָליקע סענטימענטן האָבן זיך צוריק גענומען אויפוועקן... בפרט ווען ס'איז נאָך אונטערגעקומען די דריטע מעשה.

* *

*

סעניאָר פּעדראָ איז אהיימגעקומען פון גאַס אַן אויפגעלייגטער, א מונ־טערער. איינגערוימט אַניטאַן א פרישע בשורה אין אויער:

— „מזל טוב אניטע לעבן... עס פייפט שוין ביי אונדז דער 5-טער קווי־מען... פינף פאַבריקן, ווי די בערן... איצטער וועלן מיר"...

— „שוויג פעדראַ! שוויג!" — האָט אים אַניטאַ ניט געלאָזט פאַרענ־דיקן דעם זאַץ. אין אירע ציטעריקע הענט האָט געפלאַטערט אַ קליין ברוי־וועלע, ערשט אָנגעקומען פון אַ קרוב אין אייראָפּע... אַניטאַ האָט גענומען ארויסלייענען: — „דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער איינציקער ברודער, אַלע, אַלע, דערשאָסן, דערשטיקט, פאַרגאַזט, פאַרברענט"... און מיר דאָ?" — האָט זי גענומען שרייען — „אַ פינפטער קוימען? האַ?" — און צוגעגעבן: — קוימענקערער זיינען מיר, הערסט, פעדראַ, קוימענקע־רער! און מער גאָרניט!"....

סעניאָר פעדראַ האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן אויף איר און האָט שטיל אַ זאָג געטאָן: — „אַ שד איז אין דיר אריין, אַניטאַ! אַ דבוק!... און אַניטאַ האָט אים נאָך שטילער געענטפערט: — „יאָ, אַ שד, אַ דבוק, אָבער ער זיצט שוין לאַנג אין אונדז... גאָר, גאָר לאַנג... און אצינד איז געקומען די צייט אים ארויסצוטרייבן... הערסט פעדראַ, ארויסטרייבן! מען דאַרף אָנהויבן אַנדערש צו לעבן... אינגאַנצן אַן אַנדער לעבן!"...

* *

*

געלאַסן, מיט פחד, ווי מען באַרירט תכריכים פון אַ בר־מינן, האָט סע־ניאָר פעדראַ ארויסגענומען דאָס צעקנייטשטע בריוול פון אַניטאַס הענט, נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און זיך דערפילט אַן אויסגעהוילטער, אַ ליידי־קער, מיט אַ געלער מראה און געריגצלטן פּנים. דאָס פּיצעלע פרייד פון אַ „פינפטן קוימען", האָט גיך פלאַץ געמאַכט פאַרן פרישן טרויער, וואָס האָט זיך נאָך אייגנטלעך אָנגעהויבן מיט די קינדערס אָפּגעפרעמדט ווערן פון זיי... אָבער, ערגעץ ווייט, איז מען נאָך אימיצנס געווען, מען האָט נאָך ווו באַלאַנגט... ס'איז נאָך געווען אַ קליין פינטעלע פון אַ גרויסן ווייטן פלאַם, וואָס אין אַ טונקעלער שעה, האָט עס זיך נאָך געקענט צעלייכטן... טרייסטן, באַשיינען... און איצטער איז אויס.... נישטאָ קיין דאָרטן און נישטאָ קיין דאָ... אליין... און סעניאָר פעדראַ האָט זיך פאַרשלאָסן מיטן בריוול ביי זיך אין קאַבינעט....

הגם, דאָנאַ אַניטאַ און סעניאָר פעדראַ האָבן פון פריער שוין געוווּסט, אַז מען האָט פאַרגאַזט און פאַרברענט לעבעדיקע יידן — דאָס איז אפשר געווען די הויפּט סיבה, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי שאַרף דערפילט דעם ווייטיק און די בושה פון זייערע קינדערס וועלן זיך אויסמישן מיט גויים — אָבער,

פאַר זיי האָט עס נאָך געקלונגען, ווי דער אָפּהילך פון „צדקה תציל ממות" אויף פרעמדע לוויות... ארייננגעוואָרפן א פּאָר טויזנטער אין די „הילפס־פושקעס" און — זיך געטראַכט — אויסגעלייזט פון גהינום... אָבער פּלוצים, „די אַלטע מאַמע־מאַמע, אייגענע שוועסטער, ברודער, אייגן בלוט און פליישׂ, ס'אַן אייגענע לויה"...

און ס'איז געווען, ווי אין א שוואַכן געוועב, ווען עס לאָזט זיך נאָר אַראָפּ בלויז איין אויגל, אזוי נעמט זיך שוין די גאַנצע ארבעט דרילעווען און טעפּין...

* *
*

ארוים פון קאַבינעט איז סעניאָר פּעדראָ, ערשט אין אָוונט, א בלייכער מיט טונקעלע שאָטנס אונטער די געקנייטשטע אויגן און מיט א קלאָגן זיך: „אַז עס זשומעט אים, ווי פליגן אין קאָפּ... עס רוישט, ווי דער ים, עס טומלט, ווי אין א זודיקן קעסל"...

און פּונקט ווי אין אָנהויב, ווען אלע זיינע טראַכטונגען האָבן געצויגן צו רייכקייט, צו כבוד, צו רום, אזוי האָט זיך איצטער דער סך־הכל אויסגעלייגט צוריק אויף די אָפּגעגאַנגענע וועגן...

און קוקנדיק צוריק אויפן אויסגעשפּרייטן „עשירות", האָט סעניאָר פּעדראָ איצט א ביטערן לאַך געטאָן: — „געדרייט א רעדל און אויסגעדרייט א זשומעניש אין קאָפּ... ארייננגעצויגן אויך אַניטאַן אינעם „דריידל", האָט זי, נאָך מיט א גרעסערער פוריע, זיך גענומען מיטדרייען... האָב איך געוואָלט איבערגעבן צו אייגענע קינדער, דאָס אָנגעדרייטע „מילעכל", דרייען זיי זיך אוועק צו די גויים... לאַכן זיך אוים פון טאַטנס רייד. געטראַכט — אפשר? פון „דאָרטן", מ'וועט אַהערברענגען, אייגן בלוט און פלייש, מ'וועט מיט זיי היילן דעם היגן עלנט... ראַטעווען דאָס נפש... האָט מען זיי גאָר פאַרברענט לעבעדיקערהייט, פאַרברענט, ווי א פּשוט שטיקל האָלץ... איז וואָס־זשע טאָקע די גדולה אויף מיר מיט די פייפנדיקע פאַבריקן? און וואָס פאַר א וועלט איז בכלל איצט ארויסגעקומען, אַז מען

ברענט גאָר מענטשן לעבעדיקערהייט״? ווו איז טאַקע פאַראַן דער זין אינעם גאַנצן יאָגעניש פון אַזאַ נאַריש לעבן?״...

* *

*

איז אָט, שטייט ער זיך איצטער, סעניאָר פּעדראָ, ביים אָפענעם פענס-טער, מיט א צעבראָסטעטער ברוסט, עס איז שוין פיר אַזייגער פאַרטאָג און דער שלאָף וויל נאָך אַלץ ניט קומען, ער האַלט אין איין זוכן עפּעס א זין אין דעם גאַנצן גרויליקן קנויל... ער דערמאָנט זיך — אָט האָט זיין פּשר-טער טאַטע געוווינט אין א קליינער ליימיקער כאַטע. אַלע פרימאָרגן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין די לאָדנס אריין, גערופן יידן „אל עבודת הבורא״... און שפּעטער האָט ער געגעסן דאָס טרוקענע שטיקל ראַזאָווע ברויט מיט א וואָרעם געפיל, אז עפּעס, גאָר וויכטיקס האָט ער שוין אויפגעטאָן... און, אז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען וויסן, אז דער שול-קלאַפּער האָט ניט דערלאָזן צו פאַרשלאָפן יידן, צו „עבודה״, צו יידישקייט... בעת ער, פּנחס, דער גרויסער פאַבריקאַנט, האָט דאָך אויך אַמאָל געהאַט אַן „עפּעס״, אַן עבודה? אויך גערופן מענטשן צו א העכערן ציל, צו א בעסערער וועלט און — אליין זי פאַרפּאַטשקעט״... סעניאָר פּעדראָ דרייט אום זיין צעפּאַטלטן קאָפּ צום בלישטשענדיקן סאַלאָן, קוקט: — „יעדער שפּיגל, א הימל די גרוים, אינעוויייניק בלישטשעט, זילבער, גאָלד, קריסטאַל... שטעלט ער זיך אָבער אליין אַוועק ביי דעם דאָזיקן שפּיגל און קוקט זיך גוט איין אין דעם „מענטש״, וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן, ווילט זיך אים די גרויסע שפּיגלען מיט שוואַרצע טיכער פאַרהענגען... ער דערמאָנט זיך, אַמאָל, האָט ער פאַרמאָגט א קליין טאַשן-שפּיגעלע, האָט עס געפּענקעט אויף פיר שטיק-לעך... אָבער, אז ר׳האָט דאָרטן אריינגעקוקט, זיך אָנגעשפּיגלט, איז אַלץ אין אים געווען גאַנץ... און איצטער, זיינען בלויז די שפּיגלען גאַנץ, אָבער ס׳פּנים? אָנגעדראָלן, ווי א ניט-גערעדלטע מצה; די אויגן, צעגאָסענער גאַל און זיין נאַקעטער קאָפּ, ווי א לבנה צווישן שטיקער כמאַרעס... ערשט זיין אינעווייניק? די נשמה? — נאָך צעבראָכענער, ווי יענע קליינע שפּיגעלע...

* *

*

א יאושדיקער שלייכט זיך סעניאָר פּעדראָ לסוף אריין צו אַניטאַן אין צימער. אויך זי ליגט איצטער מיט אָפענע אויגן, א פאַרטראַכטע אין זיך,

אין איר פאַרגאַנגענהייט, אין דעם אָפּגעפּאָרענעם וועג, וואָס פאַרמאַגט ניט מער קיין צוריק-וועג... דאָס בלייבע פרימאַרגן-ליכט מאַכט בולטער אירע טיפע קנייטשן, וואָס לאָזן זיך מער ניט אויסגלעטן מיט קיין שום קאָס-מעטיק...

— „מיין מאַמע” — נעמט זי באַלד רעדן, גלייך זי וואָלט פאַרגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס — „מיין מאַמע האָט געהאַט צו דרשה-גע-שאַנק אַ מעשענעם „מערזשער” מיט אַ קופּערנעם בעקן. אויסגעפּוצטע אויף פּרייטיק-צונאַכטס זיינען זיי געהאַנגען אויף דער וואַנט, ווו די ליכט, דער וויין, די חלות האָבן זיך געשפּיגלט מיט זייער שבתדיקן גלאַנץ, צוגעגעבן דער אָרעמער שטוב אַ יום-טובדיקע מנוחה... בעת דאָ ביי אונדז... אַלץ בלישטשעט: די מאַרמאָרענע ווענט, די קריסטאַלענע שויבן, דאָס גאָלד און זילבער, אָבער, אַזאַ טויטער גלאַנץ, אַזוי פּוסט, אָן אַ נשמה, אָנעם ביסל רו פון אַ היימישן שבת”...

אַ מידער זעצט זיך סעניאָר פּעדראָ אויפן ראַנד פון אַניטאַס בעט, לענט-אָן זיין נאַקעטן קאָפּ אויף איר אָפּגעדעקטן אָרעם און בעט זיך ביי איר:

— „רעד אַניטאַ, זידל מיך, שעלט מיך... אָבער, גיב מיר צוריק אַ קליין ביסעלע פון דער אַמאָליקער רו, אַ טראָפּעלע מנוחה, אַזוי שטיל, אָן רעש, אָן טומל, אָן דער שרעק אַז מ'קען ברענען לעבעדיקע מענטשן, ווי אַ פּשוט שטיקל האָלץ... און אָן דער מורא, אַז די אייגענע קינדער וועלן זיך שעמען מיט אונדז”...

אַניטאַס מאַטע אויגן האָבן פּלוצים יוגנטלעך אויפגעלויכטן, אין איר האָט זיך אַ וועק געטאָן די אַמאָליקע אינטעליגענטע חנטשע:

— „ס'איז ניט שווער שלום” — האָט זי אים אַ שטילן זאָג געטאָן און נאָך לאַנגע יאָרן אים ווידער אַ רוף געטאָן ביים היימישן נאָמען:

— „צי געדענקסטו שלום, אונדזערע אַמאָליקע שמועסן, אינעם קליי-נעם וועלדל, ביים גרויסן טייך? געדענקסטו? — אַלצדינג אין לעבן, האָבן מיר געזאָגט, פאַרגייט, נאָר הילף צו נויטבאַדערפטיקע, מעשים-טובים, לעבן אייביק... געדענקסטו דאָס, שלום פּנחס?”....

שלום פנחס האָט רואיק געשוויגן, אריינגעפּלאָכטן אַניטאַס קליינע הענטל אין זיין גרויסער מענער־האַנט און די האַלב־באַרואיקטע בליקן האָבן זיך ווי געבעטן: — רעד, רעד נאָך, נאָך א ביסל, לייג א פלאַסטער אויפן צעווונדיקטן האַרץ... און אַניטאַ האָט ווידער גערעדט:

— „דעמאָלט איז עס אָבער געווען בלויז רייד, רייד פון מענטשן וואָס האָבן נאָך געהאַט פאַרנעפּלטע אויגן, יוגנט־פאַנטאַזיעס, איינרעדענישן... אָבער היינט, שלום פנחס, היינט האָבן מיר דאָך אַלע מעגלעכקייטן צו פאַר־ווירקלעכן אונדזערע חלומות, מקים צו זיין אונדזערע דעמאָלטדיקע רייד...

שלום פנחס האָט זיך פּלוצים א הויב געטאָן, מיט א ציטער, גלייך ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון א לאַנגן שווערן טשאַד... אַנגעקוקט אַניטאַן מיט קלאָרע אויפגעהייטערטע אויגן, גלייך ער וואָלט זי נאָך א סך יאָרן, פּלוצים ווידער דערזען....

— „חנטשע! האָט ער שטיל אַרויסגערעדט — חנטשע לעבן — און געפילט, אז די אויגן ווערן אים נאַס...

חנטשע האָט נאָך צוגעגעבן:

— „מיר האָבן נאָך א סאַך צו פאַריכטן, איבערצואַנדערשן, בעסער מאַכן. ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט... בפרט היינט, ווען ס׳איז דאָ א באַ־נייט ידיש־פאָלק... אָן אייגן לאַנד... און, אַז מיר וועלן אָנהויבן לעבן אַנ־דערש, וועלן אונדזערע קינדער אויכעט אַנדערש ווערן... וועסט זען״....

* *

*

א נייער אויפגייענדיקער טאָג האָט גענומען מינען אויף זייערע שויבן...

# טראפּיש
# בלוט

# שווארץ און ווייס

די 16-יאָריקע מאַרגאָ האָט זיך קוים דערשלאָגן צו דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע לאַדייראַס אויף דער שטעלע. אָבער גלייך האָט זי דערפילט, אַז זייער צעפּעשטשעטער בן־יחיד סילווינאָ האָט געוואָרפן אויף איר א שטאַרקן אומחן.

סערווירנדיק דאָס עסן ביים לאַנגן טיש, פלעגט זי באַמערקן — אַנטקעגנאיבער, אינם געשליפענעם שפּיגל — זיין חוזקדיק־ארויסגעשטעקטע צונג. בעתן אויפראַמען, פלעגט ער להכעיסדיק זיך פּלאָנטערן צווישן די שווערע מעבלען, פארצויגן זיין דין אָדלער־נעזל מיט א נגידישן זיפץ:

— הם — ס'א מאָדנער ריח דאָ... עפן שנעל די פענצטער!... נאָענט צו מאַרגאָס פּיס פלעגט ער ליב האָבן אונטערצולייגן זיין פּאָטערס גראָבן שטעקן, אָדער צו פארשפּיליען איר דין קליידל צו א ברייטן פּאָטעל, און ווען די שטילע שעמעוודיקע מאַרגאָ האָט זיך א קאַטשע געטאָן אויף דער ערד, אַנטבלויזנדיק איר שוואַרצע לייב, האָט סילווינאָ זיך צעכיכעט אויף באַסאָווע טענער, חוזקנדיק פון איר אומבאַהאָלפנקייט:

— קליין מאַלפּעלע דו, ביסט א גרויסע שיינקייט...

מאַרגאָס גרויסע טיפע אויגן, ווי צוויי שוואַרצע קאַרשן אויף קלייניטשקע טעלערלעך, פלעגן שעמעוודיקע זיך פייכטלען מיט א פיבערדיקן גלאַנץ. איר פּלאַטשיק קעפּל, וואָס האָט אויסגעזען ווי מיט א געדיכטער שעפּסן־פעל איבערצויגן ,איז תמיד געווען קנעכטיש געזונקען... צווישן אירע בלוילעכע־גראָבע ליפּן, האָבן צוויי שורות ווייסע ציין ארויסגעבליאַסקעט, ווי פּאָרצעליי געפּאַסט אין בראָנדז און אינמיטן איז איר קאַרמין־רויטע צינגל ארומגעשפּרונגען, ווי די קוקאווקעלע פון אַן אַלט־פרענקישן זייגער.

אז מאַרגאָ האָט אַמאָל געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, פּראָטעסטירן, פלעגט איר רויט צינגל בלויז זיך קאָלערן אין מויל, ארויסגעבן אומקלאָרע

ווערבער, גלייך אָן אינעווייניקסטער חסרון וואָלט עס געהאַלטן אין קלעם... פּאָר כּעס פּלעגט זי זיך בייסן אירע פינגער־נעגל, זיך אויסקנייפּן שטיקער פליש פון שוואַרצן לייב, אָבער געבליבן איז זי תמיד מיט אַ פאַרשטיקטן ווילן... ס'האָט איר קיינמאָל קיין מוט ניט געסטאַיעט אַנטקעגנצוריידן...

אין די ליכטיקע פרימאַרגנס, ווען סילווינאַ, אַ האַלב־נאַקעטער, האָט געבווינגן און געבראָכן זיך ביים ספּאָרט, פלעגט מאַרגאַ זיך פאַרשטעקן צווישן די גרויסע מעבל־שרענק און פון דאָרט, דורך אַ קליין שפּאַרונקעלע, אַפּערקוקן אויף זיין ווייסן גוף... אירע גרויסע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך תאווה'דיק אָנגעגאָסן מיט אַ גלאַנציקער פייכטקייט; זי האָט געקוקט אַ צעפלאַמטע אויף זיינע קלאָרע הענט און אַ פיבער האָט צעוויגט איר בלוט:

— אזוי ווייס! — האָט זי שטיל געמורמלט: אזוי ווייס...

* *

*

אין די אָוונטן האָט מאַרגאַ פּלוצים גענומען ארומבינדן איר שעפּסן־קעפּל מיט אַ רויטער סטענגע, איינגעצן אירע געדיכטע לעקעלעך אויפן שטערן, און זיי אויסלייגן ווי האַלבע לבנות אויף אַ פאַרכמאַרעט שטיקל הימל...

איר קרעטאַנען קליידל האָט זי אויסגעפּאַסט אזוי, אַז די קלייניע בריסטלעך האָבן געקוקט צום הימל. זי האָט איינגעצויגן איר אונטערשטן געשטעל, וואָס איז געווען — ווי ס'רוב ביי די נעגערטעס — דיק, און איז צוליב דער אויסגעפּאַסטקייט ארויס, ווי פון אַ שוסטער־בענקל — שטאַרק פאַרשפּיצט...

איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָט מאַרגאַ געצרוט אויף אַ קליינעם קיך־שטול אַן אויסגעפּוצטע, אַ פאַרפּומירטע און — ווי אַ קו וואָס מעלה־גרהט צום צווייטן מאָל דאָס גראָז, אזוי האָט זי געשמעקט צום „באַריך” וואָס סילווינאַ האָט איר צופּעליק ביים טאָג געגעבן, „געניוכעט” דעם זנות־ריח וואָס איז איר פאַרבליבן פון זיין ווייסער האַנט און האָט געגליט און געשווידערט.

די הויכע פּאַלמען ארום קליינעם פּאַלאַצל ווו זי האָט געאַרבעט, זיינען געשטאַנען שטילע, רואיקע און געמאַכט דעם איינדרוק ווי גופים

פאַרמאַטערטע פון דער טראָפּישער וואַרימקייט. פון ווייטן האָט געראַוישט דער ים. צעברויזטע כוואַליעס האָבן זיך געשפּילט אין „כאַפּעלעך"... קלענערע זיינען געפאַלן אין די אָרעמס פון די גרויסע בייכיקע וואַסער-זיילן, זיך געדריקט, געראַוישט און צוריק פאַרשוווּנדן אונטערן ים — ווי אין א געיעגט — ווער ווייסט ווען ס׳וועט בייקומען...

מאַרגאַם פאַרחלומטע מחשבות האָבן, ווי תמיד, אויך דאָסמאָל אוועקגעשפּאַנט צו דער אויסטערלישקייט פון דער ווייסער ראַסע...

זי האָט ארויסגענומען איר קליין טאַשן-שפּיגעלע, לאַנג און שטום געקוקט אויף איר שוואַרצער הויט, וואָס האָט אין דער טונקלקייט אָפּגעשלאָגן ווי פריש געשמירטער אַספאַלט. אירע גליענדיקע אויגן, ווי קליינע שטורקאַצן אין א שוואַרצער נאַכט, האָבן מיט זייער רויטלעכן גלאַנץ העלער געמאַכט די טונקעלע קיך.

פּלוצים האָט מאַרגאַ באַמערקט ווי אויף א שורה גלאַנציקע אלומיניום-טעפּ שאָטנט זיך סילווינאַס טענצלדיקע געשטאַלט. אָן איבעראַשטע האָט זי אויפגעהויבן אירע צעשראָקענע אויגן און אים דערזען א חוצפּהדיקצעשמייכלטן שטיין אין דער שמאָלער קיך-טיר. גלייך איז אויך געקומען זיין גראָב געלעכטערל:

— באַניטאַנאַ (שיינהייט)! קוקסט היינט אוים ווי א קאָמיש פיגורל אויף די געמאָלעוועטע רעקלאַמעס — כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, כאַאַאַ.

האָבן זיך זיינע באַסאַווע טענער געקאָלערט, ווי דער עכאָ-קלאַנג פון א קלויסטער-גלאָק. אין מאַרגאַס גרויסע אויגן, ווי ביי רייפע קעלבער, האָבן צעצונדענע פלעמעלעך, צום ערשטן מאָל אָן דרך ארץ, סילווינאָן א פאַרשאַרטן ברי געטאָן... געקוקט אויף אים דרייסט, אדורכגעשטאָכן זיין העזהדיקן קוק, ווי א גלייכער אויף זיינם גלייכן... עפּעס א פאַרבאָרגענער כוח האָט איר, אין אונטערבאַוואוסטזיין, צוגעגעבן קוראזש:

— כאַ-כאַ, כאַ-כאַ, כאַ!

האָט אויך זי חוצפּהדיק א לאַך געטאָן. פאַר כעס און באַליידיקונג האָט איר סילווינאַ גראָב א כאַפּ געטאָן פאַר אירע דיקע הענט און געוואָלט איר א שטויס טאָן צו דער טיר, נאָר פּלוצים גאָר דערפילט א ספּעציפישע היץ, גלייך אַן עלעקטריש קנעפּל וואָלט אָנגעצונדן זיין טראָפּיש בלוט:

—האָסט דאָך וואַרעמקייט, מאַרגאַ!

האָט איר סילווינאַ, שטאָט בייזערן זיך, געצויגן נענטער צו זיך:

— ביסט אַ קליין ווערעם מאַלפּעלע...

האָט ער זי שוין געהאַלטן פעסט אין זיינע אָרעמס... בעת אַ פאַר־געפאַלט גערדאַנקעלע האָט נאָך באַוויזן לייכט אַ חוזק צו טאָן פון אים: ביסט אַ „סעם ווערגאַניע", מנובל דו;

„זי איז שוואַרץ און מיאוס", האָט אויך זיין אריסטאָקראַטישער שטאָלץ אונטערגעהאָלפן...

אָבער אַ הייסער באַגער האָט דערוויל דערשטיקט יעדע לאָגיק, גע־צונדן זיינע יונגע בלוטן, געצונדן ביז פאַרגעסונג...

און מאַרגאָס שוואַרצע הויט האָט געגליט מיט אַ פיבערנדיקן ציטער, מיט אַ פאַרשטיקטן באַגער האָט איר קליין ווערעם גופל זיך איינגעגעגלט אין סילווינאָס אַטלעטישער ברוסט, מיט אַ ווילד צערטלען, וואָס איז ארויס, ווי אַ פאַרבענקט רעוווען פון אַן עלנט געשלאָגענעם הונט...

* *
*

אין אַ צייט ארום האָט די יהוסדיקע סעניאָראַ לאַדייראַ אָפּגעמאָסטן מביניש דעם צעוואָקסענעם געשטעל פון איר שעמעוודיקער דינסט־מויד, געפּאָרשט איר זייטיק, פון אונטן ארויף, פון אויבן אראָפּ און לסוף געהייסן איר מאַכן גיך דאָס פעקל און היידאַ — — —

אָבער מיט אַ פאַרשפּיצטן בויך, האָט מען מאַרגאָן אויף אַנדערע שטע־לעס אויך געוויזן די טיר. נו, האָט זי געלעבט פון עסן פאַרלעגענע באַנאַ־נעס, וואָס מ׳קריגט אויף די מאַרק־טישן אינגאַנצן בחינם, געבעטלט כלו־מרשט אויף טראַמוויי־געלט, גענעכטיקט אין היילן פון הויכע בערג און דערוויל געוועזן פאַרזאָרגט מיט פרנסה... עס איז איר גאָר וויל געוועזן, דער קליינער מאַרגאָן, ווייל אינעווייניק אין איר איז אַ ווייס לעבן פאַרפלאַנצט געוואָרן, געקיצלט זיס איר שוואַרץ לייב, גערייט און געוואַקסן.

אין שטילע מינוטן האָט איר געשיינט, אַז זי פאַרנעמט אַ צאַרט פּיש־טשען פון אַ לעבעדיק וועזן, האָט זי געגלעט דעליקאַט דעם שפּיץ פון איר שוואַרצן בויך און געמורמלט דערביי: „אַ ווייס, אַ העלס, אַ ליכטיקס..."

שפּעטער איז שוין מאַרגאַ ווידער אַרומגעגאַנגען אַ הכנעה'דיקע, און אָפּגעחוזקטע, מיטן העלן נפשל צוגעדריקט צום שוואַרצן לייב, אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן און געבעטן:

— לאָזט מיך אַריין, נעמט מיך צו, כ'וועל אַרבעטן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע אייערע, פאַר בלויז אַ שטיקל דיל, אַ פלעשל מילך, אַ פּיצל ברהיט — נאָר לאָזט מיך אַריין מיטן קינד...

און אַז מאַרגאַ האָט באַקומען דאָס שטיקל דיל מיטן פלעשל מילך איז צו איר פרייד קיין גליכן ניט געווען.

מיט אַ שטיל גליק אויף אירע מידע הענט האָט זי, אין די פרייע שעה'ן, אַרומגעשפּאַצירט איבער די שענסטע בולוואַרן פון „קאַפּאַקאַבאַ-נאַ". איר שעפּסן-קעפּל שטאָלץ פּאַרריסן, אירע פייכטע בליקן האָבן זיך געיחוסט:

— זעט, קוקט אַלע, אַלע, ס'אַ ווייס קינד, אַ ליכטיקס — אַ גלייכער שותף...

אין די טיפע שטילע נעכט, ווען אַ טונקל מאַטער זילבערשיין האָט דורכן קליינעם קיך-פענסטערל געפאַרבט די אָפּגעקראַכענע ווענט, ווי מיט בלוילעך-פרישן קאַלך, האָט מאַרגאַ פאַרמאַכט אַלע טירן, אויסגעבעט דעם שטיינערנעם דיל מיט אַ סך אַלטע צייטונגען, געלייגט דאָס וואַרעם-אָטעמ-דיקע גליק ביי איר רעכטער זייט. די צאַרטע הויט פון קינד, ווי העלער שאָקאָלאַד, האָט, לעבן דער מוטערס שוואַרצע ברוסטן, אויסגעקוקט נאָך אַ סך ווייסער... אַ רונד שאַטענען-קעפּל, מיט פולע ראָזע בעקלעך, בלויז די טיפע טונקעלע אויגן דערמאָנען אין דער קרובהשאַפט פון אַ שוואַרצער מאַמען...

אַ דיל צום שלאָפן האָבן זיי שוין, אַ שטיקל ברויט מיט אַ פלעשל מילך — אויך, און לעבן מאַרגאַס שוואַרצע ברוסטן אָטעמט אַ ווייסע פרייד, אַן אייביקער יום-טוב...

# היינט

א גרויסער, קודלאַטער און טרויעריק-פאַרבענקטער, ליגט זיך סעגרע-דאַ אויסגעצויגן מיט זיין ברייטן לייבן-קאָפּ ביים נידעריקן טירל פון אַרע-ניען זשאָזעס קליינעם גערטנדל. ער היט כלומרשט זיין באַלעבאָס קליין פאַרמעגן.

סעגרעדאָס גלאַנציק-גרינע אויגן זיינען תאווהדיק אָנגעשטעלט צום אַקעגנאיבערדיקן מיט דראָט פאַרצוימטן פלויט. זיינע גרויסע אַראָפּ-הענגנדיקע אויערן זיינען איצט וואַך, גרייט אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך.

אין שמאָלן גערטנדל איז שטיל. א לייכט ווינטל שאָרכט צווישן די הויכע גראָזן. אויף די ברייט צעצווייגטע ביימער פערלט שוין פרישער טוי.

דאָס בראַזיליאַנער דאַטשע-שטעטל טערעזאָפּאָלים איז איינגעטוליעט אין נאַכטיקן שלאָף, די גיגאַנטישע וואונדער-בערג קוקן אויך אוים ווי פאַר-חלומטע, ווי איינגעדרעמלטע אין זייער שטילער טויזנט-יאָריקייט.

עס שלאָפט דער מידער זשאָזע, וואָס האָט סעגרעדאָן, צוזאַמען מיט זיין קליינער שטוב, א ירושה פון זיין אלטן טאַטן באַקומען.

מיט א צייט צוריק, ווען סעגרעדאָ איז נאָך ניט געווען בעוולט אין זיינע אינטימע ליבע-תענוגים, פלעגט ער, מיט זיין גלאַנציק-שוואַרצער פעל און לוסטיק-פייכטע אויגן — קיניגן איבער אַלע, שכנישע צויגעלעך... מיט אויגן האַלב-געשלאָסענע פלעגט ער זיך צוקוקן דורך א שמאָל שפּעל-טעלע צו דער מחנה פאַרליבטע הינטעלעך, וואָס פלעגן ארומטענצלען ארום פלויט, געשמעקט און געלעקט דאָס פאַרשפּאַרטע טירל, ביז דער ווילער „התן-בחור” האָט זיך א שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער מאַיעס-טעטישער גרייס, מיט זיין פייכטער מאָרדע א רוק געטאָן דאָס לייכטע טירל און איז גרייט געווען צום „קבלת-פנים”...

אַרום צעפּלאָשעטן סעגרעדאָ, האָט זיך פאַרמירט א בוקעט פון אַלע סאָרטן און קאָלירן הינטישע לייבער. זייער בילעריי האָט אויפגעריסן די נאַכטיקע שטילקייט... דורך אויפגעפּראַלטע פענסטער האָבן די שכנים גע־נומען האָגלען מיט שטיינער... קללות און געשרייען, האָבן זיך אריינגע־פלאָכטן אין דער הינטישער סימפאָניע... און סעניאָר זשאָזע איז, צוגלייך מיט אלע שכנים, ארויסגעקומען אין די אונטערוועש און מיט גוטע לאַס־קעס, באַלד געפּרוווט איינצושטילן די בהלה, — זיך פאַרענטפערט:

— אזוי און אזוי — ער קען דאָך אים ניט האַלטן אין שלאָפצימער... ווייטער, איז דאָך זיין סעגרעדאָ ניט סתם א הונט, אַן אומזיסטער פרע־סער. ער העלפט דאָך אים שוין פון לאַנג טראָגן דעם שווערן יאָך פון פרנסה.

* *

*

אין די פרימאָרגנס ווערט סעגרעדאָ איינגעשפּאַנט אין א קליין וועַ־געלע, אָנגעפּילט מיט שווערע שטיינער און ער שלעפּט זיי פון אויפגע־בערגלטן שאָסיי, ווו זשאָזע מיט א סך אנדערע פון זעלביקן שטעטל באַ־קעמפן, צווישן ווילדע בערג און טאָלן, א שטיק גרויען קדמון. זיי שניידן דורך א נייעם וועג וואָס וועט פאַרבינדן דאָס דאַטשע־שטעטל טערעזאָפּאָ־לים מיטן שכנישן קוראָרט, פּעטראָפּאָלים.

קיין גרויסע וועגענער מיט פערד און מאַשינען קענען נאָך אהין ניט צוקומען. אַרבעט מען דערוויל מיט קליינע האַנט־וועגעלעך, ביז דער וועג וועט ברייטער ווערן. און סעגרעדאָ האָט א גאָר גרויסן חלק אין דער דאָזיקער לאַנגזאַמער און שווערער אַרבעט, — ווייל ניט בלויז די שטיי־נער פון זיין באַלעבאָס העלפט ער אַוועקשלעפּן, נאָר אויך דאָס עסן פאַר אים און א סך אַנדערע ווערט אין א גרויסן קויש אריינגעלייגט און סעגרע־דאָ ברענגט עס צעטראָגן אין זיין ברייטן פּיסק. מיט א האָפערדיק געוועגל טענצלט ער אונטער צו יעדן באַזונדער, ווייסט געניי צו וועמען יעדער פעקל באַלאַנגט. און אז מ׳דאַרף שפּעטער האָבן א טרונק אָדער צו רוי־כערן, לויפט אויך סעגרעדאָ מיטן געלט אינם קוישל גלייך צום „בוטיקין״ און ברענגט אלץ וואָס מ׳האָט אויפגעשריבן אויפן צעטעלע, וואָס מ׳האָט אינעם קוישל אַריינגעלייגט.

נאָר אין די הייסע טראָפּישע נעכט האָט ער זיך געהאָט זיינע שפּילע־רייקעס... אָבער זשאָזע האָט געוווּסט, אַז די שכנים וועלן זיך גיך איינ־שטילן, צוריק איינשלאָפן, און זיין סעגרעדאָ וועט ווידער ווערן דער ליב־לינג פון אַלע פרײַנט. מע האָט זיך ווידער געטראָפן ביים שניידן דעם וועג. ער האָט ווידער געשלעפּט די שווערע שטיינער און ווידער באַדינט דעם גאַנצן עולם...

ביז — ס'האָט זיך געיאָוועט די קליינע פּיפּי — אַ ווייס צויגעלע מיט קאָקעטישע הויכע פיסלעך. אַ רויט סטענגעלע ארום שמאָלן העלדזל, האָט זי זיך יחוסדיק געגוידערט ווי אַ רייכער גאַסט אין אַן אָרימער געגנט...

*    *

*

ביים שאַסיי האָבן די ארבעטער לאַנג שוין געשמועסט וועגן דעם אויסגעפּוצטן „סעניאָר", וואָס האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק ערד לעבן זייער פעלד און שטעלט דאָרט אַ פּרעכטיקן „פּאַלאַץ", וואָס וועט באַשיינען און באַלייכטן דעם גאַנצן אָרעמען קוואַרטאַל...

נאָר וואָס העכער דער פּאַלאַץ איז געוואַקסן, אַלץ קלענער האָבן גע־נומען אויסקוקן זייערע נידעריקע הייזקעס... וואָס צעבליטער ס'איז גע־וואָרן דער שכנישער גאָרטן, אַלץ איינגעשרומפּטער — זייערע פּאָר שמאָ־לע גערטנדלעך. און אין אַ שיינעם טאָג האָט אַ געהויקערטער מאַן זיך ברייט באַזעצט אינם אויסגעפּאַרטיקטן פּאַלאַץ, זיך געהוידעט אין אַ ברייטן פאָטעל, און דאָס קליינע ווייסע צויגעלע ביי זיינע פיס האָט גע־לעקט די שפּיצן פון זיינע לאַקירטע נאָזקעס.

סעגרעדאָ איז געווען דער ערשטער צו דערשמעקן די נייע שכנים... מיט אַ לוסטיקן שפּרונג איז ער באַלד אריבער צו באַגריסן דאָס ווייסע „חיהלע". און זי, דערפילנדיק סעגרעדאָס וואַרעמען אָטעם, האָט אַ קאָ־קעטישן שפּרונג געטאָן צום פּאַרצוימטן פּלויט, ארויסגעשטעקט איר ווייס פיסקל — סעגרעדאָ האָט איר געגעבן דעם ערשטן קוש... און — דער שידוך איז פאַרטיק....

דער געהויקערטער מאַן מיט שמאָלע, זייער דינע ליפּן, און מיט אַ גאָלדענער פּענסנע אויף דער פאַרשפּיצטער נאָז, איז מיט שלייכנדיקע טריטעלעך באַלד געלאָפן זען, מיט וועמען עס חברט זיך דאָרטן זיין קליי־

נע פּיפּי... און כאַפּנדיק אַ גיכן בליק אויף סעגרעדאָס פּאַרנאַכלעסיקטער פּעל, אויף זיינע פאַרבלוטיקטע פיס, האָט ער אַ קרומען דריי געטאָן מיט זיין פאַרשפּיצטער נאָז:

— פע — אוועק פון דאָרטן, „קאַקאָט”!

ניט מסכים געווען אויפן שידוך...

אָבער פּיפּי האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן: צוויי טענצלעך פאָרויס, איין טענצל צוריק און לסוף געבליבן פאַרעקשנט ביים טירל... האָט איר דער באַלעבאָס אַ כאַפּ געטאָן אויף זיינע געטרייע הענט:

— קוציקל־מוציקל, דער שמוציקער הונט איז ניט דיינס גלייכן...

זי צערטלעך אוועקגעטראָגן צו איר קליין שטיבעלע און דאָרטן פאַר־שלאָסן...

האָט סעגרעדאָ אין אָנהייב ניט ארויסגעוויזן קיין שום פּראָטעסט: ניט היינט, איז מאָרגן... ס'פעלן אים דערווייל ניט קיין כלות...

נאָר אַז די קעגנערשאַפט האָט זיך כסדר גענומען איבערחזרן און נאָך יעדן פלירט מיט דער ווייסער יפיפיה האָט מען זי באַלד פאַרשלאָסן... דע־מאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף, וועלכער איז געקומען מיט פאַר־בענקטע טעג און ווייִנענדיקע נעכט.

זיינע גלאַנציקע אויגן זיינען מאַטער געוואָרן, דאָס לוסטיקע געגגל — געהאַמעוועט. ס'רוב איז ער געבליבן ליגן פאַרעקשנט, ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. שעהנווייז געהאַווקעט אָן אַ שום סיבה. ביים שאַסיי איז ער ניט געווען מער אזוי פאָלגעוודיק. געוואָרן קאַפּריזנע. די קלענסטע עוולה ניט פאַרשוויגן מער... ניט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם, אַפילו זשאַ־זען ניט געלעקט מער די הענט... און בעת זיינע פאַרליבטע צויגעלעך האָבן אין די נעכט אים געמאַכט סצענעס קעגן פאַרראַט, איז ער זיך אַלץ געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, אויסגעצויגן אויף זיינע לאַפּעס, שטיל גע־פּינטלט מיט זיינע גרינע אויגן, אריינגעוואָיעט אין זיך די נישט־געשטיל־טע בענקשאַפט און געשפּילט אַ ברוגז מיט דער גאַנצער וועלט... גע־וואַרט, טאָמער וועט זיך דערהערן, פון דער צווייטער זייט, דאָס דינע שטימעלע פון זיין פאַרשלאָסענער „בת־מלכה”, וואָס האָט אויך געבענקט פון איר באַהעלטעניש ארויס, געביסן און געריסן די אייזערנע גראַטעס.

דעמאָלט פלעגט ער זיך אויף א ווײַלע טיף אײַנהערן אין דעם ווײי־נענדיקן קול און פלוצים, מיט א שלוכצנדיקן ירגזון, באַפאַלן דעם הויכן פלויט, גערײַסן פון אים שטיקער, געוואָלט מיט אלע כוחות זיך ארײַנ־קריגן צו דער פאַרשפאַרטער געליבטער...

ניט איין מאָל האָבן די שכנים געפּרוווט צו אינטערוועניִרן בײַם רײַכן שכן... געשטאַנען הכנעהדיק מיט די הוטלען אין די הענט און געבעטן רחמנות האבן אויף צוויי שטומע ציִנגער...

אָבער דער געהויקערטער זקן האָט בלויז אויפגעמאַכט א קליין לופּ־טשיקל, ארויסגעשטעקט א העלפט פון זײַן בייזן פּנים און ארויסגעוואָר־פן:

— „א הונט וואָס שלעפט שטיינער צום ברוק און האָט א פאַרבלאַ־טיקטע פעל, — אַזאַ הונט וועט ער ניט לאָזן זיך באַהעפטן מיט זײַן גוט געבאַליעטער פּיפּי, וואָס האָט אַן אייגענע וואַנע און איז פון א יחוסדיקער ראַסע... ניין! און ניין!

איז אָנגעגאַנגען א שטילע קעגנזײַטיקע מלחמה...

יעדעס מאָל וואָס די שכנים האָבן געפּאַקט די קליינע צוויג אַן אויפ־געבונדענע, האָבן זיי גיך געבראַכט סעגרעדאַן:

— לויף אהין און נעם דיר דאָס דײַניקע...

אָבער ביז סעגרעדאַ איז צוגעלאָפן צום פלויט, איז שוין פּיפּי צוריק געלעגן א פאַרשלאָסענע...

איז אָט, ליגט ער זיך איצטער ווידער אַן אויסגעצויגענער, דער באַ־וואָלטער הונט, און שנאַפּט די לופט וואָס קומט פון יענער זײַט פאַרקאַן, ער הערט זיך אײַן צום שטילן שלוכצן פון דער פאַרשפאַרטער פּיפּי, און גלאָצט מיט זײַנע פאַרבענקטע אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל — אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זײַן...

און פלוצים ווערן זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן טאָפּלט פאַרשפּיצט. זײַן שוואַרצע פעל נעמט ציטערן, ווי אין פיבער. די פייכטע נאָזלעכער סאַפּען אַזש מיט א פאַרע. ער דערזעט ווי אויף דער צווייטער זײַט עפנט זיך שטיל, געהיימניספול, דאָס גרויסע טויער און א ווײַסער סילועט טוט א גיכן שפּרונג ארויס, ווי פון א תפיסה... זי שטעלט זיך גראַציעז אויף

אירע הויכע פיסלעך, וואַרפט מיטן ווייסן עק, ווי א שלאַנג, און וואַרט א באַגליקטע אויפן איבערראַשטן סעגרעדאַ... ער טוט אויך א ווילדן שפּרונג צו איר, און פאַרדעקט זי אינגאַנצן מיט זיין גרויסער פעל... זיי קנוידערן און וואַלגערן זיך אין העכסטן עקסטאַז און באַמערקן ניט ווי א געהויקערטער שאָטן לויערט אויף זיי פון ווייטן, לויערט ווי א גנב, מיט געביילטע פויסטן און מיט א גראָבן שטעקן אין די הענט... עס דאַכט זיך, אַז די שלאָפנדיקע פעלדער מיט די שטיל שאָרכנדיקע גערטנער וואַרטן אויך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, ווי שטומע עדות וואָס וועלן דעם סוד ניט קענען דערציילן.

און אָט האָט סעגרעדאַ גענומען זיך באַלעקן זיין פייכטע מאָרדע, מיט באַנייטער ליבשאַפט געוואָלט א שפּרונג טאָן צום קליינעם „מלאכל”, און גראָד אין דעם מאָמענט האָט דער פאַרשטעקטער שאָטן אויפגעהויבן דעם גראָבן שטעקן און מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, ווי אויסגע־רעכנט:

— טראַסק! טראַסק! טראַסק!

איבערן קאָפּ, איבערן בויך, צווישן די שלייפן און איבער די פיס — אזוי בליציק און אזוי שטורעמדיק, אז דער צעטומלטער סעגרעדאַ האָט אפילו קיין פּיפּס ניט באַוויזן צו געבן... ער איז געבליבן ליגן א שטילער, אַן אויסגעצויגענער אַנטקעגן דער פולער לבנה, מיט א האַלב אָפן אויג, אין וועלכן עס האָט זיך רואיק געשפּיגלט א זילבערנער שטערן...

און דער רייכער באַלעבאָס האָט א כאַפּ געטאָן די געזעטיקטע פּיפּי אויף זיינע וואַרעמע הענט, זי געטראָגן, ווי א צעפּיעשטשעטע קינד צום ווייסן געצעלט, און האָט שטיל געמורמלט:

— אוצרל מיינס, טייער צוויגעלע מיינס, אצינד וועלן מיר שוין ביידע קענען רואיק שלאָפן... איצטער ביסטו שוין אינגאַנצן פריי...

# אָן ווערטער

אינעם דאַטשע-שטעטל טערעזאָפּאָלים, האָט דער סעזאָן זיך גע־שטעלט כמורנע-טריב, מיט לאַנגע געדיכטע רעגנס, רױשנדיקע װינטן און בײסנדיקע קעלטן. די טראַפּישע זון האָט לאַנג באַהאַלטן איר ליכטיק-פּנים אונטער די גרויע װאָלקנס, װאָס האָבן זיך כסדר צעגאָסן אין מאָנאָטאָנע רעגנס און די רעגנס האָבן געבײטשט אין די נאַקעטע רוקנס פון טערעזאָ־פּאָליסער ריזן-בערג און פון די בערג צוריק אַראָפּגעפּלאָסן אין שמאָלע ריטשקעס, מיט א פאַרטױבנדיקן זשומען, גלײך צום באַרימטן „פּאַלאַס-האָטעל", שאַפנדיק דאָרטן בײם אַרײנגאַנג, א ברײטע טיפע בלאָטע.

* *
*

אַנטאָניאָ און איגנאַציאָ, צװײ געזונטע נעגער-יונגען, אין האַלב-צע־ריסענע הױזן, מיט נאַקעטע פּלײצעס, נאַקעטע ברוסטן, האָבן שװער גע־האָרעװעט אָפּצורײניקן כאָטש א קלײנע סטעזשקע, װאָס זאָל מעגלעך מאַכן דעם אַרײנגאַנג צום גרױסן האָטעל.

שאַרנדיק מיט ברײטע לאָפּעטעס די שװאַרצע בלאָטע, האָבן זײ כסדר געפּיפּקעט די בילינקע מאַכאָרקע, זיך איבערגעװאָרפן מיט נבול-פּה, געניו־כעט די גוטע ריחות װאָס האָבן זיך געטראָגן פונעם עס-סאַלאָן און אַלײן שוין אױסגעקוקט דעם סיגנאַל װאָס זאָל זײ רופן צום טעלער פעטע רײז מיט שװאַרצע פאַסאָליעס.

* *
*

באַװײזט זיך פלוצים פון קיך ארוים, די יונגע דינסט סעלינאַ. אויף א פּאָר דינע הױכע פיס, דיק אין געזעס, שמאָל אין דער טאַליע, דראָען אירע פולע ברוסטלעך אױפצורײסן דעם דינעם שטאָף, גלײך א פּאָר יונגע פײגל װילן זיך באַפרײען פונעם ענגן שטײגל כדי צו קענען פליען... איר טונקל ברײט פּנים, שלאָגט אָפּ מיט א גלאַנץ, װי אױסגעשמירט מיט בוימל. אירע

ווייסע נעגל טראָגן נאָך סמנים פון קאַרטאָפליעס־שאָלעכץ. סעלינאַ פאַר־גנבעט אַ גיכן בליק צו די האַלב נאַקעטע לייבער, פאַרשעמט זיך און נעמט שטעלן גיכערע טריט... און אַז זי דערנעענטערט זיך צו דער אויסגעשפּריי־טער בלאָטע, וואַרפט גראַד אַנטאָניאָ ארויס א קליין שטיינדעלע וואָס טרעפט פונקט לעבן סעלינאַס פוס... איילט זיך איגנאַציאָ אַוועקצוכאַפּן דאָס שטיינדעלע און באַרירט דערווייל אירע דינע קנעכלעך... שושקעט איר אריין פאַרשייטע רייד... און גייט איר דערווייל נאָך....

נעמט סעלינאַ שפּרייזן גיכער — איגנאַציאָ נאָך... פּרוווט זי גיין נאָך גיכער — ער אויך... קומט זי באַלד צו זיך אין שטיבל — ער אויך... פרעגט זי אַפילו ניט זיין נאָמען — ער אויך ניט... ס'ווילט זיך איר בכלל ניט רעדן — אים אויך ניט....

* *
*

צומאָרגנס האָט נאָך אַלץ גערעגנט, און ביים „פּאַלאַס־האָטעל”, איז אַלץ נאָך געווען אַ גרויסע בלאָטע. אַנטאָניאָ און איגנאַציאָ האָבן אַלץ נאָך געשאַרט די שיטערע בלאָטע... נאָר ווען סעלינאַ האָט זיך ווידער באַוויזן, פון קיך ארויס, איז דאָס מאָל איר אנטקעגן געגאַנגען אַנטאָניאָ... אַריינגעשושקעט וואַרעמע רייד, פונקט ווי איגנאַציאָ... נאָכגעלאָפן ביז איר שטיבל, פונקט ווי איגנאַציאָ, און — אַלץ ווי נעכטן... אַפילו איר שווייגן — פונקט ווי נעכטן...

* *
*

ווען סעלינאַ איז, מיט פופצן יאָר צוריק געקומען אויף דער וועלט, איז דעמאָלט אויך געווען אַזאַ רעגנדיקער פרימאָרגן. די אַלטע גרויע אויפזע־ערין פונעם שטאָטישן „קרעש” האָט דעמאָלט פויל אויפגעקייטלט די פאַר־זשאַווערטע טירן און געפינענדיק אַ שוואַרץ ברודיק נפשל, איינגעוויקלט אין צעריסענע שמאַטעס, האָט זי גלייכגילטיק זיך אַ וועגד געטאָן צום פאַרשלאָפענעם דירעקטאָר:

— „אָט האָט איר שוין נאָך איינס צום רומל”... און דער אַלטער די־רעקטאָר האָט צוגעגעבן:

— „זיי פלאָדיען זיך ווי די הינט... פלאָדיען זיי”...

פונעם איינגעוויקלטן פּעקל שמאַטעס האָבן צוויי שוואַרצע אויגן אַרויסגעלויכטן, ווי געשליפענע אָניקס... אויפן אויסגעדאַרטן העלדזל איז געהאַנגען א באַשריבן שטיקל פּאַפּיר: — „זי הייסט סעלינאַ"...

אויף גיך האָט דעמאָלט די אויפזעערין דערלאַנגט דאָס וויינענדיקע פּעקל שמאַטעס צו א שוואַרצער דינסט און באַפוילן:

— „זאָל עס זיך גיכער אָנזויפן, וועט עס פאַרמאַכן ס'פּיסק"... און גע־מורמלט צו זיך: — „גייען ליידיק, האָבן ניט וואָס צו טאָן... קינדלט מען"..

די דינסט האָט ערגעץ א שליידער געטאָן דאָס קינד אין א ווינקל אַריין, געגאַנגען ברענגען מילך, און געזאָגט: — „שוין ס'דריטע היינט"... און — גאָר ניט האָט פּאַסירט...

* *

*

אין קרעש זיינען אַלע הוימלאָזע קינדערלעך געוועזן גלייכע מיוחסים, פון באַזונדערע צערטלעכקייטן האָט קיינס ניט געוואָסן... אָבער סעלינאַ האָט שוין צו 5 יאָר געגומען ליידן פון קנאה־געפילן. איר פלעגט זיך דאַכטן אז בעת אַלע הענטלעך שטרעקן זיך אויס מיט אייפער, וואָס גיכער צו באַ־קומען די זיסע „סאָברע מעזאַ" (דעסערט), די געפּרעגלטע באַנאַנעס פאַלן אַריין תמיד, פריער צו יענע קינדערלעך, וועלכע האָבן ווייסע הענט־לעך....

ווען סעלינאַ איז צו 8 יאָר ס'ערשטע מאָל געלעגן קראַנק, האָט זי אַליין געזען, ווי דער דאָקטאָר, איז צוערשט אַוועק צום שכנישן בעטל, וווּ ס'איז געלעגן א ווייס קינד.... און צולעצט געקומען זי פרעגן: — „וואָס טוט דיר ווייִ?" האָט סעלינאַ, ווי איר שטייגער איז געווען, געשוויגן אין קישן אַריין...

נאָר ווען דאָרפישע מענטשן זיינען געקומען אַדאָפּטירן הוימלאָזע קינדער, האָט סעלינאַ געבעטן די ערשטע: — „נעמט מיך"....

אָבער אויך אין דאָרף זיינען אירע קנאה־געפילן פאַרטויושט געוואָרן אויף אַנדערע גרימענישן...

די דארפס-לייט האבן ניט געזוכט קיין קינדער צוליב בענקשאפט... זיי האבן אליין געהאט גענוג „פרעסערס”. פון איר האט זיך בלויז געפאדערט, א געזונטער גוף מיט שטארקע הענט... און כאטש סעלינא האט דאס גע־האט, האט איר אבער דא געפעלט דער גרויסער הויף פון קרעש, מיט׳ן שטילן ווינקעלע ווו זי האט כאטש געקענט אויסשווייגן אלע אירע נישט ארויסגערעדטע טענות... בעת אין דארף, ווען די ארומיקע טאלן זיינען נאך אין נאכט געהילט און אויף די הויכע בארג-שפיצן האט זיך נאך ניט בא־וויזן דער מארגנשטערן, ווערט זי שוין געוועקט צו שווערער דארפישער פראצע... אזוי טאג אויף טאג, אן אן אפרו, אן א פיצל פארוויילונג. נישטא מער קיין צייט צום שפילן זיך... בלויז אין די אוונטן, איין גרויסע אטראק־ציע — דאס הויכע פייפן פון דער אנקומענדער באן...

סעלינא האט שוין געוווסט, אז ווען דער הימל צינדט זיך רויט און די בערג טוליען צוזאמען זייערע געהויקערטע רוקנס, דערהערט זיך פון־וויטנס א געדעמפטער פייף, בלישטשענדיקע פלעמעלעך נעמען ארויס־באנצן פון די טיפע טאלן און סעלינא לויפט דאן גיך צום שמאלן וועג. זי׳ער גרויסער הונט, סעגרעדא, לויפט איר נאך. נאענט צו די באן-שינעס ציען זיך ביידע אויס, האלטן איין דעם אטעם און אז דאס שווערע גרילצן קא־לערט זיך שוין נאענט צו זייערע אויפגעשפיצטע אויערן, לעבן זיי איבער דעם גרויסן תענוג מיט א שטילן עקסטאז און מיט פארמאכטע אויגן... ערשט ווען דער צוג איז שוין פארביי זייערע בארוועסע פיס, טוען זיך ביי־דע א שטעל אויף, ווי נאך א הייליקער תפילה... און גיבן זיך באלד צוריק א ווארף אויף דער ערד, נעמען מאכן קינדערשע קאזשעלקעס, ביי עס ווערט איינגאנצן נאכט... אט דאס איז געווען איר גאנצע דארפישע פאר־ווייליונג...

* *

*

צו 12 יאר האט סעלינא שוין געפאקט איר כלומרשטן „טאטן” אדורכ־שפיזן איר אנגעיורענעם בוזים... מיט זיינע שרפנדיקע אויגן, געקוקט אויף איר פארגאפט און נאריש געשמייכלט... דעם זעלבן אוונט האט זי אליין זיך גוט אדורכגעקוקט, געוואלט פארשטיין דעם טאטנס אויסגעלופעטע אויגן... און אויסגעפונען, אז זי איז שוין טאקע אזוי צייטיק, ווי די יונגע קו אינעם פארמאכטן שטאל... און ווען די בייזע פארגרינטע „מאמע” האט

פּלוצים דערפילט, אַז איר שטילן מאַן האָט עס אויך גענומען ציען צום פייפן פון דער באַן... האָט זי גיך געמאַכט א סוף דערצו... אויסגעפונען אַז, די פרעמדע מויד איז שוין צו דערוואַקסן.... אַז מען מעג איר שוין געבן אויף א גרעסערער שטעלע... און אַז זיי קענען שוין אַדאָפּטירן א קלענערע פון איר...

* *

*

זינט דעמאָלט אַרבעט סעלינאַ אין „פּאַלאַס האָטעל”. אָבער אויך דאָ, איז זי אַריין מיטן לינקן פוס. אַז שרייבן קען זי ניט, לייענען, אויך ניט, אַפילו לייטיש רעדן איז איר שטאַרק שווער... זאָגט זי שוין יאָ אַמאָל אַרויס א געדאַנק, באַקומט זיך תמיד דאָס פאַרקערטע... דעריבער האָט זי כמעט ווי אויפגעהערט צו רעדן: אָדער זי האָט געטאָן א פאַרשעמטן קוק אין א ווינקל אריין, אָדער זייטיק, זיך פּלוצים גענומען שטיקן פון געלעכטער... קיינער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פאַר וואָס און פאַר ווען, נאָר פּלוצים, פון דער העלער הויט, זיך גענומען קאַטשען אין דרייען, איר פולער גוף האָט קאָנוווּלסיוו אונטערגעציטערט, פון דער נאָז, מויל און אויגן האָט זיך גע־גאָסן טרערן... און דער גוף האָט זיך געקאָרטשעט פון געלעכטער...

אירע עמאָציעס פון טעגלעכע איבערלעבונגען, פלעגן שפּעטער פון איר ארויסרעדן אויפן באַנאַכטיקן געלעגער... אַז זי האָט אויפגעכאַפּט דאָס קושן און האַלדזן זיך פון די דינסטן מיט זייערע יונגען, זיינען אירע אויפ־געשפּיצטע אויערן געוואָרן, ווי צוויי אָנגעשטעלטע אַנטענעס... אויפגע־כאַפּט דעם כוואַליענדיקן אומרו פון טראָפּישן בלוט... און צוריק ארויסגע־שפּילט פון איר אין א פאָרם פון ספּאַזמאַטישע געלעכטערס.... אַזוי־לאַנג, ביז איר יונגער געזונטער גוף איז שוין גרייט געווען צו אַלע מינים סעקסו־עלע שפּילערייען... פּונקט דעמאָלט האָבן זיך געיאָוועט, אַנטאָניאָ מיט איג־נאַציאָן... ביידע זיינען פאַר איר געוואָרן, ווי איין אינסטרומענט וואָס האָט פאַרשפּילט און פאַרזונגען איר גאַנץ אומזיניקן לעבן... אָט האָט זי זיך אָפּ־געגעבן אַנטאָניען, און אָט איז זי געווען אין די אָרעמס פון איגנאַציאָן... אַזוי דעם גאַנצן דאַטשע־סעזאָן.

סוף זומער איז סעלינאַס שלאַנקער קערפּער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַזאַ רונדקייט, וואָס האָט זיך פאַרשפּיצט אין צענטער פון בויך... איר לופּטיק גענגל, האָט זיך שווער גענומען וואַקלען און אַנטאָניאָ מיט איגנאַציאָן האָבן זיך שטיל גענומען אַמפּערן: ווער פוןביידן ס'וואָלט געדאַרפט צו שטעלן אַ חופּה... אָבער קיינער פון זיי, האָט ניט געקענט קלאָר מאַכן אַזאַ פאַרנעפּלטן „האַריזאָנט"... סעלינאַ אַליין, האָט, אָדער שטיל געקוקט איין איר פלוצימדיקער צעוואַקסענקייט, אָדער געשטיקט זיך פון געלעכטער... אויך שפּעטער, ביי דער אַנטבינדונג, איז פון איר מויל ניט געקומען קיין פּיצל קלאַנג, קיין קרעכץ, קיין שאָרך, נאָר שטיל געלעגן, ווי אַ פאַרגיפטעטע מומיע און געשוויגן... בלויז ביים סאַמע סוף, ווען איר צעוויטיקט לייב האָט פון זיך אַרויסגעגעבן צוויי שוואַרצע גופּימלעך אויף איין מאָל, האָט זיך פון איר אינגעווייד אַרויסגעריסן אַ הילכיקער „מעו דעוש" (מיין גאָט)... און די צוויי שוואַרצע נפש'לעך, ווי ערשט געבוירענע קעצעלעך, האָבן זיך געבאָדן אין איר פרישן, וואַרעמען בלוט...

ביי דער טויפונג פון די קינדער, האָט זיך דער גלח שווער געמאַטערט אַרויסצוקריגן פון סעלינאַס מויל כאָטש אַ סימן, אַן אָנדייט, אַ וואָרט וועגן די קינדערס אַ טאַטן.. סעלינאַ האָט שטום אריינגעשוויגן אין די פאַרשוויצטע קישנס אריין, געקוקט מיט פאַרנעפּלטע בליקן צו דער ווייסער סטעליע און — שאַ...

* *

*

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, האָט דער אַלטער וועכטער פונעם שטעטלשן קרעש אויפגעריגלט די פאַרזשאַווערטע טירן און געפינענדיק צוויי שוואַרצע, אין שמאַטעס איינגעוויקלטע גופּימלעך, האָט ער זיי באַלד אַ דערלאַנג געטאָן דעם פאַרשלאָפענעם דירעקטאָר וועלכער האָט שטיל אַרויסגעוואָרטשעט:

— „זיי פלאַדיען זיך ווי די הינט... פלאַדיען זיי"...

פונעם פּעקל צעריסענע שמאַטעס האָבן אַרויסגעבלישטשעט צוויי פּאָר אָניקס שוואַרצע אויגעלעך... אויף זייערע מאַגערע העלדזעלעך זיינען געהאַנגען קליינע צעטעלעך, באַשריבענע מיט „קאָטשערעס און לאַפּעטעס", ווי מ'האָט מיט גרויסע שוועריקייטן, קוים געקענט אַרויסלייענען:

— „זיי הייסן, איגנאַציאָ און אַנטאָניאָ"...

# פאריזער
# מאטיוו

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיינע אומגעקומענע:

**ברודער יעקב מיט זיין פרוי רבקה**

**און זייער איינציק טעכטערל;**

**שוועסטער חוה מיט איר מאַן יאַנקל**

**און זייערע צוויי קינדער,**

וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון די

נאַצי־מערדער אין פּאַריז.

# אויסגעלאָשן סיום־כפור־
# ליכט

געווידמעט מערין

דאָס קליינע קלויסטערל אַנטקעגן מירלס נידעריקן פענסטער, האָט זיך אינעם ערב יום־כפור באַגינען מיסטיש צעקלונגען ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה. אין מירלס האַרץ האָט עפּעס א נאָענטע דערמאָנונג שטיל א צאַפּל געטאָן און אירע פאַרבענקטע בליקן האָבן גענומען זוכן אינעם בלייכן פרימאָרגן הימל א רמז צו דעם פאַרבאָרגענעם ציטער אין איר האַרץ. מירלען האָט זיך געדאַכט, אז היינט טראָגן זיך די פאַרחלומטע קלויסטער־טענער אנדערש, ווי א גאַנץ יאָר... די דאָזיקע קלאַנגען וואָס זי האָט כמעט יעדן טאָג אזוי גלייכגילטיק פאַרנומען, האָבן געקלונגען מיט א פאָרכטיקן ציטער אין זייער געברום:

— גים גום גאָם, גים גום גאָם...

מירלען האָט געשיינט, אז זי הערט גאָר רופן:

— אין שול אריין. אין שול אריין...

* *

*

מירל איז אין דער אלטער היים קיינמאָל קיין פרומע ניט געווען, פאַרקערט, צווישן די קינדער אין שטוב, פלעגט מען זי רופן אפיקורס'טע... זי איז ניט מדקדק געווען אויף די כללים פון כשרות, ניט אָפּגעהיטן יידי־שע דינים, ניט געהאלטן פון ווייבערשע מצוות... און דאָך — דעם גע־היימניספולן ציטער ביים אָנקום פון ימים נוראים, האָט זי אין זיך איינגע־זאַפּט נאָך אלס קינד, און ס'איז שוין אין איר פאַרבליבן, ווי א הייליקע מיסטעריע אויף אלע יאָרן....

מירל, וואָס איז ערשט א קורצע צייט אין פאַריז, געדענקט נאָך גוט איר טאַטנס ווייסע הענט, אויסגעשפּרייטע אויף איר צעפּאַטלטן קאָפּ, זי בענטשנדיק צום אוועקפאָרן אין דער ווייטער וועלט אריין. זיינע פרומע ליפּן האָבן דעמאָלט שטיל געמורמלט:

— פאַרגעס ניט ווער דו ביסט... און בלייב א יידישע טאָכטער...

קיין פּאַריז איז מירל געקומען מיט א צוויי־יאָריק קינד אויף די הענט, געקומען קעמפן מיטן לעבן... שטרייטן מיטן שיקזאַל... וואָכן און חדשים האָט זי געבלאָנדזשעט איבער די פּאַריזער פריילעכע בולוואַרן, געזוכט צו באַקומען עפּעס אַן אַרבעט אהיימצונעמען און ערשט מיט 8 טעג צוריק, איז זיך איבער איר מרחם געווען עפּעס א גויאיש פאַבריקאַנטל וואָס האָט זי פריער ארומגעקוקט פון אלע זייטן, אויסגעפרעגט אויף איר גאַנצן יחוס און לסוף מסכים געווען אהיים צו געבן אביסל ארבעט... פון דעמאָלט אָן, שפּילט זיך שוין איר קינד א סך פריילעכער, וואַרקעט אין די פרי־מאָרגנס, ווי א ליכטיקע טויב. איר קינדיש געלעכטער מאַכט פריילעכער דאָס טונקעלע האָטעל־צימער...

אין דער אַלטער היים פלעגט מירל תמיד דערפילן דעם אָנקום פון יום־כפור לויטן אויסזען פון הימל. די זון האָט געקענט שיינען אין איר גאַנצער פראַכט — פאַר איר אָבער, איז דער הימל דעמאָלט פול געווען מיט טרויעריקע וואָלקנדלעך וואָס האָבן א גאַנצן טאָג אומעטיקע געצויגן צום כסא־הכבוד, כדי דאָרטן צוגלייך מיט אלע זינדיקע נפשות געמשפּט צו ווערן אין יום הדין...

דעם היינטיקן פרימאָרגן האָט מירל ווידער דערזען דעם אַמאָליקן היימישן ערב־יום־כפור הימל, אין געדאַנק ווי געזען די היימישע יידן מיט נאַסע פּאות אין ווייסע קיטלען, שלייכן אין די שטעק־שיך איבער די אומע־טיקע געסלעך, ציען זיך צו די באלויכטענע בתי־מדרשים. און די ווייבער, אין בונטע, קאָלירטע קליידער מיט ווייסע סטענגעס אין די קאַרבירטע שייטלען, איילן זיך מיט די דיקע סידורים און דינע תחינות אונטערן אָרעם, גרייט ביי יעדער באַגעגעניש זיך הויך צו צעוויינען. ווינטשן יעדן אויפן וועג — אַפילו א שונא — א גמר חתימה טובה...

זי האָט זיך אויך דערמאָנט אין אַן ערב יום־כפור אלס קינד. איר מו־טער האָט זי מיטגענומען צו כל־נדרי, און ווען דער לובלינער רבי ר׳ שלמה׳לע אייגער, האָט זיך באַוויזן אין שול, האָט אויף אים געשוועבט א רעליגיעזע פאַרכטיקייט. זיין בלייך פּנים מיטן שמאָלן קמץ־בערדל האָבן נים אויסגעקוקט ערדיש. מיט זיין דין לירישן קול האָט ער שפּיזיק שאַרף געגעבן דעם ערשטן טאָן, ווי א זיכערער קאַפּעלמייסטער וואָס פילט הינ־טער זיך א גוט־איינגעשטודירטע קאַפּעלע:

— „אור זרוע לצדיק"!!!

באַלד האָט דער רבי אויפגעהויבן זיינע בלייכע אויסגעאיידלטע הענט און געבעטן:

— „האַר פון דער גאַנצער וועלט, דערבאַרעם דיך איבער דיין פאָלק ישראל"!... און גלייך פאַרבאָרגן זיין בלאַס פּנים צווישן די קלאָרע הענט. מען האָט דערפילט, אַז עס שטיקט אים א געוויין אין האַלדז, ער האָט ניט געקענט מער רעדן און זיך צעכליפּעט אויפן קול... ווי א ברענענדי-קער פונק געוואָרפן אין א טרוקענעם שייער, אזוי האָט דאַמאָלט דעם רבינס געוויין אָנגעצונדן דעם וויים-באַקיטלטן עולם:

— „אור זרוע לצדיק"!!!

האָבן אַלע מיטגעוויינט און — ווי אַן אורגאַן וואָס מאַכט די שטאַרק-סטע ביימער זיך בויגן און קרעכצן פון זיין אָנגעזאַמלטן אויסברוך, אזוי האָבן די איינגעהילטע יידן אין די ווייסע טליתים זיך געבויגן און גע-קרעכצט פונעם רבינס הייליקע תפילות.

מירל האָט דאָס דאָזיקע בילד דעם היינטיקן פרימאָרגן נאָכאַמאָל אי-בערגעלעבט און אונטער דער דאָזיקער ווירקונג באַשלאָסן צו גיין זען די אזוי מען דאַוונט אין פאַריז כל נדרי.

* *
*

א גאַנצן טאָג האָט זיך מירל געגרייט בייצוזיין די פייערלעכע תפילות. אין הימל האָט זי ווידער דערקענט די אַמאָליקע היימיש-טרויעריקע וואָל-קנדלעך... זי האָט אויסגעפּוצט איר אָרעמן צימער מיט ווייסע פאָרהענגלעך, פאַרשפּרייט דאָס קליינע טישל מיט א ווייסן טישטוך און אליין געבליבן זיך אָנצוטאָן א וויים קליידל. אויך די מאכלים האָט זי צוגעגרייט יום-טובדיקע, און אין אָוונט ווען אויף אַלץ איז שוין געווען אויסגעגאָסן די פייערלעכע יום-כפור שטימונג, האָט מירל אַרויפגעבראַכט א גרויס יום-טוב ליכט, עס אוועקגעשטעלט אין א קעסטל זאַמד אויפן איבערגעדעקטן טיש און דערמאָנט זיך, ווי איר מאַמע פלעגט בענטשן די קינדער פאַרן גיין צו כל-נדרי. האָט זי זיך אויך אַראָפּגעלאָזט צום קליינעם בעטל פון איר

פלאַפּלענדיק קינד, אָן ווערטער געגומען אירע וואַרעמע הענטלעך צו דער ברוסט, איינגעגראָבן איר קאָפּ אין דעם קליינעם קישעלע און כליפּנדיק שטיל דערפילט איר גרויסע מצוה. און ווען אירע ליפּן האָבן געהאַלטן אין בעטן אַ בעסערן גורל פאַר איר קליין מיידעלע, האָט, אין דעם מאָמענט, אַ דרייסטער קלאַפּ איבערגעריסן די שטילע יום־כפור־אידיליע... אין דער האַלב־אויפגעמאַכטער טיר איז געשטאַנען אַ הויכער שייגעץ, מיט אַ געלן קענזשער האָר פאַרוואָרפן אין אַ זייט, אונטערן אָרעם אַ פּעקל צוגעשני־טענע דאַמען־טאַשן און ער האָט אַ באַפעלערישן זאָג געטאָן מיט אַ גראָבן קול:

— אַט איז אַרבעט פאַר אייך... מאָרגן פרי מוז עס פאַרטיק זיין!

מירל, אַ דערשראָקענע, האָט געגומען שטאַמלען: כ'האָב געוואָלט גיין, כ'מוז גיין, גיין, כ'וועל ניט קענען מאַכן...

דער הויכער שליח פון מירלס באַלעבאָס האָט ווייל־יונגעריש אַ ווונק געטאָן צום אָנגעצונדענעם יום־כפור ליכט און אַרויסגערעדט איראָניש:

— „אַז מען וויל ניט גיין אין פאַבריק, מוז מען אין פּאַריז אַרבעטן ווען דער באַלעבאָס וויל... און ניט ווען אייך ווערט זיך גלוסטן... „אָרעוואָר”!

ווי פאַרשטיינערט האָט מירל געכאַפּט אַ תמ'עוואַטע קוק אויפן יום־טובדיקן טיש וואָס האָט געהויכט מיט פאַרכטיקער ערנסטקייט, געקוקט אויפן איבערגעדעקטן מאַשין וואָס האָט שטיל גערוט אין אַ ווינקל. און אָט האָבן זיך אירע אויגן אָפּגעשטעלט אויפן צעכראַסטעטן פּעקל אַרבעט וואָס איז געלעגן שטרענג, ווי עפּעס אַ מוראדיקער געזעץ... באַפעלעריש דערמאָנט אין איר אומזיסטן אַרומלויפן איבער די גאַסן און פאַבריקן... דערמאָנט אין הונגעריקע טעג מיט שלאָפלאָזע נעכט... און אָט האָבן זיך אירע בליקן אָפּגעשטעלט אויף דעם פאַרוויינטן, איבערגעשראָקענעם קינד... מירל איז שטיל צו צום קליינעם בעטל, טיף אַריינגעקוקט אין איר קינדס בלויע אומשולדיקע אויגן און לסוף אַ בּאַרואיקטע אַרויסגערעדט:

— פאַר דיר און צוליב דיר...

אַ וואַקלענדיקע, ווי אַ שיכור, האָט זיך מירל דערנענטערט צו דער איבערגעדעקטער מאַשין, אַראָפּגענומען דאָס ליילעך, אָנגעהויבן צו דריי־ען דאָס רעדל, דערזען אַז דאָס קלעצל פּאַדים האָט זיך פּלוצים שטאַרק

פֿאַרפֿלאָנטערט... גענומען איינפּעדימען די „ציפּקע” וואָס האָט פֿארעקשנט זיך געהאַלטן אין איין איבעררייסן... און אָט זיינען אירע פֿאַרטראַכטע בליקן פֿלוצים געפֿאַלן אויפֿן שפּיגל וואָס איז געהאַנגען אנטקעגן דער מאַשין. פֿון דאָרטן האָט ארויסגעפֿלעמלט דאָס הויך-צעלויכטענע יום-כּפּור-ליכט וואָס האָט פֿלוצים גענומען שפּריצן מיט פֿונקען... און די דאָזיקע פֿונקען, האָט זיך איר געדאַכט, האָבן אויגן באַקומען, א וועלט מיט אויגן וואָס קוקן אויף איר און בעטן זיך עפּעס, און מאָנען ביי איר עפּעס... איז מירל מיט פֿעסטע טריט און א זיכערן געדאַנק פֿלינק ווי א הירש צוגעלאָפֿן צום איבערגעדעקטן יום-טוב-טיש און מיט איין שניידיקן בלאָז אויסגעלאָשן דאָס יום-כּפּור ליכט...

# שטילע נעכט אויף אלע פראָנטן

די גלאַנציק־אַספאַלטירטע שאָסייען אויף דער פראַנצויזישער פראַווינץ האָבן אינם אָוונט טונקל אויסגעקוקט, ווי מיט טוי־באַדעקטע שפיגלען. קליינע ציכטיקע דערפלעך, אין געדיכטן גרינס־געהילט, פון מענטשן אויסגעליידיקטע, האָבן אימהדיק זיך געטוליעט אין ארומיקער שוואַרצקייט. איבער די רחבותדיקע פעלדער, און שיטער דורכזיכטיקע וועלדער, האָט אָפּגעקלונגען דאָס אומהיימלעכע קלימפערן פון שווערע טאַנק־רעדער. א מוראדיקע גרילצעריי האָט זיך געקוילערט איבער שטיינערנע בערגלעך. ווו די טאַנקס האָבן זיך געצויגן אויף זייטן וועגן, ווי א כמאַדע, איינס אונטערן אַנדערן, צום שחיטה פּלאַץ.

די לבנה, א גאַנצע, איז געשווומען איבערן טונקל־בלויען, מיט זילבער באַהאָפטענעם הימל, פון צייט צו צייט זיך באַהאַלטן אונטער א פאַרביי־פאָרנדיקן וואָלקנדל, און באַלד זיך צוריק באַוויזן א קלאָרערע, ווי אָפּגעטובלט צו ווייטערדיקן שפּאַציר...

אויף א שמאָלן, ליימיקן וועג, וואָס שלענגלט זיך צו דער טיפער „מאַזשינאָ ליניע" האָט זיך שטיל געגליטשט אַן איינזאַמער אויטאָ. דאָס ליכט טונקל געדעמפט, די פענסטער ברייט פאַרהאַנגען, און דער מאַשין, מיט שווערן טאָפּען, פון איינגעהאַלטענעם גאַנג, האָט זיך געהוידעט אויפן שמאָלן משופּע־וועג, מיט פאָרזיכטיקייט ניט אריינצופאַלן אין זייטיקן ראָוו.

ווו א קער — מיליטערישע וועגענער, ווו א בליק — רייטנדיקע און פאָרנדיקע סאָלדאַטן. בלויז ביי די זייטן האָבן זיך געשלייכט צעשראָקענע פוסגייער.

פרוי סאַבינע, א טונקעלע, א שלאַנקע, אין די הויכע מאָנאַטן... האָט א מידע זיך געטוליעט אינם חושך פונם פאַרמאַכטן אויטאָ. די לעצטע טעג האָבן אויסגעשעפּט אַלע אירע כוחות. דאָס פועלן א זעאונג מיט איר איינציקן זון איז איר גרינג נישט אָנגעקומען. שעהנווייז איז זי אָפּגעשטאַנען

ביי די שמאָלע פענסטערלעך פון דער פּאַריזער פּרעפעקטורע. פונם ענג־שאַפט האָט מען זי נישט איינמאָל ארויסגעשלעפּט א פּאַרחלשטע. אָבער די בענקשאַפט, דער שטאַרקער ווילן צו זען איר קינד האָט איר כוח גע־געבן איבערצוטראָגן אַלע גיהנומס.

מיטן ווייסן פּאַפּירל אין דער ציטערדיקער האַנט איז זי שפּעטער אַרומגעלאָפן א פרײדיקע. מאָרגן! מאָרגן וועט זי זען איר 22־יאָריקן זשאַקאָבן, איר איינציק קינד, דעם אוצר...

אוודאי ווען ס'זאָל איר געוועזן העלפן דאָס בעטן ביי אים, דאָס וויינען טאָג און נאַכט: בלייב מיט דער מאַמען! בלייב ביז מען וועט דיך רופן — ביז מ'וועט צווינגען... ער אָבער איז געבליבן פאַרעקשנט, פרייוויליק, גלייך מיט אַלע קאָלעגן געגאַנגען פאַרטיידיקן דאָס פרייע, פריינטלעכע פראַנקרייך...

סאַבינע געדענקט נאָך מיט 24 יאָר צוריק, אין אַן ענלעכער נאַכט, איז איר מאַמע ע"ה געפאָרן צו דער בריסקער פעסטונג, זיך זען מיטן עלטסטן זון, מיט יעקבן... דער מאַמען האָט מען דעמאָלט אהיים גע־בראַכט אין א פאַרמאַכטער בויד. ס'גאַנצע פּנים אירס איז געוועזן, ווי פון געלן פּאַרמעט, מיט שפּיזיק צעחושכטע אויגן... זי האָט נישט גערעדט, נישט געשריען, נאָר געקוקט שטום, מרה־שחורהדיק, מיט אַזאַ גרויזאַם ווייטיקלעכן בליק, אז אין שטוב האָבן אַלע ספּאַזמען באַקומען. ערשט פאַרן טויט האָט איר מאַמע ארויסגעבראַכט איינציקע, לעצטע ווערטער: איך גיי צו מיין קינד, צו יעקבן...

צוויי יאָר שפּעטער האָט סאַבינע איר „ערשטלינג" א נאָמען געגעבן נאָכן געפאַלענעם ברודער... איצט פאָרט זי זען איר זשאַקאָבן. אינם קליי־נעם רענצעלע האָט זי בלויז אַריינגעפּאַקט א פּאָר היימישע קיכעלעך, זיסן טאָרט און דאָס ווייסע שאַליקל, — זשאַקאָב זאָל זיך ניט פאַרקילן דעם האַלדז... אין דעם לעצטן בריוול שרייבט ער אפילו, זאָרג נישט מאַמינקע! כ'איז א קינדער־שפּיל די איצטיקע מלחמה... עס כאַפּט דעם אַנבליק, ווי די צדדים וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש....

ביי אַן אונטערערדישן אַריינגאַנג צו דער „מאַזשינאָ ליניע" נעבן א קליין דערפל מיט נידעריקע, רויט־געפאַרבטע הייזקעס, האָבן זיך געפּו־נען די „פאָרפּאָסטנס", וואָס האָבן דריי מאָל אין מעת לעת געביטן די

האָך אין יענע ערטער, ווו ס'האָבן געשוועבט דעם שונאס פּאַטרולן... ביי איינעם פון די קליינע שטיבעלעך האָט דער לייכט-וויגנדיקער אויטאָ זיך פאַרהאַלטן און סאַבינען האָט דאָס האַרץ א פריידיקן פלאַטער געטאָן: אַכט וואָכן ניט געזען זשאַקאָבן!... אינם שוואַרצן מאַנטל, מיטן קליינעם ספּאָרט היטעלע, האָט זי געאיילט צו דער טיר... א לינד פרילינגס-ווינטל האָט געקילט איר צעפלאַמט ברוין פּנים. אינם גאַנצן אַרום — טיפע חשכות. אויפן אָפּשיין פון די געפּוצטע שויבן — א שדים-טאַנץ פון נאַכטיקע שאָטנס. די ארומיקעביימער, ווי שוואַרצע געשפּענסטער, האָבן שאַרכנדיק געשושקעט סודות פון אייביקער אומוואַנדלונג... ביי א טיר נומער 13 האָט סאַבינע לייכט אָנגעקלאַפּט. א שטילער עכאָ האָט זיך פאַרמישט מיטן ווינט אינדרויסן. ביים צווייטן קלאַפּ האָט די טיר זיך אליין אויפגעעפנט. א וואַרימער אָטעם פון א געזונטן קערפּער האָט געהויכט אינם קליינעם, פינסטערן צימערל. סאַבינע האָט מיט זיך געקעמפט: — אויפוועקן?... וואַרטן?... נאָר אליין נישט וויסנדיק, האָבן אירע ציטערדיקע ליפּן שטיל גענומען שעפּטשען: מיין יעקעלע, זשאַקאָב! א יונג אַטלעטיש'ער גוף האָט זיך א געזונטן באַוועג געטאָן. א צאַרטע שטימע, נאָך אין האַלבן דרימל, האָט שוואַך א פליסטער געטאָן: — מאַמעניו?! גיך האָבן זיך מאַמע און זון פעסט ארומגענומען. — קינד מיינס, זשאַקאָב! — האָבן אירע פאַרווײנטע אויגן געוואַשן זיין ווייסן שטערן: — מאַמעניו — קומט שוין זשאַקאָב אינגאַנצן צו זיך: ביסט געקומען פונקט ווען איך האָב דינסט! — נאָך א ווײלע און איך וועל מוזן גיין אויף מיין פּאָרפּאָסטן... סאַבינע, א ביסל פאַרשעמט, וואַרפנדיק א זייטיקן בליק אויף איר פאַרשפּיצטן בויך פאַרענטפערט זיך: — זעסט דאָך! איך האָב נישט געקענט וואַרטן לענגער — וויל... היינט מאָרגן און וועסט אפשר האָבן א ניי ברודערל...

זשאַקאָב, איז לוסטיק און פריילעך, קושט כסדר זיין טייערע מאַמינקע, אויף גיך נעמט ער אָפּ גרוסן פונם פריילעכן פּאַריז, און אויך סאַבינע שפּאַסט: בלויז די באַנאַכטיקע פינצטערניש דערמאָנט, אַז דאָס לאַנד איז אין קריג... זשאַקאָב ווייצלט זיך אויך: דאָ איז אויך נישט קיין גרויסער אונטערשיד... ס'טרעפט, זאָגט ער, אז א פּאָרפּאָסטן קערט זיך אמאָל נישט אום... נו, ווערט ארויסגעשיקט א צווייטער, נאָך א גרעסערער, זוכן דעם ערשטן... און טיילמאָל טרעפט, מען מוז שיקן זוכן די זוכער... ווייטער גאָרנישט — פאַרענדיקט זשאַקאָב ווי זיין שטייגער, הומאָריסטיש לאַכנ-

דיק. נאָך ביי סאַבינען אין האַרץ האָט עפּעס אַ שטילן ציטער געטאָן. אויך די ביימער, וואָס האָבן שטיל אַריינגעשאַרכט דורכן אָפענעם פענסטער, זיינען, דאַכט זיך, געבליבן אומבאַוועגלעך, ווי מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. סאַבינע דערשראָקן, האָט איר זון אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט: — גאָט מיינער! שווייג זשאַקאָב! שווייג!... פון דרויסן איז געקומען אַ שניידיקער פייף. — מאַמעניו! איך מוז מיך שוין אָנטאָן — און מיט אָנגעשטרענגטער היימלעכקייט צוגעגעבן: — איצט איז צוויי אַזייגער, זיבן וועלן מיר פרישטיקן צוזאַמען...

נאָך פופצן מינוט האָבן לייכטע דאַרפישע טירן אומהיימלעך געגומען סקריפּען... צען געזונטע, פעסט-געבויטע יונגען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן פעלד און, אין דער טונקלקייט, האָט סאַבינע, מער געפילט, ווי געזען איר זשאַקאָבס ברוינע, צעפלאַשעטע לאָקן, וואָס זיינען אים אַראָפּגעפאַלן טיף אין די שוואַרצע אויגן אריין... נאָך פון קינדווייז אויף, האָט סאַבינע צום ליבסטן געהאַט אין איר זשאַקאָבן דעם אויסזען. זיין הויכע ווקס האָט זיך מער אויסגעטיילט פון די איבעריקע בחורים. דאָס ווייסע שאַליקל האָט געלויכטן פון ווייטנס, ווי אַ פרידנס-פאָן... אָן דעם האָט זי אים נישט געוואָלט אַוועקלאָזן: — עס איז קאַלט, טו אָן!... זשאַקאָבס אויסגעשטרעקטע הענט גריסן סאַבינען פונווייטנס: — ביז אינדערפרי, מאַמינקע! — אויף ווידערזען... אַ ווייטער עכאָ האָט דייטלעך צוריקגעשלאָגן: אויף ווידערזען . . .

אַרום דעם קליינעם לעמפּעלע האָבן געגומען טאַנצן שוואַרצע שאָטנס. די ביימער האָבן פאַרשטאַרקט זייער שטילן גערויש. אָן איינזאַמער הונט האָט זיך צעבילט אין דער טיפער נאַכט אריין. סאַבינע איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פון פענסטער. זי האָט זיך צוגעקוקט צום שטילן אוועקגיין פון דער מידער לבנה, געזען, ווי דער גאַנצער הימל איז געוואָרן איין שטיק צעגאָסענע סמאָלע. די מינוט פון טאָגס געבורט האָט אויסגעזען געדריקט, ווי אין אַ פּרעס. ס'איז אָנגעגאַנגען דער אייביקער קאַמף פון סוף מיט אָנהויב... אין מערב האָט זיך גענומען וועבן אַ דין, פּאַסיקל בלויקייט און אויפן האָריזאָנט האָבן זיך גענומען אָפּרייסן שוואַרצע שטיקער פאַרהאַנג. עס האָבן זיך געשפּינט די הימלשע אינגעווייד און שטיל אַרויסגעלאָזט דאָס נייע העלע באַשעפעניש... יונגער טאָג

האָט זיך גענומען באָדן אין ראָזע פּאַרבן, ביז בלוטיקע רויטקייט האָט גע־בראַכט דעם ערשטן זונענגרוס.

זעקס — האַלב זיבן — זיבן... סאַבינעס נערוון האָבן זיך צעשרויפט. ברדר ווי קאַלט דאָ איז, עס שוידערט... איר דערלויבעניש איז נאָך ביל־טיק ביז עלף פרי, איז נאָך געבליבן אזוי ווייניק צייט צו פאַרברענגען מיטן קינד... דערווייל האָט מען שוין אלע סאָלדאַטן גערופן צום קאַפע און זשאַ־קאָב איז נאָך אַלץ נישטאָ! עס קלינגט האַלב אַכט... אינם ווייבערשן טראַכט האָט דאָס נישט געבווירענע לעבן זיך א שטאַרקן טרייסל געטאָן.... א געוויש פון אן אַראָפּלאָזנדיקן עראָפּלאַן האָט צערודערט די פאַרגלי־ווערטע שטילקייט. סאַבינען האָט זיך געדאַכט, אז אין צעלויכטענעם הימל ווו די זון איז שוין געשטאַנען א גאַנצע האָט פלוצים עפּעס אדורכגעקרייזט, ווי א פייערדיקער בליץ, אירע אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן געוואָרט אויפן קנאַל פון א דונער... זי האָט אויפגעציטערט פון א לייכטן קלאַפּ אין טיר. געזען א זעלנערישן מונדיר, א ברייט היטל מיט אן אָפיצירסקן קנאָפּ, א שמאַל-בלאַס פּנים מיט א בלאָנדן קענזשער-האָר: און — האָ? וואָס? — חלום איך? — זשאַקאָב? געוואַלד! זשאַקאָב! זאָגט שוין גיכער, וווּ איז זשאַקאָב?

— אנטשולדיקט מאַדאַם — האָט א פראַנצויזישער אָפיציר זיך באַ־מיט צו רעדן וואָס צאַרטער, דעליקאַטער — ליידער... ניט צוריקגעקומען... מאַדאַם...

—האָ? וואָס? — ניט צוריקגעקומען? וואָס מיינט מען דאָס? — האָט סאַבינע אין ערשטן מאָמענט ניט באַגריפן וואָס מען רעדט צו איר. און דער אָפיציר נאָך ווייטער:

— יאָ. עס טרעפט... ס'איז דאָך מלחמה...

— מלחמה?! האָ?! כאַ-כאַ-כאַ-כאַ! כאַ-כאַ-כאַ! מלחמה!!!

און סאַבינע האָט גענומען קלאַפּן מיט געביילטע פויסטן אין איר פאַרשפּיצטן בויך שרייענדיק ווילד: — מלחמה! מלחמה!

דער אָפיציר האָט איר רחמנותדיק אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— באַרואיקט אייך, מאַדאַם, מ'טאָר נישט...

—מ׳טאָר נישט? כאַ־כאַ־כאַ! — אויסרונען זאָל עס פון מיין בויך! שוין! איצט! — נעמט עס רויערהייט::: צוואָס נאָך געבוירן, אויפציען, צוגרייטן? נעמט עס! נאָט אייך!!!

געזען ס׳איז שלעכט, איז דער אָפיציר געלאָפן רופן הילף... דערווייל האָט ער געכאַפּט א בליק אין דער פרישער צייטונג וואָס האָט געציטערט אין זיינע הענט. אויף דער ערשטער זייט האָט ער געלייענט די גרויסע אותיות:

אחוץ קליינע צוזאַמענשטויסן מיט פּאַטרולן, איז ווייטער — גאָרנישט פאָרגעקומען:

„שטילע נעכט אויף אַלע פראָנטן"...

*Rosa Palatnik*

**KRASNIK-RIO**

CONTOS

# טײַטש-ווערטער

**סקליעפּאָווע**
פאַרקויפערין

**אָגזשעוואַניע**
באַהייצונג

**פּאָמיעשטשען**
אויספּילן

**יעי באָגו**
ביי גאָט

**אוגאָשטשאַיען**
מכבד-זיין

**סאַמאָ דערזשאַוויעץ**
אַליינהערשער

**פּאָר פּאַוואָר**
ביטע זייער

**א פּראַזו**
אויף אויסצאָלן

**ניעסקוטשאַי**
זאָרג ניט

**פּאָיזש נאָן, פּרעסיזאַ**
ביטע, אַוודאי באַדאַרף מען.

**נאַטוראַלמענטע פּרעסיזאַ**
נאַטירלעך באַדאַרף מען

**סקאָלקאָ אוגאָדנאָ**
וויפל מען וויל נאָר.

**פּאָדאַוואַי**
גיב אַהער

**קיטאַנדעס**
גרינס-און-פּרוכט געשעפטלעך

**טאָוואַזשיסטווע**
געזעלשאַפט

**סטאַרטשען**
„סטאַיען" — קלעקן.

## תיקון-טעות

זייט 34 שורה 22 — אָנשטאָט מאָבן דאַרף זיין האָבן.

זייט 69 שורה 3 — אָנשטאָט נאָך שבועות דאַרף זיין נאָך א שבועות

זייט 109 שורה 25 — אָנשטאָט געהאַלטן דאַרף זיין באַהאַלטן.